STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01145

ZIKHROYNES FUN A BUNDIST

Hillel Blum

Permanent preservation of this book was made possible
by Lilian Dubb
in honor of
her children & theirs

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הלל כץ בלום

זכרונות פון אַ בונדיסט

בילדער פון אונטערערדישן לעבן
אין צאַרישן רוסלאַנד

אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף
פון בילדונגס־קאָמיטעט פון אַרבעטער רינג
ניו יאָרק
1940

Printed in the United States of America

געדרוקט אין
פאַרלאַג אַטלאַנטיק — ניו יאָרק
33 גראַנד סטריט.
178

געווידמעט דעם אָנדענק
פון מיין ערשטן לערער
און חבר אַרקאַדי קרעמער

הלל כּץ בּלום

פאָטאָגראַפיע גענומען אין יאָר 1903

אַ ביסל זכרונות וועגן ח׳ הללס זכרונות

פון ב. צביון

איך בין באַקאַנט געוואָרן מיט ח׳ הלל פּונקט מיט 40 יאָר צוריק. עס איז געווען אָנפאַנג פרילינג 1900, ווען צו מיר אויף מיין קוואַרטיר אין ריגע, 14 וועבער שטראַסע האָט זיך באַוויזן גאַנץ אומדערוואַרטעט אַן אומבאַקאַנטער בלייכער יונגערמאַן מיט גרויסע בלאָנדע וואָנצעס און אַ קליינעם טשעמאָדאַנטשיק אין האַנט. איך געדענק ניט, אונטער וואָס פאַר אַ נאָמען ער האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַר מיר, מיר דוכט, אַז ער האָט מיר אין גאַנצן ניט געזאָגט ווי זיין נאָמען איז, נאָר ער איז גלייך צוגעטראָטן צום פּסוק, אַז ער דאַרף מיט מיר עפּעס ריידן. איך האָב זיך גלייך אָנגעשטויסן, אַז עס איז קאָנספּיראַציע און איך האָב געטראָפן.

הלל האָט געבראַכט מיט זיך אַ פּעקל בונדיסטישע ליטעראַטור פאַר דער באַוועגונג אין ריגע, אָבער גראָד מיט אַ פּאָר טעג פאַר זיין קומען זיינען פאָרגעקומען אַרעסטן אין שטאָט און ער האָט ניט געפונען וועמען אָפּצוגעבן דעם פּעקל. די מייסטע אַקטיווע טוער זיינען געווען אַרעסטירט און די איבערגעבליבענע זיינען גע־לעגן ערגעץ באַהאַלטן. דורך אַ צופאַל האָט ער גע־קראָגן מיין אַדרעס און ער איז צו מיר געקומען מיטן פּעקל.

אייגנטלעך בין איך געווען אַ רעכט ביסל אומפאַר־זיכטיק, אָבער עס האָט גאָרניט פּאַסירט. אַגב, איז דאָך ניט געווען וואָס אַנדערש צו טאָן. איך קען דאָך דעם טייערן פּעקל אין גאַס ניט אַרויסוואַרפן.

דאָס אינטערעסאַנטסטע פאַר מיר, וואָס איך האָב געפונען אין דעם פעקל ליטעראַטור, איז געווען דער 6טער נומער „אידישער ארבייטער", ניט קיין אָפיציעלער בונדיסטישער זשורנאַל, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין דער שווייץ. איך האָב אין דעם נומער געפונען אייניקע פראַגן, וואָס האָבן מיך פאַראינטערעסירט, באַזונדערס די יידישע נאַציאָנאַלע פראַגע, וואָס איז באַהאַנדלט געוואָרן אין אַ לאַנגן אַרטיקל פון בן אחוד, שפּעטער, ווען איך בין געקומען אין דער שווייץ האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דאָס איז דר. חיים זשיטלאָווסקי). אַ גרויסער טייל פון דעם דאָזיקן אַרטיקל האָט זיך מיר ניט געלייגט אויפן שכל, אָבער איך בין דורך אים שטאַרק פאַראינטערעסירט געוואָרן אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע און איך האָב געזוכט צו לייענען וועגן איר אַלץ, וואָס איך האָב נאָר געקענט קריגן. מיט אַ קנאַפּן יאָר שפּעטער, זייענדיק אין דער שווייץ, האָב איך אַליין אָנגעשריבן פאַרן „אידישן אַרבייטער" אַ לענגערן אַרטיקל וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע (עס איז געווען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער דעבאַטע וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע פון „בונד"). דאָס איז געווען מיין ערשטער אַרטיקל אין יידיש, וואָס איך האָב זוכה געווען צו זען געדרוקט, און ער איז פאַקטיש אויך געווען דער אָנפאַנג פון מיין בונדיזם. דער רעדאַקטאָר פון „אידישן אַרבייטער" איז דעמאָלט געווען וולאַדימיר קאָסאָווסקי, וואָס האָט נאָך אין יענער צייט אַליין קיין יידיש ניט געקענט שרייבן, און ער האָט געזוכט מיך אויסצונוצן פאַרן „אידישן אַרבייטער" וויפיל ער האָט נאָר געקאָנט. איך האָב אַפילו אָנגעשריבן אַ ליד (אַ סאָציאַלע פאַרשטייט זיך) — דאָס ערשטע און אויך דאָס לעצטע ליד, וואָס איז פון מיר געדרוקט געוואָרן. נאָר ווען איך האָב אייניקע יאָר שפּעטער דאָס ליד געלייענט, האָב איך אָנגעפאַנגען שטאַרק צווייפלען אין וולאַדימיר קאָסאָווסקיס מבינות אויף פּאָעזיע.

ווי איר זעט האָט ח' הלל געהאַט אַ גאַנץ נאָענטע שייכות מיט דעם, וואָס איך בין געוואָרן אַ בונדיסט,

און אפשר טאַקע מיט דעם, וואָס איך בין געוואָרן אַ יידישער שרייבער.

עס איז טאַקע געווען נאָכדעם, ווי מיין אַרטיקל איבער דער נאַציאָנאַלער פראַגע האָט זיך אָפּגעדרוקט אין „אידישן אַרבייטער" אונטער דעם נאָמען איש תקוה, האָב איך זיך אָנגענומען מיט מוט און זיך געווענדעט צו דעם אַמעריקאַנער „פאָרווערטס", אַז ער זאָל מיר שיקן אַ קאָרעספּאָנדענטן־קאַרט אים צו פאַרטרעטן אויף דעם פינפטן ציוניסטישן קאָנגרעס, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין באַזעל. איך בין זייער שטאַרק געהויבן גע־וואָרן אין מיינע אויגן, ווען איך האָב אַזאַ קאַרט באַ־קומען און בין נאָך מער געהויבן געוואָרן ביי זיך, ווען איך האָב דערזען מיינע קאָרעספּאָנדענציעס געדרוקט.

ליידער קען איך ניט זאָגן, אַז איך האָב אַ חלק אין דעם, וואָס ח' הלל איז געוואָרן אַ יידישער שרייבער. איך קען זיך טיילווייז אפשר באַרימען, אַז איך האָב אַ חלק אין דעם, וואָס ער איז געקומען אין אַמעריקע, אָבער ניט אין דעם, וואָס ער האָט אָנגעפאַנגען שרייבן.

עס איז מיר מערערע מאָל אויסגעקומען צו לייענען זיינע מאַנוסקריפּטן און איך האָב פון זיי יעדער מאָל אויסגעפונען, אַז ער האָט אַ טאַלאַנט צו דערציילן און אַז ער האָט אַ סך זאַכן וואָס צו דערציילן, אָבער עס איז אָפּט גאַנץ שווער דאָ ביי אונדז צו קריגן פּלאַץ, ווו עס צו דערציילן.

ח' הלל איז איינער פון אונדזערע עלטסטע בונדיסטן. ער איז איינער פון די עשרה ראשנים אויב מען קען עס אַזוי אָנרופן, וואָס האָבן געגרינדעט דעם „בונד". ער האָט פיל צו דערציילן וועגן דער סאָציאַליסטישער רע־וואָלוציאָנערער באַוועגונג איידער דער „בונד" איז נאָך געגרינדעט געוואָרן און פיל מער פון דער שפּע־טערדיקער צייט. און עס זעט מיר אויס, אַז ער האָט אַ גוטן זכרון. ער געדענקט פאַקטן און מענטשן. צוויי באַדינגונגען, וואָס זיינען נויטיק צו שרייבן זכרונות. און

דערצו זיין גרויסע מעלה פון קענען דערציילן. איך בין דע־ריבער זיכער, אַז די זכרונות פון ה׳ הלל וועלן געלייענט ווערן מיט גרויס אינטערעס און וועלן זיין אַ וויכטיקער ביישטראַג צו דער יידישער סאָציאַליסטישער מעמואַרן־ליטעראַטור.

פון מחבר

דער דײַטשישער ראָמאַניסט שפּילהאַגען זאָגט אין אַ פאָררעדע צו זײַנעם אַ בוך, דאָס יעדע פאָררעדע איז אייגנטלעך אַ נאָכוואָרט. אין אַ פאָררעדע גיט זיך, דאָס רוב, איבער דער אינהאַלט פון בוך. די אורזאַכע, וואָס עס האָט געבראַכט צום שרײַבן א. ד. גל. וועגן מעמואַרן איז דאָס געוויס ריכטיק.

אין דער צאַרישער רוסלאַנד, אין דער אונטערערדישער באַוועגונג בין איך געווען אַ כל בו: אַ ר ע ד נ ע ר, געוויינלעך אין וואַלד, וואָס אָפּט איז דאָס געווען דבר אל העצים ואל האבנים;*) אַ פּ ר א פּ אַ ג אַ נ ד י ס ט, מען פלעגט נעמען אַן אומלעגאַלן ביכל, צי סתם אַ רוסישן, אַרויסנעמען דעם אינהאַלט און איבערגעבן צו די, וואָס האָבן ווינציקער פאַרשטאַנען; אַ ש ר ײַ ב ע ר פון פּראָקלאַמאַציעס, קאָרעספּאָנדענציעס פאַר דער אומלעגאַלער פּרעסע, געוויינלעך טענדענציעז, ווי יעדע אַגיטאַציע. קיין ליטעראַטור אין ריינעם זין איז דאָס ניט געווען; און אויב איך האָב זיך גענומען צום שרײַבן און פאַרעפנטלעכן

---

*) אָנהייב די ניינציקער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, האָבן מיר אַ שבת בייטאָג צוזאַמענגענומען אַ 15 — 20 בחורים, שניידער פון ווילנע אין אַ וואַלד, און מען האָט זיי דערקלערט די נויטווענדיקייט צו זיין פאַראייניקט, און ווי די אַרבעטער פון בעלגיע, ענגלאַנד האָבן געקעמפט, און וואָסערע פאָדערונגען זיי האָבן געשטעלט צו די באַלעבאַטים, צו די רעגירונג א. ד. גל. און די נויטווענדיקייט פון אַ יוניאָן פאַר אַרבעטער.

נאָך דעם מיטינג האָט מען געגרינדעט אַן אָנהויב פון אַ יוניאָן, חברה יונגוואַרג האָבן מיטגעבראַכט אַ פלעשל שנאַפּס,ביים „לחיים" האָט מען זיך גענומען צווינטשן, איינער פון די שניידער, וועלכער איז שוין געווען אַמאָל אַ פּאָר יאָר אין אַמעריקע, האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ גאַנצן ראַדיקאַל, ווען עס איז געקומען צו אים צו זאָגן „לחיים"! איז ער אַרויס מיט שטאָלץ: איך טרינק פאַר דער צייט ווען די באַלעבאַטים וועלן ווערן אַרבעטער, און מיר אַרבעטער וועלן ווערן די באַלעבאַטים.

מײַנע זכרונות, בילדער פון אמאָליקן אונטערערדישן לעבן און קאַמף, אין אַ בוך־פאָרם, וואָס דאַרף שוין האָבן אַ מער ליטעראַרישע פאָרמע, איז דאָס צוליב דער אויפפאָדערונג פון אייניקע וויכטיקע פערזאָנען, ווי די לייענער וועלן דאָס זען אין די ווײַטערדיקע באַשרײַבונגען.

חבר פ. קורסקי האָט אָנגעשריבן אַ סעריע אַרטיקלען אין „צוקונפט" אין יאָר 1933. אין מאַרטש נומער „צוקונפט" שרײַבט ער וועגן די אויסלענדישע אָרגאַניזאַציעס פון „בונד". דאָרטן דערמאָנט ער: דאָס „חבר הלל בלום האָט אויף אַ ליאַמע" אין בערן, פאָרגעלעזן פון אַ מאַנוסקריפּט אַ פּאָר קאַפּיטלעך פון זײַנע זכרונות, וואָס האָבן געמאַכט אויפן עולם אַ טיפן אײַנדרוק; אין אייניפאַכע פשוטע ווערטער האָט ער געשילדערט די ערשטע טריט פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אָנהויב די נײַנציקער יאָרן אין ליטע, די ערשטע רעוואָלוציאָנערע יום טובים, די ערשטע פאַרזאַמלונגען אויף באַהאַלטענע ערטער אין וועלדל אויסערן שטאָט א. א. וו. איך האָף, אַז דאָס וואָס חבר הלל האָט אונדז דעמאָלט פאָרגעלעזן, וועט זיך נאָך אַמאָל באַווײַזן אין אונדזער פּרעסע".

אין יאָר 1934 באַקום איך אַ בריוו פון זעלביקן חבר פ. קורסקי, דאָס דער „ייוואָ" (יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט) גייט אַרויסגעבן אַ באַנד היסטאָרישע שריפטן וועגן דער געשיכטע פון דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג ביז דער גרינדונג פון „בונד", ד. ה. ביז דעם יאָר 1897, און אַזוי ווי איך בין געווען איינער פון די דרײַצן, וואָס זײַנען געווען די גרינדער פון „בונד" און געאַרבעט עטלעכע יאָר נאָך פריער, פאָדערן זיי פון מיר מײַן פרצוף פנים (פאָטאָגראַפיע), מײַן ביאָגראַפיע, די עלטערן, די סביבה, די שטעטל דעם גראַד פון בילדונג (?) און ווי אַזוי עס האָט זיך פאַרקליבן דער באַציל פון סאָציאַליזם אין דער נשמה פון אַ מענטשן.

אין אָנהויב האָב איך זיך אָנטזאָגט צו שרײַבן. דאַן האָט נאָך געלעבט אַרקאַדי קרעמער, גלעב, וויטאַלי אײַזענשטאַדט, מענטשן, וואָס זײַנען געווען די באַשאַפער און די טוער פון די צענטראַלע קערפערשאַפטן, און זיי האָבן געוווסט מער פון מיר (איך

בין געווען אַ לאָקאַלער טוער)‏; חוץ דעם, געשיקטע דאַרף מען שרײַבן קורץ און פּינקטלעך, און איך בין אַביסל אַ געשטראָפ־טער, איך בין „אַ מהיר לשמוע ומהיר לאבד" און צו געשיכטע פאָדערט זיך אַ בעסערער זכרון ווי מײַנער, ז י י ווען וויסן בעסער פאַר מיר וואָס און ווי צו שרײַבן.

וועגן מײַן ביאָגראַפיע? — אַזוינע ווי איך זײַנען געווען צווישן אונדזערע ליטווישע יונגעלײַט אין די הונדערטער; מען האָט זיך געהאָדעוועט בײַ אָרעמע עלטערן אין אַ רעליגיעזער סביבה, געלערנט אין אַ חדר, אין אַ ישיבה, באַהאַלטענערהייט געליי‏ענט אַ „טריף פּסול", אַ השכלה־ביכל אין לשון קודש. מען האָט געשטרעבט צו בילדונג, די „בת השמים", און ניט געהאַט די מעגלעכקײַט דאָס צו דערגרייכן. מען האָט געזוכט אַ תכלית אין לעבן פאַר זיך, און, צײַטנווײַז, אין אַ זייער „נאַיווער" פאָר־מע אויך פאַרן כלל ישראל; ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן שיטן אויף אונדזערע קעפּ די „צײַטווײַליקע געזעצן" די איגנאַטאָוויס גזרות, און דער גירוש מאָסקווע, דאָס האָט שטאַרק צעטרייסלט די נשמות פון דער מער פילנדיקער יוגנט;*) מען איז געוואָרן אַן אַרבעטער, אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין דער אַרבעטער באַוועגונג, און אין סאָציאַליזם, און דאָ האָט מען געקראָגן דעם תיקון.

ווען חבר קורסקי און חבר בן אדיר (א. ראזין) האָבן מיר געשריבן אַ צווייטן מאָל, דאָס איך זאָל שרײַבן וועגן מײַנע זכרונות און וועגן מײַן אַרבעט אין דער באַוועגונג, האָב איך גע־שריבן אַזוי קורץ ווי מעגלעך און אַוועקגעשיקט.

ווען מען איז געוואָרן באַגײַסטערט פאַר די נײַע אידייען, האָט מען דאָס איבערגענומען מיטן זעלבן עקסטאַז און הערלעכ־קײַט פון דער רעליגיאָן, וואָס איז געוואָרן אָפּגעשוואַכט. מען האָט געפילט אויף זיך אַ פליכט צו לערנען, שטודירן די נײַע אידייע,

---

*) גענאָסע גלעב האָט מיר דערציילט, דאָס בעת אַרקאַדי קרע־מער האָט געלעזן אין „וואָסכאָד" וועגן דעם גירוש מאָסקווע האָט ער דאַן, אַ פּופּצן יאָריקער בחורל, אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש און אויסגעשריען: „אַלעקסאַנדער דער דריטער, איך וועל מאַכן ציטערן דײַן טראָן!" און ער האָט זיין וואָרט געהאַלטן, ער האָט דערלעבט צו זען דעם צאַרישן טראָן געפאַלן, און ער האָט פיל מיטגעהאָלפן אין דעם.

ניט צו מאַכן קיין טעותן אין דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, אַזוי ווי אַ געוויסנהאַפטער דאָקטאָר מעדיצין מוז שטודירן צופּאַסן זײַנע קענטעניש צו די נײַע דערפינדונגען און מעטאָדן, ווײַל ער האָט צו טאָן מיט לעבעדיקע פילנדע מענטשן. אין אַלץ האָט מען זיך פאַראינטערסירט, אָנהויבנדיק מיט פּאָליטישער עקאָנאָמיע, וואָס דאָס איז געווען דער פונדאַמענט פון סאָציאַליזם, היסטאָריע און נאַטור־וויסנשאַפט, קולטור־געשיכטע, און מער פון אַלץ אין די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען פון דער גאַנצער וועלט און פון אַלע צײַטן. ווען איך בין אַרײַנגעקומען צו הירשע דעם סטאָליאַר*) מיטאָגצײַט, האָט ער אָפּגעגעסן אין 10—15 מינוט, און די איבעריקע צײַט האָב איך אים געפונען ווי ער לייענט שווער די ביאָגראַפיע פון די „ברידער גראַקכי". מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק האָט מען זיי אין דעם אַלטן רוים פאַרמשפּט צום טויט פאַר זייער פאָדערונג פון מער דעמאָקראַטיע פאַרן פאָלק. אָרימע מיידלעך, זאַקן־מאַכערקעס, וואָס האָבן געאַרבעט 15—16 שעה אַ טאָג, און געלעבט אויף ברויט מיט הערינג מיט טיי אַ גאַנצע וואָך, מיט זיי האָט מען געלערנט די ערשטע געזעצן פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע, נאַטור־וויסנשאַפט און זיי האָבן געהאַט אַ ווילן צו לייענען גוטע ליטעראַטור. אסתר די שנײַדערקע למשל האָט זיך באַרימט, אַז זי האָט שוין דורכגעלעזן זעכציק ביכער, און ברײַנדל, איר חברטע, האָט זיך באַקלאָגט: איך האָב נאָך „ספּאַרטאַק" ניט געלעזן; דער רעזולטאַט איז געווען, דאָס ביז דער מלחמה פון 1914, ווען איך האָב נאָר געטראָפן אין דער פּרעסע באַשריבן אַ וויכטיקע רעוואָלוציאָנערע פּאַסירונג, און דאָ אין אַמעריקע אין דער אַרבעטער באַוועגונג, אין אַרבעטער רינג, האָב איך שטענדיק באַגעגנט די נעמען פון פּערזאָנען פון יענעם פּעריאָד, וואָס ו ו י ס ן און פ אַ ר ש ט י י ן איז געווען די הויפּט־פליכט פון יעדן סאָציאַליסט, פון יעדן רעוואָלוציאָנער, וואָס האָט געהאַט אויף זיך אַ פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט.

*) הירשע דער סטאָליאַר איז געווען אַן ערנסטער מענטש און אַ פעיקער אַרבעטער, ער איז געווען איינער פון די גרינדער פון דער ערשטער יידישער אומלעגאַלער צייטונג „אַרבייטער שטימע", אַרעסטירט געוואָרן אין יאָר 1898 מיט דער געהיימער דרוקעריי פון „בונד" אין באָברויסק, געשטאָרבן אין ניו יאָרק אין יאָר 1909.

קאַרל קאַוטסקי האָט נאָך געשריבן אין יאָר 1903,*) דאָס בעפאָר דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, ווען די בור־זשואַזיע האָט געשטרעבט צו פאַרכאַפּן די מאַכט פון די פעאָדאַלן, האָבן זיי געשטרעבט צו בילדונג און עגאָיסטישע צוועקן. זיי זײַנען געווען רעוואָלוציאָנער, און האָבן דאַן אַרויסגעגעבן פיל גרויסע געלערנטע, פּאָליטישע טוער א. א. וו. יעצט זײַנען די אַרבעטער רעוואָלוציאָנער און שטרעבן צום וויסן, פאַרשטיין און עגאָיסטישע צוועקן, ווײַל זיי שטרעבן איבערצונעמען די מאַכט.

ווען איך האָב אָוועקגעשיקט מײַן מאַנוסקריפּט קיין פּאַריז, האָב איך געקראָגן אַן ענטפער און אַ דאַנק פון חבר מענעס; קורסקי האָט מיר געשריבן אַמאָל, דאָס מײַנע זכרונות איז מאַ־טריצירט און פאַרטיק צום דרוק, און אַזוי זײַנען אַריבער לאַנגע פינף יאָר; פעברואַר, דעם 12טן, לעצטן יאָר, לעז איך אַ רעצענ־זיע פון דר. מ. ווײַנרײַך אין „פאָרווערטס" איבערן בוך: „די סאָציאַליסטישע באַוועגונג ביז דער גרינדונג פון „בונד", דריי־טער באַנד היסטאָרישע שריפטן, ווו ער גיט אַן איבערבליק איבער די אַלע אַרטיקלען, וואָס געפינען זיך דאָרט, ווי אויך איבער די זכרונות פון א. ליעסין, אַננאַ ראָזנטאַל, ח. ראַפּפּאָרט, גורע־וויטש און אַנדערע און ער רעקאָמענדירט „ניט צו פאַרפעלן דורכ־צולייענען די זכרונות פון דזשאָן מילל, וואָס געפינט זיך יעצט אין טשיקאַגאָ, און פון הלל כץ בלום, וואָס געפינט זיך יעצט אין קליוולאַנד". ווען איך האָב באַקומען דאָס בוך, צוזאַמען מיט אַ בריוו פון דר. ווײַנרײַך, ראָט ער מיר אַז בעת איך וועל לייענען דאָס בוך זאָל איך האַלטן אַ העפט און פאַרצייכענען די טעותן, וואָס איך וועל געפינען און ניט שעמען זיך צו קריטיקירן און זאָל צושרײַבן דאָס, וואָס איך האָב פאַרפעלט...

ש. ניגער אין זײַן רעצענזיע („טאָג", 12טן יולי, 1939) שרײַבט:

„הלל כץ בלום, איינער פון די פּיאָנערן פון דער בונדישער באַוועגונג, וועלכער לעבט זינט 1904 אין אַמעריקע, באַנוגנט זיך אויך ניט, נאָר מיט זײַנע רעוואָלוציאָנערע ערינערונגען. אים, אַזוי ווי אַננאַ ראָזענטהאַל, אינטערעסירט דאָס גאַנצע ייִדי־שע לעבן פון אַמאָל, אָבער די סביבה, וואָס ער מאָלט אונדז

*) אין „די נייע צייט", לאָנדאָן.

אויס איז פּונקט דער היפּוך פון דער סביבה, אין וועלכער אַננאַ ראַזענטהאַל איז דערצויגן געוואָרן: זי שטאַמט פון רײַכע גע־שעפטסלײַט, זיין פאָטער איז געווען אַן אָרימער שנײַדער. אין אירע מעמוּאַרן זעען מיר, ווי פון אויבן זײַנען יידישע אינטעלי־גענטן געקומען צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג; ער, ווײַזט אונדז, ווי ייִדישע אַרבעטער האָבן זיך פון אונטן געצויגן צו דער רויטער פאָן".

„אי בײַ די, אי בײַ יענע איז די רעוואָלוציע געווען אַ גלויבן, זי האָט זיי פאַרביטן די רעליגיע, אין וועלכער זיי זײַנען דער־צויגן געוואָרן".

„לייענט די באַשרײַבונג, וואָס כץ בלום גיט אונדז פון אַ געהיימער פאַרזאַמלונג אין אַ וואַלד, וועט איר זען, אַז עס איז געווען אין דעם עפּעס פון אַ גאָטעסדינסט" (ז. 357).

„די הײַנטיקע סאָציאַליסטן האָבן קיין אָנונג ניט פון דער פרומקײַט און דער סאָציאַליסטישער מאָראַל, וואָס האָט אָנגע־פילט די הערצער פון קאַרל מאַרקסעס אַמאָליקע חסידים: „וועגן מאַטעריעלע באַקוועמלעכקײַט" דערציילט אונדז הלל כץ בלום „האָט מען זיך ווינציק געקימערט... אַלע חברים זײַנען געווען פרײַנטלעך, ברידערלעך, איבערגעגעבן איינער דעם צווייטן... ווען איינער, אַן עלטערער סטאָליאַר, וואָס געהאַט אַ שטיקל שײַכות צו דער באַוועגונג, איז געוואָרן קראַנק, ער האָט געוווינט אין אַ קעלער־שטוב, פלעגן מיר זיצן גאַנצע נעכט משמורים... וואָס מען האָט געקענט טאָן אַליין, האָט מען געהאַלטן פאַר אוממאָראַליש צו באַנוצן זיך מיט אַ צווייטן, ווען איך פלעג אויפשטיין אינדערפרי, פלעג איך אויטאָמאַטיש זאָגן די ברכה ונתן לנו תורת אמת"..... תורת מאַרקס איז געווען די נײַע תורת אמת, ס'איז געווען אַ נײַ רעליגיע, אַ נײַע מאָראַל".

„סײַ בײַ אַננאַ ראָזענטהאַל, סײַ בײַ הלל כץ בלום איז דאָ אַ ט מ אָ ס פ ע ר ע פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אַמאָליקע יאָרן — אָט די אַלגעמיינע אַ ט מ אָ ס פ ע ר ע איז אפשר נאָך וויכטיקער, ווי די קאָנקרעטע פאַקטן, אָבער אויך די פאַקטן זײַנען וויכטיק. אָט אַ שטייגער אַ פאַקטישע מיטטיי־לונג, וואָס וועט צונוץ קומען דעם ביאָגראַף פון ש. אַנסקי... אויף דער פײַערונג (פון דעם 25 נומער „אַרבײַטער שטימע) האָב איך

פאַרגעלייענט, אין בערן, שווייץ) פון יאָר 1901, זכרונות פון אַ בונדיסט, באַזונדערס אויפמערקזאַם האָט זיך צו זיי צוגעהערט ש. אַנסקי. ער האָט דעמאָלט באַגריסט די פֿײַערונג מיט אַ ליד, וואָס איז דערנאָך געוואָרן דער בונדישער הימן — „די שבועה״... און אַ. וו.״

פאַר די פינף יאָר צײַט האָב איך אַ פּאָר מאָל געשריבן צום רעדאַקטאָר פון „די צוקונפט״, אברהם ליעסינען און ער ענטפערט מיר: אײַער בריוו האָט מיר זייער פאַראינטערסירט, וואָלט איר מיר דערלויבט אײַער בריוו אויסצונוצן?... פאַרוואָס זאָלט איר ניט שרײַבן אין אייערע ערינערונגען אויך די זייער אינטערעסאַנטע פאַקטן, וואָס איר דערציילט אין אײַער בריוו? דאָס זעלבע האָט מיר געשריבן דער סטאַטיסטיקער און פובליציסט יעקב לעשצינסקי, ווען איך האָב אים צוגעשיקט אַ פּאָר מאַנוסקריפּטן, וועגן די אָנגעווייטיקטע פראַגן פון אונדזער יידישן לעבן, און ער ענטפערט מיר (פערזענלעך האָבן מיר זיך דאַן ניט געקענט) „אַלץ וואָס איר האָט אַמאָל געשריבן האָב איך אין מײַן אַרכיוו, די מאַנוסקריפּטן וועל איך אויסנוצן בײַ אַ געלעגנהײַט. דערלויבט מיר צו פאַרעפנטלעכן דעם אינהאַלט פון אײַער בריוו צו מיר?״; פיל מענטשן פון דער באַוועגונג, קולטור־טוער האָבן מיר דערמוטיקט צו שרײַבן: „אַזוי ווי איך בין שוין איינער פון די לעצטע מאָהיקאַנער, וואָס האָבן געגרינדעט דעם „בונד״, וואָס האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין יידישן לעבן, און אין אַרבעטער לעבן בפרט, און אין אייניקע יאָר אַרום וועט פון אונדז שוין מסתמא קיינער ניט פאַרבלײַבן, האָב איך באַשלאָסן איצט אַרויסצוגעבן מײַנע זכרונות אין אַ בוך־פאָרם. דאָרט אין דעם היסטאָרישן באַנד פון „ייוואָ״ האָב איך געהאַט אַ באַגרענצטן פעריאָד, ביז דער גרינדונג פון „בונד״, די ווײַטערדיקע צײַט איז ניט אַרײַן אין זייער פּראָגראַם, און איך בין נאָך געווען אין רוסלאַנד מיט אייניקע יאָר שפּעטער, אויך אין די מערב־אייראָפּעיִשע שטעט האָב איך עטוואָס געלערנט און בײַגעטראָגן מײַן חלק, אויף וויפיל מײַנע אומשטענדן און צײַט האָבן מיר דערלויבט.

מיט 15—20 יאָר צוריק וואָלט איך זיך מסתמא אָפּגעהאַלטן פון שרײַבן וועגן זיך, ווײַל די חסרונות ווילט זיך געוויינלעך ניט אַרויסצײַגן פאַר די לייענער, די מעלות ?... ווי זאָגט זיך דאָרט אין משלי „יהללוך זר ולא פיך״, נאָר אַזוי ווי איך דאַרף שוין ניט זאָגן „הרי אני כבן שבעים שנה״, איך האָב שוין אַריבערגעשפּאַנט דעם זיבעציקסטן יאָר, און איך דערוואַרט שוין גאָרנישט פון לעבן, איך בין שטענדיק געווען צופרידן ווען אַ צווייטער האָט אָנגענומען איין אַרבעט, אויב איך האָב געפילט אַז ער איז פעיִקער, פּראַקטישער און וועט דערפילן זײַן אויפגאַבע בעסער פון מיר, האָב איך אים מיטגעהאָלפן; איצט, ווי מײַן מאַמע פלעגט זאָגן, ווען זי האָט אַריבערגעלעבט דעם זיבעציקסטן יאָר, איצט לעב איך דאָך געשענקטע יאָרן, און אַזוי ווי קיין גיבור בין איך קיינמאָל ניט געווען, „ימי שנתנו בהם שבעים שנה ואים בגברות שמנים שנה״. איצט קען מען זיך שוין דערלויבן צו שרײַבן דעם אמת וועגן זיך, וועגן די מיינונגען, וואָס אַנדערע האָבן אַרויסגעזאָגט, סאָפיע דובנאָוו עהרליך אין דעם ביכל, וואָס זי האָט צוזאַמענגעשטעלט וועגן דעם „גאַרבער בונד און וועגן בערשטער בונד״, ברייננגט דאָרט מײַנע אַ קאָרעספּאָנדענציע פון „יידישן אַרבעטער״, וואָס איז געשריבן געוואָרן מיט אַ יאָר פאַר דער גרינדונג פון „בונד״. זי שרײַבט, אַז דאָס איז אַ וויכטיקער היסטאָרישער דאָקומענט אַלס דער בראַשית פון דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג.

אויב מײַנע זכרונות וועלן זײַן אַ מוסטער פאַר דער צוקונפטיקער יוגנט, ווען עס שטייט פאַר שווערע קאַמפן, ווי צו באַציען זיך ערנסט צו נאַציאָנאַלע און געזעלשאַפטלעכע פראַגן, און צו דאָס, וואָס עס מיינט „פליכט״, דאַן וועלן זיי אויסגעפינען, אַז עס לוינט זיך צו אַרבעטן פאַרן כלל, פאַר אַ פאָרטגעשריטענער אידעע, און אַז מען געפינט אין דעם אַ צופרידנהײַט. און דאָס וועט בײַ זיי אַרויסרופן אַ נויטווענדיקײַט צו שטודירן פאַרשטיין און קעמפן.

ערשטער טייל

1

זכרונות פון אַ בונדיסט

מײַן פֿאָטער איז געווען אַ שנײַדער.*) אין די יונגע יאָרן איז ער געווען דער בעסטער שנײַדער אין שטעטל, גענייט פֿאַר די פּוילישע פּריצים און געמאַכט אַן אָנשטענדיק לעבן, לויט די אומשטאַנדן פֿון יענער צײַט. ער איז געווען אַ בעל־הבית מיט אַן אייגן הויז, מיט אַ גאָרטן, מיט צוויי „שטעט" אין בית־המדרש — פֿאַר זיך און פֿאַר דער מאַמען. ער האָט פֿאַרשטאַנען אַ פּירוש־המילות, פֿלעגט אָפֿט ברענגען אַן אורח אויף שבת פֿון שול. בעת בײַ אונדז אין פּ אָ ז ע ל ו ו ע, קאָוונער גובערניע, האָט זיך געמויערט אַ נײַער בית־המדרש, האָט עס אים אָפּגעקאָסט ביז 18 — 20 רובל. אין מײַנע קינדער־יאָרן אָבער אַז ער שוין געווען אַן עלטערער מענטש (איך בין דער בן־זקנים, געבוירן געוואָרן 25 טעג אין חשון תרכט — פֿרי־ווינטער 1868) און אַ קראַנקער. די פּריצים זײַנען שוין געווען פֿאַראָרעמט איבער די „מיאַטעזשן" און רדיפֿות פֿון דער רוסישער רעגירונג און זײַנען זיך צעפֿאָרן אין די גרויסע שטעט, און מען האָט געדאַרפֿט מאַכן אַ לעבן פֿון שטעטל.

*) דער מחבר פֿון די דאָזיקע אינטערעסאַנטע זכרונות וועגן די ערשטע יאָרן פֿון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג פֿון ווילנע און ביאַליסטאָק, הלל קאַץ, איז געווען אַ מיטגליד פֿון דער ווילנער פּיאָנערן־גרופּע און איינער פֿון די גרינדער פֿון „בונד", אַן אַרבעטער, באַקאַנט אין דער אָרגאַניזאַציע אונטערן נאָמען הלל. זינט 1904 לעבט ער אין אַמעריקע, וווּ ער רופֿט זיך הלל בלום. דער מחבר איז עטלעכע יאָר געווען שטענדיקער מיטאַרבעטער פֿון די אומלעגאַלע סאָציאַליסטישע אָרגאַנען „אַרבעטער־שטימע" און „אידישער אַרבייטער". שפּעטער האָט ער אויך אָפּגעדרוקט עטלעכע אַרטיקלען אין דער אַמעריקאַנער יידישער סאָציאַליסטישער פּרעסע אונטערן פּסעוודאָנים „בן יחזקאל" און „הלל הזקן". — רעד. פֿון ייוואָ אין ווילנע.

פון מײַן פריסטער יוגנט האָב איך שוין געזען דחקות, אָרעמקײַט. מײַן מוטער, זייער אַן איידעלע און גוטע פרוי, האָט שטענדיק געליטן פון טאַטן, סײַ ווען ער איז געווען געזונט, און באַזונדערס ווען ער איז געווען קראַנק, אויסער וואָס זי האָט געהאַט צען קינדער און זיבן פון זיי באַגראָבן. זי פלעגט אָפט וויינען, ספּעציעל מאָנטאָג און דאָנערשטאָג בײַם זאָגן דעם „לאַנגן והוא רחום״. מײַן האַרץ פלעגט מיר צע־ריסן ווערן פון רחמנות צו דער מאַמען און אַפילו צום טאַטן, וואָס ער איז צײַטנווײַז געווען די סיבה פון אירע טרערן, ווען איך פלעג זען, אַז נאָך אַ נאַכט הוסטן און קרעכצן דערלאַנגט מען אים נאָכן דאַוונען שוואַרץ ברויט מיט זויערס, בולבעס, אין דער צײַט ווען אַ פּאָר בייגל מיט אַ גלאָז מילך וואָלטן געווען גענוג פאַר אים און עס וואָלט אים ניט גע־שטיקט אַזוי דער הוסט. ער האָט געליטן פון אַ קורצן אָטעם און אַ לאַנגן הוסט, פון רעוומאַטיזם אין די ביינער, פון זײַ־נע שוואַכע אויגן און עפּעס נאָך פון אַ ייִדישער קרענק... די מאַמע פלעגט זיך טרייסטן מיט דעם, וואָס זי פלעגט אים רופן „כל מום רע״; פאַר מיר איז דאָס אָבער קיין טרייסט ניט געווען. און ווען איך בין שוין געווען דרײַצן יאָר אַלט פלעגט מיך שטיקן יעדער ביסן, וואָס איך האָב געגעסן אין דער היים. איך האָב שוין געוואָלט וואָס גיכער פאַרלײַכטערן זייער לאַגע. צו בר־מצוה האָב איך שוין געלערנט אין דער פרעמד און געגעסן טעג. מען האָט געדאַרפט שטיין בײַ דער טיר, ביז די בעל־הביתטע האָט געזאָגט: „יונגעלע, גיי וואַש זיך״. מען האָט געמוזט עסן אַליין, וואָס מען האָט געגעבן; ווען די בעל־הביתטע פלעגט אַרײַנגיסן דעם שבתדיקן טשאָלנט אין די טעלער און דער אַרבל פון איר יאַקל האָט זיך גע־טונקט אין מײַן טעלער, האָב איך געשוויגן. פון דער נאַטור בין איך אַ בושת־פּנים, און אין די שפּעטערדיקע יאָרן אַפילו איז מיר אויך אויסגעקומען אָפט צו לײַדן פון דעם, וואָס איך האָב זיך געשעמט דערציילן עמעצן דעם אמת וועגן זיך.

ווען איך בין אַלט געווען 14 יאָר, האָב איך געלערנט אין דער ישיבה אין ווילקאָמיר. איך בין געווען אַ „האַלבער מתמיד״; די מלמדים פלעגן זאָגן מײַנע עלטערן, אַז איך

בין אַ „גוטער יונגל״, אָבער איך האָב דאָס ניט געפּילט. קיין רב — האָב איך זיך געטראַכט — וועל איך שוין ניט קענען ווערן, העכסטנס אַ מלמד, אָדער אַזוי אַ כלי־קודש. אַזאַ תכלית איז מיר ניט שטאַרק געווען געפעלן, אויסער דעם האָב איך שוין דעמאָלט געהאַט געלייענט „חטאת־נעורים״ פון ליליענבלומען און „אהבת־ציון״ פון מאַפּו. די באַצילע פון ספק איז שוין געווען אַרײַנגעדרונגען אין מיר, און דאָס האָט מיר געבראַכט פיל אומרויִקע טעג און נעכט. און איך האָב באַשלאָסן צו זאָגן דעם טאַטן, אַז איך וויל ווערן אַ בעל־מלאכה.

ווען איך בין געקומען אַהיים אויף פּסח, האָב איך געפונען בײַ אונדז אַ נײַעם שכן. שקימיאַן, אַ שטעטל פיר מײַל פון אונדז, האָט אָפּגעברענט, און דער רב פון יענעם שטעטל האָט געוווינט בײַ אונדז אין הויז. יום־טוב צו כיבוד האָט ער מיר פאַרגעבן אַ „לייענען״ — אַ בלאַט גמרא אין מסכתא קדושין; נאָכן פאַרהערן מיך איז ער פאַרבליבן מיט מײַנע עלטערן, איך בין אַרויף אויפן בוידים און צוגעלייגט אַן אויער צו די לובעס. איך האָב געפילט, אַז דאָרטן אונטן ווערט באַשטימט מײַן גורל. „דאָס בלאַט גמרא האָט ער אָפּגעלייענט ניט שלעכט״ — האָב איך געהערט, ווי דער רב זאָגט צו מײַנע עלטערן — „זאָל ער לערנען נאָך אַ פּאָר יאָר, דערנאָך וועט ער זײַן ערגעץ־ווו אַ מלמד אויף אַ ישוב, צי אין אַ קליין שטעטל, אָנקלײַבן עטלעכע רובל אויף אויסצוקערעווען זיך פון פּריזיוו, דערנאָך וועט ער קענען טאָן אַ שידוך״... דאַן אייגנטלעך הויבט זיך דאָך ערשט אָן די דאגות הפּרנסה, ווי צו מאַכן אַ זעלבסטשטענדיקן לעבן... האָב איך געטראַכט, אָבער מײַנע עלטערן זײַנען אַרויס זייער צופרידענע און איך האָב קיין מוט ניט געהאַט צו זאָגן זיי, אַז איך וויל ווערן אַ בעל־מלאכה. צום צווייטן זמן, אַז איך בין געקומען אַהיים, האָב איך זיך שוין אָנגענומען מיט מוט און אָנגעזאָגט דעם טאַטן די בשורה, אַז איך זע פאַר זיך ניט קיין תכלית פונעם לערנען, און אַז איך האָב באַשלאָסן צו ווערן אַ בעל־מלאָכה. דעמאָלט האָט זיך ערשט אָנגעהויבן דער ריכטיקער ויצעקו...
דער טאַטע האָט געזאָגט: „ווילסט ווערן אַ שנײַדער? — אַנדערשוווּ, ניט בײַ מיר!״ די מאַמע האָט דערפילט, אַז דער

גאַנצער נחת, וואָס זי האָט דערוואַרט פון מיר ווי פון אַ לערנער איז פאַרשוווּנדן.

בײַ אונדז אין שטעטל זײַנען געווען עטלעכע שוסטער אַ פּאָר סטאָליאַרעס און איין סופר. איז געבליבן, אַז איך זאָל ווערן אַ סופר, די מאַמע איז געווען צופרידן, כאָטש זי האָט געהאַט אַ קרוב אין ווילנע אַ סופר, וואָס איז אויך געווען אַ שמש אין אַ קלייזל, און אַ וועכטער בײַ אַ פּאָר קראָמען בײַנאַכט און פון די אַלע דרײַ פּרנסות אַ קבצן אין זיבן פּאָלעס, אַבי אַ שטיקל כּלי־קודש, און איך בין בעל־כרחה געווארן אַ סופר; איך האָב געהאָפט אַז דאָס וועט מיר געבן אַ מעגלעכקײַט צו קענען קומען אין אַ גרויסער שטאָט, זײַן זעלבסט־שטענדיק, און אפשר אויך קענען העלפן פיל־ווייניק די עלטערן.

איך האָב אָפּגעאַרבעט בײַם סופר עטלעכע מאָנאַטן, און האָב שוין געהאַט אָנגעשריבן אַ מגילת־אסתר, און אַ ספר דברים צו אַן אַלטער תורה איך האָב שוין אויפגעהערט צו עסן בײַם טאַטן און געווען צופרידן, אַראָפּ אַ יאָך פון טאַטנס קאָפּ. לאַנג אָבער האָב איך בײַ דעם ניט געקענט פאַרבלײַבן. פון מײַן פריסטער יוגנט פלעג איך זומער קראַנק ווערן אַ פּאָר טעג, באַקומען פיבער, קאָפּ־שמערצן ביז עס פלעגט מיר אָנהויבן צו רינען פון אַן אויער. דער טאַטע פלעגט אויפקאָכן „ראָ־מאַנקעס" און מאַכן אַ שפּריצער פון אַ פוסטן גראָז און מיט דעם שפּריצן אין אויער ווען די שמוץ פלעגט ווערן פאַרטריקנט. בײַם סופר זיצנדיק גאַנצענע טעג, זומער אין די היצן, דעם קאָפּ אָנגעבויגן פלעג איך באַקומען אַ קאָפּ־ווייטיק, און איך האָב זיך געמוזט אומקערן צוריק צום טאַטן.

נאָך סוכּות, די צײַט איז געוואָרן ערגער, דער טאַטע האָט איין וואָך קוים פאַרדינט פינף און דרײַסיק קאָפּיקעס, האָב איך פאַרלאָזן די שטעטל. דער טאַטע האָט מיר באַגלייט ביז איבערן בריק און איך האָב געזען ווי די טרערן זײַנען אים געפאַלן אין זײַן גרויער באָרד אַריין. דאָס האַרץ איז מיר געוואָרן פאַרקלעמט פון רחמנות צום טאַטן. מיר האָבן זיך געזעגנט, צוקושט און איך בין אַוועק ווײַטער, ווען איך האָב אים שוין מער ניט געזען, האָב איך זיך ערשט צעוויינט, ביז

אַ בעל־עגלה האָט מיר אָנגעיאָגט, און האָט מיר אַרויפגענומען אויפן וואָגן. פון ווילקאָמיר בין איך פאַר דרײַסיק קאָפּיקעס צוגעפאָרן קײַן יאַנעווע. אַרײַנגעפאָרן אין דער פרי, ווו גייט מען? צו וועמען?... הונגעריק בין איך געווען, ניט דער־שלאָפן פון אַ גאַנצער נאַכט פאָרן, בין איך אַרײַן אין אַ הויז און געבעטן עפּעס עסן. רופט זיך אָפּ צו מיר עפּעס אַ בייזע ייִדענע, וואָס איז געזעסן בײַם קאָנטער פון אַ שענק, „אַלע טאָג קומט ער אָהער דער שנאָרער!" איך בין אַרויס, דאָס הויז איז געווען אָנטקעגן דעם טײַך „ווילִיע". אַ גרויסער עולם, אַלע בעלי־עגלות און מענטשן וואָס מאַכן אַ לעבן אַרום וואַסער, זײַנען געשטאַנען און געקוקט ווי מען פּרובירט דאָס אײַז. פּרובירן דאָס אײַז איז באַשטאַנען אין דעם: בעת דער טײַך איז פאַרפראָרן געוואָרן און מען איז נאָך ניט געווען זיכער צו מען קען שוין גיין איבער אים, פלעגט מען אויס־פּרובירן דאָס אײַז מיט אַ הונט. מען האָט געוואָרפן אַ שטיקל פלייש אויפן טײַך, דער הונט פלעגט ניט לויפן גלײַך כאַפּן דעם געשמאַקן ביסן, נאָר ער פלעגט גיין לאַנגזאַם, פאַרזיכטיק, שמעקן דאָס אײַז ביז ער איז צוגעקומען צום פלאַץ. נאָכן הונט איז נאָכגעגאַנגען אַ מאַן מיט אַ שטעקן, געקלאַפּט אין אײַז און געשטופּט דאָס פלייש ווייטער. ווען דער הונט איז שוין געווען אין מיטן טײַך, האָט דאָס אײַז זיך געבראָכן, דער הונט האָט גענומען שווימען און ראַנגלען זיך מיט די שטיק־לעך אײַז, דער עולם בײַם ברעג איז אַרויס מיט אַ געשריי און מיט אַ געלעכטער, איך בין געשטאַנען מיט מײַנע טרויע־ריקע געדאַנקען צווישן דעם הירזשענדיקן עולם און געטראַכט; עס ווײַזט אויס אַז דער „בנפשו יבא לחמו" מיינט ניט נאָר מענטשן, נאָר הינט אויך; איך האָב רחמנות געקראָגן אויפן הונט וואָס קעמפט איצט דאָרט פאַר זײַן לעבן; און וואָס איז דער ציל פון לעבן? איך זע שוין אַז איך וועל פאַרבלײַבן אַן אומוויסנדער מענטש, און פלאָגן זיך אין אַ וועלט פון אָרעמקײַט, גראָבקײַט, רציחה און ווערן באַליידיקט; אַ געדאַנק פון זעלבסטמאָרד איז מיר דורכגעלאָפן אין מוח, נאָר דאָס געשטאַלט פון מײַן אַלטן צעבראָכענעם טאַטן, און מײַן גע־טרײַער איידעלער מוטער, האָט מיך אָפּגעהאַלטן. וויפיל צרות און עגמת־נפש דאָס וואָלט זיי פאַרשאַפט, עס וואָלט פאַר־

קירצט זייער לעבן... ניין!... דאָס טאָר איך ניט טאָן, איך הויב דאָך ערשט אָן צו לעבן זעלבסשטענדיק, האָב איך ווײַטער געטראַכט, לאָמיר זען וואָס ווײַטער וועט זײַן... איך בין אַוועק אויפן שולהויף אָפּגעזוכט אַ סופר און צוריק זיך געזעצט שרײַבן מזוזות און פּרשות. אָפּגעאַרבעט ביז פּסח, געקומען אַהיים מיט אַנײַע פּאָר שטיוול, און פינף רובל מזומן. נאָך פּסח בין איך אַוועק צופוס קיין ווילנע.

איך בין געקומען קיין ווילנע אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע און מיט גרויסע שטיוול, אַזוי אַז יעדער האָט דערקענט, אַז איך בין „ניט קיין היגער". קיין צרות האָבן ניט געפעלט: געשלאָפן וווּ אין אַ קלויז, אויף אַ האַרטער באַנק, געטאָן כל עבודת־פּרך, ביז איך האָב זיך דערשלאָגן צו אַן אַרבעט און האָב שוין אָנגעהויבן פאַרדינען צוויי און אַ האַלב — דרײַ רובל אַ וואָך. עס זײַנען אַוועק אַ פּאָר יאָר, און דאָ האָט זיך אָנגערוקט דער פּריזיוו. אַנטלויפן קיין אויסלאַנד? האָט דער טאַטע געהאַט אַ שטוב, וווּ ער האָט געוווינט מיט מײַנע צוויי עלטערע ברידער, און מען וואָלט דאָס בײַ זיי צוגענומען. דאַרף מען בכן גיין דינען פּאַר אַ סאָלדאַט. איך האָב אָפּגעאַרבעט נאָך אַ פּאָר יאָר אין ווילנע, בײַ שמוציקער און שעדלעכער אַרבעט, געפאָרן אַמאָל אויף אַ יום־טוב אַהיים, אין אַ נײַעם גאַרניטער, וואָס איך האָב געקויפט אויף די „באַסאַקעס" אַ געניצטן, געבראַכט נאָך אַ פּאָר רובל צושטײַער אויף יום־טוב, דער מאַמען אַ מתנה אַ נײַע פאַטשיילקע, דעם טאַטן אַ היטל. און בעת מען האָט מיך אָפּגעגעבן פּאַר אַ סאָלדאַט, איין מאָל אַן ערב־שבועות, האָב איך שוין געהאַט זעכצן רובל אָנגעגרייט; פון מײַנע עלטערן, האָב איך געוווּסט, קען איך קיין שטיצע ניט דערוואַרטן.

איך האָב דורכגעשפּאַצירט די גאַנצע לענג פון דעמאָלטיקן רוסלאַנד „עטאַפּנים פּאַריאַדקאָם" — מיטן עטאַפּ. ערשט דאָ האָב איך געהאַט די מעגלעכקייט און די זכיה אַנצוזען רוסלאַנד. בעת מיר זײַנען דורכגעגאַנגען אין אַ הייסן זומערדיקן טאָג די שטאָט כאַרקאָוו, מיט די פעקלעך אויף די פּלייצעס, מידע, דער שווייס האָט פון אונדז געגאָסן, זײַנען גרויסע געזונטע קאַצאַפּעס, וואָס זײַנען געזעסן אין מאַרק בײַ די טישלעך און געטרונקען טיי, געלאָפן אונדז אַנקוקן מיט אַ ציניש געלעכטער: „זשידקי, סלאַ־

בי נאַראַד, אידוט״ — ייִדלעך, אַ שוואַכע אומה, גייען, אַוועק־געשיקט דינען האָט מען מיך אַזש אַהין, פונוואַנען נח מיט זײַנע זין און טעכטער און מיט אַלע חיות און בהמות האָבן זיך פאַר־שפּרייט איבער דער וועלט נאָכן מבול — אַזש צו די הרי אַרערט (אויף קאַווקאַז). דרײַצן חדשים האָב איך זיך געוואַלגערט אונ־טער דער וועגנס, אין די שמוציקע באַראַקן, וואָס זײַנען געווען פול מיט אינזעקטן פון אַלערליי סאָרטן... פלעג איך בעסער שלאָפן אין דרויסן. דער שטיינערנער גרונט פון די קאַווקאַזער בערג, ווערט בײַנאַכט שנעל אָפּגעקילט, און עס פלעגט זײַן קאַלט. איך פלעג זיך אויך אָפּט באָדן אין די טײַכלעך, די וואַסערן קו־מען פון דער הויך פון די שטיינערנע בערג, טייל מיט שניי באַדעקטע שפּיצן, דורך די באַוואַקסענע וועלדער, און די וואַסער איז געווען קאַלט ווי אײַז.

אין די פרימאַרגנס פלעגן מיר באַגעגענען דורכפאָרן אַ טאַטער, אײַנגעשפּאַנט מיט אַ פּאָר אָקסן אין אַ גרויסער „אַרבע״ מיט צוויי רעדער, פול מיט קאַוואַנעס, (אַרבוזן), דינעס (מאַרס־מאַרלאַן), ער זיצט זיך פון אויבן אַ באַרוועסער מיט אַ גרויסער פוטערנער היטל, איבער זײַן געגאָלטן קאָפּ, ווי אַ גרויסער אומגעלומפּערטער רויב־פויגל זיצט אויף גרויסע ברוינע אייער. די סאָלדאַטן פלעגן כאַפּן ווער אַ קאַוואָן און ווער אַ דינע, אַנ־דערע פלעגן אים געבן פינף קאָפּיקעס, אַנדערע ניט, איך — אַ ליטוואַק, וואָס פלעג אַמאָל ברענגען פון ווילנע אַ קאַוואָן אויף ראש־השנה פאַר „שהחינו״ האָב זיך צוגעכאַפּט צו די קאַוואַנעס, דינעס ווי צו עפּעס אַ נײַס. ביז איך בין אָנגעקומען אויף אַן אָרט, אין אַלעקסאַנדראָפּאָל, האָט מיר שוין גוט געטרייסלט די קאַווקאַזער קדחת.

פון קאַזאַרמע האָט מען מיך אָפּגעשיקט אין „אָקאַלאָדאָק״ דאָרט האָט מיך אונטערזוכט אַ דאָקטאָר אַ פּאָליאַק. איך האָב זיך באַקלאָגט אויף די אויגן און אויף דער קדחת; דער דאָקטאָר האָט אויף מיר גענומען שרײַען: „וואָס מיינסטו, דו ביזט גע־קומען אַזוי שפּעט אויף סלוזשבע (עס איז געווען אין אויגוסט) מען וועט דיר דינגען אַ קאַרעטע און גלײַך אָפּשיקן אַהיים? דו וועסט נאָך „פּאָד סוד״ אַוועקגיין, און דינען וועסטו מוזן״ — איך האָב געשוויגן. צום צווייטן מאָל אַז מען האָט מיר געשיקט

אין „אָקאָלאָדאָק" האָב איך שוין געטראָפן אַ צווייטן דאָקטאָר איינעם אַ ייִד לייבאָוויטש.

דר. לייבאָוויטש, האָט מען דערציילט, האָט שוין אַמאָל גע־טראָגן דעם טיטול גענעראַל. האָט ער געשפּילט מיט אַן אָפיצער אין קאָרטן און יענער האָט פאַרשפּילט זײַן געלט, זײַן פערד, און זײַן יונגע פרוי. האָט ער אַרויסגעכאַפּט זײַן (סאַבלע) שווערד און געוואָלט דערלאַנגען דעם דאָקטער איבערן קאָפּ. דער דאָקטאָר האָט אַרויסגעצויגן זײַן רעוואָלווער און דערשאָסן דעם אָפיצער; ווי אַ שטראָף האָט ער פאַרלאָרן זײַן טיטול גענעראַל און מען האָט אים טראַנספערירט נאָך קאַווקאַז. ייִדן פלעגט ער אָפט טאָן טובות, האָט ער מיר אָפּגעשיקט אין לאַזאַרעט, און מיר אָנגעזאָגט, איך זאָל זיך דאָרטן באַקלאָגן אויף קדחת און אויף די אויגן. דרײַצן וואָכן בין איך געווען אין לאַזאַרעט ביז איך בין באַפרײַט געוואָרן פון דינסט. פון דאָרט האָב איך מיטגע־בראַכט מיט זיך די קאַווקאַזער קדחת וואָס האָט מיר געטרייסלט אָפט, אַ יאָר צײַט.

ערשט געקומען צוריק פון פּריזיוו קיין ווילנע, בין איך צום ערשטן מאָל אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין דער באַוועגונג*) דורך אַ פּאָר חברים מײַנע, אויך שנײַדערשע קינדער, וואָס האָבן גע־אַרבעט אין ווילנע. אין אָנהויב איז די באַוועגונג — ווי מיר האָבן דאָס פאַרשטאַנען — געווען ניט מער ווי אַ מין ליבעראַ־ליזם אָדער פילאַנטראָפּיע: יונגע סטודענטן, סטודענטקעס גיבן זיך אָפּ מיט לערנען אָרעמע אַרבעטער די רוסישע „גראַמאַטע", לייענען און שרײַבן. בײַ איינער אַ פרײַלין, וואָס פלעגט מיט אונדז לייענען שבת אַ דערציילונג פון „וואָסכאָד" („אַ געלערנטע, וואָס רעדט גוט רוסיש, מסתמא מוז זי זײַן אַ רײַכע"), האָב איך געבעטן, זי זאָל מיר קריגן אַ פלעשל ווײַן, ווײַל מײַן פאָ־טער איז שוין פופצן וואָכן געלעגן קראַנק. אויף דער צווייטער וואָך האָט זי מיר דאָס געבראַכט, און ווען איך האָב דאָס פלעשל ווײַן אַוועקגעשיקט אַהיים, איז געווען צו שפּעט... דער טאַטע איז שוין געווען געשטאָרבן. און די דאָזיקע „רײַכע", „געבילדעטע" פרײַלין, לאָזט זיך אויס, איז גאָר געווען העלענע די שנײַדערקע.

פון דער טענדענציעזער ליטעראַטור, וואָס מען פלעגט מיט

---

*) אין יאָר 1892.

אונדז לייענען, האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז די מחברים זײַנען זייער פּראָגרעסיוו אינטערעסירט אין דעם „ראַבאַטשי וואָפּראָס" — אין דער אַרבעטער־פראַגע. די פאַרלעזונגען און דער עיקר די שמועסן נאָך זיי האָב איך זייער ליב געהאַט. אַ פלײַסיקער לעזער בין איך געווען פון מײַן פריסטער יוגנט. נאָר וואָס ? — דעם „קב הישר", די „שבחי־הבעש"ט", וועגן דעם, ווי יוסף דעלא ריינה האָט זיך פאַרנומען צו כאַפּן דעם שטן, נאָר אַ שמעק פון וויירעך האָט דאָס אינגאַנצן קאַליע געמאַכט... בײַ מיכאַלציק דעם מלמד זײַנען אַפילו געווען שמ"רס און בלאַשטיינס ראָמאַנען צו לייע־נען „אויף פּראָקאַט", אָבער ווו נעמט מען די פינף קאָפּיקעס אַ וואָך ?... איצט האָבן זיך פאַר מיר אַנטדעקט נײַע וועלטן. ביז דעמאָלט בין איך דאָס רוב געווען פּעסימיסטיש, האָב שטאַרק געפילט דעם ייִדן־עלנט און דעם וועלט־שמאַרץ איבער דער אַרומיקער אָרימקײַט און דחקות, וואָס מען האָט זיך אָנגעזען אין די גאַסן און אין די קעלערשטובן. אַזוי צום בײַשפּיל, איין מאָל אַ פרייטאָג פרי, אַרום פינף־זעקס אַזייגער, האָט אין ווילנע אויסגעבראָכן אַ שטאַרקער רעגן, דאָס וואַסער האָט גענומען רי־נען פון די בערג אַראָפּ אויף די טראָטואַרן גלײַך אין די קעלערס, און אויף זאַוואַלנע גאַס, אין מיטן שטאָט, זײַנען אין איין קעלער דערטרונקען געוואָרן זעכצן מענטשן, דאָס רוב יונגע קינדער — די עלטערע זײַנען שוין געווען אַרויס צו דער אַרבעט אין די די מערק — און נאָך צוויי מענטשן זײַנען דערטרונקען געוואָרן אין אַ צווייטן קעלער לעבן דעם טײַך ווילייע. אין דער השכלה־ליטעראַטור האָט מען קיין ענטפער אויף די אָנגעווייטאָגטע פראַגן ניט געפונען. אַ שיר וואָס איך האָב אַמאָל געלייענט אין „השחר פון יהלל: „כל הנחלים הולכים אל הים והים איננו מלא" האָט אָנגעמאַכט אַן איבערקערעניש אין מײַן נשמה. אין יענעם שיר האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן די נעגאַטיווע זײַט פון לעבן, ווי אַלץ דינט דעם קאַפּיטאַל, דער דאָקטער, אינזשינער, אַדוואָקאַט א. אַז. וו. פאָלגלעך מער פּעסימיזם, אָבער ניט קיין פּאָזיטיוועס. ווען איך האָב זיך דערוווּסט דאָס פּראָפ. פאַלב האָט נביאות געזאָגט, אַז אין זיבן יאָר אַרום וועט די וועלט חרוב ווערן, דורך אַ באַ־געגעניש מיט אַ קאָמעט, בין איך געווען צופרידן.

איצט אָבער, אַדאַנק דער באַוועגונג פון סאָציאַליזם האָב איך געקראָגן אַ פעסטן באָדן אונטער די פיס עס לוינט זיך צו

לעבן און לײַדן, קעמפן און שטאַרבן צוליב אַן אידעע, צוליב אַ באַפרײַונג־באַוועגונג! עקאָנאָמיש איז מיר בעסער ניט געוואָרן, נאָר מען איז געווען אַ מסתפק במועט און וועגן זיך האָט מען ניט געקלערט. אָבער גײַסטיק איז מען געווען צופרידן — דאָס האָט אויך געווירקט די ראָמאַנטיק פון דער אונטערערדישער אַרבעט מען האָט זיך באַטראַכט פאַר העלדן. און אין דער אמתן האָט מען זיך טאַקע איבערגעאַנדערשט און פון קלײנשטעטלדיקע פחדנות־דיקע יינגלעך איז מען געוואָרן העלדישע, און צײַטנווײַז אַפילו איבערגעטריבענע, חוצפהדיקע קעמפער.

אַ צײַט האָבן מיך געפּלאָגט די רעליגיעזע פראַגן. פון דער השכלה־ליטעראַטור און פון די נאַטורוויסנשאַפטלעכע ביכ־לעך זײַנען שטאַרק אָפּגעשוואַכט געוואָרן די נאַיווע באַגריפן פון בריאת העולם און פון רעליגיע אין אַלגעמיין, אָבער קיין פעסטע איבערצײַגונגען האָב איך ניט געהאַט. פלעג איך זיך שוין דער־לויבן אַמאָל ניט צו דאַווענען שבת, ווען מען דאַרף קיין תפילין ניט לייגן, אין דער וואָכן אָבער האָב איך נאָך מורא געהאַט צו פאַרבייגן דאָס דאַווענען, ווײַל עס איז פאַראַן אין תלמוד איין אויסדרוק: „קרקפתא דלא מנח תפילין אין לו חלק לעולם הבא“*).

אַ וועלטלעכע בילדונג האָב איך געקראָגן גאָר ניט קיין גרויסע. ווען איך בין אַלט געווען צען יאָר, איז אָרײַנגעפאָרן צו אונדז אין שטעטל אַ לערער; אַלע קינדער פון שטעטל, און אַפילו גרויסע כלה־מוידן, האָבן זיך געלערנט בײַ אים שרײַבן, פאַר דרײַ רובל אַ זמן. איך בין צו אים געגאַנגען צוויי זמנים. איז אָבער די גאַנצע קענטעניש פון לערער באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט געהאַט זייער אַ שיינעם כתב; „קײַלעכדיקע גע־טאָקטע ווערטערלעך, אַ ריכטיקער בריוון־שטעלער“ — אַזוי האָבן געזאָגט אויף אים מבינות די טאַטעס מיט די מאַמעס, און פאַר אַ קאָפּיקע אַן „אַפּאָר“, וואָס מען האָט אים געגעבן יעדן חודש, אויסער די דרײַ רובל, האָבן זיך אַלע געמאַטערט נאָכצומאַכן

---

*) אַ שאַרבן, וואָס אויף אים איז ניט געלייגט געוואָרן קיין תפילין, האָט ער (דער מענטש) קיין חלק ניט אויף יענער וועלט. דער אויסדרוק פון תלמוד לייענט זיך אייגנטלעך אַזוי: „פושע ישראל בגופם מאי ניהו? קרקפתא דלא מנח תפילין“ (מסכתא ראש השנה, דף י״ז). — רעד.

זײַנע צאַצקעלעך. מיט אָט דעם באַגאַזש קענטעניש בין איך אַרײַן אין דער באַוועגונג.

איצט, דערוויסנדיק זיך וועגן דער רײַכער רוסישער ליטעראַטור, מוז מען דאָך שוין קענען לייענען רוסיש און פאַרשטיין. איז נאָך אַ צוועלף־שעהדיקן אַרבעטסטאָג, דערצו 40 מינוט אין דער פרי און דאָס גלײַכן פאַרנאַכט דאָס לויפן צו דער אַרבעט און פון דער אַרבעט, האָט זיך ערשט אָנגעהויבן דאָס לעבן פאַר זיך. פיל אַרבעטער האָבן זיך גענומען צו קירפּיטשניקאָווס רוסישע גראַמאַטיקע און אילאָווײַסקיס היסטאָריע און זײַנען מיט דער צײַט געוואָרן גראַשענע לערערס און האָבן זיך שוין אויך געהאַלטן פאַר „אינטעליגענטן". איך האָב דערצו קיין געדולד ניט געהאַט, בעת אַ ים מיט פראַגן האָבן מיר געדריקט דעם מוח. פון אַלץ, וואָס איך האָב געהערט ריידן און דיסקוטירן, אָנגעהויבן פון דעם, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן פריער, די הון צי די איי, און געענדיקט מיט דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, אָדער פון דאַרווינס טעאָריע ביז דער פאַריזער קאָמונע — אַלץ האָב איך געוואָלט פאַרשטיין, וויסן. און דאָ לויף אַרום און חזר: סטאָל, סטאָלאַ, סטאָלו, *) ווי עס איז בין איך דערקראָכן צו דער „פעסטונג" פון דער רוסישער גראַמאַטיק — ביז צו די „גלאַגאָלן"**). די גראַמאַטיקע האָב איך גערעכנט וועל איך זיך לערנען בעת איך וועל זיצן אין טורמע, צײַט וועל איך דאָך האָבן דאָרט גענוג. בין איך אָבער געוועזן אַ גוטער קאָנספּיראַטאָר, אָדער דער גאָט פון סאָציאַליזם איז געוועזן גוט צו מיר און איך בין ניט אַרעסטירט געוואָרן, בין איך טאַקע געבליבן הינטערשטעליק אין דער רוסישער גראַמאַטיקע.

איך פלעג בעסער וועלן לויפן הערן אַ לעקציע וועגן פּאָליטישער עקאָנאָמיע אָדער נאַטורוויסנשאַפט מיט עקספּערימענטן, וואָס מען פלעגט האַלטן אין די געהיימע קוואַרטירן. דאָס פּאָפּולערסטע ביכל איז דעמאָלט געווען זאַבאָוס „שמועסן וועגן דער נאַטור; איך האָב שוין געהאַט געלייענט פון די פריערדיקע יאָרן אין העברעיִש בערנשטיינס „ידיעות־הטבע", „סיפּורי הטבע" פון האַפמאַן און פיל אַנדערע ביכער. אָבער זאַבאָוו אָדער גאָר

*) פאַרשיידענע גראַמאַטישע פאָרמען פונם וואָרט „טיש" אין רוסיש.

**) צײַטווערטער.

אַ ל ע ק ס אַ נ ד ע ר — אַרקאַדי קרעמער (ער איז געווען מײַן ערשטער לערער אין סאָציאַליזם) — האָבן אַרײַנגעבראַכט אין מײַן וויסן אַ סיסטעם. איך פֿלעג לייענען צו עטלעכע ביכער מיטאַמאָל, ערנסטע, ווי פּיסאַרעוו, באָקל, פֿלעכאַנאָוו אָדער קאַוטסקי, ווען איך האָב געהאַט מער רויִקע צײַט — שבת, יום־טוב, און אַמאָל גאָר אין מיטן דער נאַכט, צוויי — דרײַ אַ זייגער, ווען איך בין שוין געווען אַ ביסל אויסגעשלאָפֿן. דאָס לייענען פֿלעגט אָנקומען ניט לײַכט, מען האָט געדאַרפֿט אָפֿט אַרײַנקוקן אין אַ פֿרעמדווערטערבוך, אָבער אין אַ פֿאַרלויף פֿון עטלעכע חדשים בין איך שוין געוואָרן אַ בקי אין די אויסלענדישע ווערטער, וואָס איך האָב אין די ביכער אָנגעטראָפֿן. איך פֿלעג אויך לייענען טורגעניעוו, סטאַניוקאָוויטש, הוגאָ און אַנדערע בעלעטריסטן, אויך ביאָגראַפֿיעס פֿון גרויסע מענטשן פֿון פֿאָולענקאָווס אויסגאַבע. דאָס פֿלעג איך געוויינטלעך לייענען בײַם עסן און וווּ נאָר עס איז אויסגעקומען. ווען איך האָב דורכגעלייענט וועגן דאַרוויניזם בײַ טימיריאַזעוון און בײַ פּיסאַרעוון, אויך וועגן אָגיוסט קאָנטס „היסטאָרישע אידעען" און עפּעס אַן אַרטיקל וועגן רעליגיע בײַ באָקל, האָב איך דערפֿילט, ווי עס זײַנען מיר אַראָפּגעפֿאַלן בעלמעס פֿון די אויגן, און איך בין געוואָרן דער אמתער צולהכעיס־אַפּיקורס, ווי די אַמאָליקע אַנאַרכיסטן. ערשט שפּעטער האָב איך גענומען קוקן אויף די רעליגיעזע פֿראַגן מיט אַ מער היסטאָריש־פֿילאָסאָפֿישן בליק.

2

אַרום יענער צײַט זײַנען די פֿירער פֿון דער באַוועגונג אין ווילנע געקומען צו דער איבערצײַגונג, אַז מען דאַרף בײַטן די טאַקטיק און אָנשטאָט די פֿריערדיקע פּראָפּאַגאַנדע־קרײַזלעך אין רוסיש אַריבער צו אַ מ אַ ס ן ־ אַ ג י ט אַ צ י ע א י ן י י ד י ש. דאָס האָט אַרויסגערופֿן די ערשטע „אָפּאָזיציע", אונטער דער אָנפֿירונג פֿון אַ ב ר אַ ם „ר ע ז ט ש י ק" (אַברהם גאָרדאָן). ער איז געווען אַן אַרבעטער, וואָס האָט פֿיל געלייענט, באַזונדערס די קריטישע ליטעראַטור פֿון דאָבראָליובאָוו, באָקל און אַנדערע, האָט געהאַט אַ זעלטענעם זכּרון, אָבער ווינציק עלעמענטאַרע בילדונג; אַלס ייִנגל איז ער געגאַנגען אין אַ פֿאָלקס־שול גאָר אַ קורצע צײַט. איך בין אַ יאָר צײַט געווען

זײַנער אַן אָנהענגער, געוווינט מיט אים צוזאַמען אויף איין קוואַרטיר, און ער האָט געהאַט אַ שטאַרקע השפּעה אויף מיר. אָבער איך האָב זיך אַרומגעזען, אַז קיין שום פּאָזיטיווע פּראָגראַם האָט ער ניט.

אין די יידישע היסטאָרישע ביכער וואָס איך האָב אַמאָל געלייענט, ווי דער „יוסיפון", דער „סדר הדורות" און אַפילו אין קלמן שולמאַנס „דברי ימי עולם", האָב איך קיין ענטפער ניט געפונען אויף די אַלע געזעלשאַפטלעכע פראַגן, וואָס האָבן מיך אינטערעסירט. אַגב בין איך געווען אַזוי סוביעקטיוו אין מײַן דענקען, אַז איך האָב געמיינט, אַז אַלעמען דאַרף און מוז דאָס אינטערעסירן אַזוי ערנסט ווי מיך. און מיט אַמאָל אַזאַ איבערבראָך... די יידישע ראַדיקאַלע ליטעראַטור איז באַשטאַנען אין גאַנצן פון עטלעכע בראָשורן, פון אַ פּאָר אַמעריקאַנער יידישע אויסגאַבעס און זשורנאַלן, וואָס פלעגן צו אונדז דערגיין. מיט דעם איבערגאַנג צו דער נײַער פּראָגראַם זײַנען די אַלע קוואַלן פון דער רוסישער פּראָפּאַגאַנדע־ליטעראַטור און אויפקלערונג פאַרמאַכט געוואָרן, און עס איז, למשל, געווען אַ רחמנות צו קוקן, ווי אַלעקסאַנדער (קרעמער) פלעגט זיך מאַטערן צו דערקלערן אַ לעקציע וועגן פיזיק אָדער פּאָליטישער עקאָנאָמיע אין יידיש.

די „אָפּאָזיציע" האָט אָנגעהאַלטן מער ווי אַ יאָר צײַט. מײַן באַגריף וועגן סאָציאַליזם איז תחילת געווען געבויט אויף די אַלטרויסטישע געפילן פון רחמנות, יושר, גלײַכקײַט אד"גל. וואָס מער איך האָב זיך באַקענט מיט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער ליטעראַטור, טאַקע אונטער די אָנווײַזונגען פון „רעזשיקן", און גענומען באַגרײַפן די טעאָריע אָביעקטיוו — אַז דער סאָציאַליזם ווערט אַרויסגערופן דורך דער עקאָנאָמישער נויטווענדיקײַט — אַלץ מער האָב איך זיך פון אים דערווײַטערט און צום סוף האָב איך די „אָפּאָזיציע" אין גאַנצן פאַרלאָזן. אַ צווייטער, וואָס האָט געשפּילט אַ ראָלע אין דער אָפּאָזיציע, איז געווען אַ ב ר אַ ם ד ע ר י ו ו ע ל י ר, אַ יונגער בחור, פון אַ 16 — 17 יאָר, ער האָט געענדיקט אין ווילנע אַ פאַלקשול, געשריבן און גערעדט פּרײַ רוסיש און האָט זיך אַרומגעקריגט מיט די אינטעליגענטן. מיר, וואָס זײַנען געווען שווער אויף דער „עברי",

האָבן געקוקט אויף אים פון אונטן אַרויף, ווי אויף אַ „האַלבן אינטעליגענט". נאָך אַ יאָר צײַט פון מײַן באַקאַנטשאַפט מיט אים האָב איך געהערט, ווי ער האָט אַמאָל אַ פרעג געטאָן — אין רוסיש געווײַנטלעך: „צי איז אַלכסנדר מוקדון געווען אין רוסלאַנד?" און דעמאָלט איז זײַן גאַנצע גרויסקײַט אַראָפּגעפאַלן בײַ מיר אין די אויגן. איך האָב אײַנגעזען, אַז ווען מען ווייס שוין אָפילו ווי צו שטעלן דעם רוסישן „יאַטי" איז מען נאָך אַלץ ניט קיין אינטעליגענט...

ווען איך האָב אַמאָל דערזען אַ ביכל פון וולאַדימיר קאַראַ־לענקאָ, „סאָקראַטיס און זײַן צײַט" פון פּאָסרעדניקס אויסגאַבן, (דאָרט איז געווען אַ קײַלעכדיקער שטעמפּל מיט די ווערטער „פאַר אינטעליגענטע לעזער" און אינטעליגענט איז לויט דעם רוסישן ווערטערבוך אַ מענטש וואָס האָט געענדיקט אַ הויך־שול), האָב איך מורא געהאַט אים אָנצוהויבן לייענען, ווי קום איך צו אַזאַ בוך?... אַ צײַט האָט דאָס מיר אָבער „געראַפּעט" וואָס שרײַבט מען דאָרט פאַר די אינטעליגענטן?... אין עטלעכע וואָכן שפּעטער האָב איך דאָס ביכל פאָרט דורכגעלייענט. איך בין געווען באַ־גײַסטערט פון דער קונציקער פּאָלעמיק וואָס דער באַרוועסער פי־לאָסאָף האָט געפירט מיט די סאָפיסטן, וואָס האָבן אינגאַנצן אָפּגעלייקנט, אַז עס איז דאָ אַן אמת אויף דער וועלט, אַלץ ווענדט זיך אָן דעם ווי מען טײַטשט דאָס אויס, ווי מען ערקלערט דאָס, אַ שטייגער ווי „החיים והמות ביד הלשון" און ווי סאָקראַ־טיס צעקלאַפּט זייערע אַרגומענטן: איך, וואָס בין געווען אַ ביסל באַקאַנט מיט די סאָפיסטישע דריידלעך פון תלמוד, האָב דאָס, דאַכט זיך, בעסער פאַרשטאַנען ווי טייל דיפּלאָמירטע אינ־טעליגענטן און אינטעליגענטקעס; איך בין אויך געווען צו־פרידן, וואָס איך קען זיך שוין רעכענען צווישן די „אינטעלי־גענטע לעזער".

*
**

אין יענעם ווינטער (1894) איז געשטאָרבן אַלעקסאַנדער דער דריטער. „רעזשטשיק" האָט מיך אויפגעפאָדערט, אַז איך זאָל אָנשרײַבן וואָס וועגן זײַן טויט. איך האָב דאָס פאַרגעלייענט דערנאָך אויף אַ פאַרזאַמלונג פון 70 — 80 מענטשן. די רעדע האָט געטראָגן מער אַ פּעליעטאָן־כאַראַקטער. אין אָוונט האָט מיך

באַגעגנט „ד ע ר ל ע ר ע ר"*) און געפרעגט, וואָס איך האָב דאָרט אָנגעשריבן אין מײַן "הספד"; האָב איך זיך פאַר אים באַקלאָגט, אַז איך האָב עגמת־נפש, וואָס איך האָב ניט די מעגלעכקײַט און די נייטיקע קענטעניש כדי צו באַשרײַבן אַלץ, וואָס מען וואָלט געקענט און געדאַרפט. יעדן פרימאָרגן — האָב איך אים דערציילט — בײַ די אויסגעהאַנגענע בולעטענס, וואָס פלעגן באַריכטן וועגן דעם צשטאַנד פון קיסרס געזונט אין דער צײַט פון זײַן קראַנקײַט, קוק איך זיך צו, ווי אַלטע ייִדן מיט גרויע בערד גייען דאַווענען מיטן טלית און תפילין אונטערן אָרעם און שטעלן זיך אָפּ, מאַטערן זיך אַרויסצולייענען אַ וואָרט, פאַרריכטן אַלע ווײַלע די ברילן און טאַפּן מיט די פינגער די בולעטענס, און איצט, ווען אַלע זײַנען אַזוי פאַראינטערעסירט אין דעם קיסרס צושטאַנד און האָבן עפּעס אומבאַשטימטע האָפענונגען, איז די סאַמע צײַט צו באַשרײַבן דעם גאַנצן באַרג גזירות, וואָס האָט זיך געשאָטן אויף אונדז ייִדן אין די דרײַצן יאָר פון זײַן הערשאַפט — דאָס וואָלט געווען אַ זעלטענער מאַטעריאַל פאַר אַגיטאַציע... אַ צווייטן מאָל האָב איך, אין פאַרבינדונג מיט דער נײַער טאַקטיק, אַרויסגעזאָגט אַזאַ געדאַנק פאַרן „לערער" (גאָזשאַנסקי): בכדי מענטשן זאָלן קענען זײַן קעמפער־מאַרטירער פאַר אַן אידעע, דאַרפן זיי דאָך זײַן פיל־ווייניק אינטעליגענט; גיט אַ קוק — האָב איך געזאָגט — ווער זײַנען געווען די עשרה הרוגי מלכות, די קרבנות פון די קרייצצוגן, אינקוויזיציע און דעם גאַנצן צעטל פון אונדזער מאַרטירער־געשיכטע? אַ רבי עקיבא, אַ יעקב טיראַדאָ**) און ניט די אומוויסנדיקע איינפאַכע מענטשן פון פאָלק. — „ניט אמת! — האָט מיר „דער לערער" געענטפערט — דאָס פאָלק האָט אַלע מאָל מער געליטן און געאָפּפערט, עס ווענדט זיך נאָר, ווער עס שרײַבט די

---

*) דער פּאַרטיי־נאָמען אין יענער צייט פון שמואל גאָזשאַנסקי, אויך — „פרידריך"; מער באַקאַנט אונטער זיין ליטעראַריש־פּאַרטייאישן פסעוודאָנים „לנו".

**) יעקב טיראַדאָ — פון די פּאָרטוגעזישע מאַראַנען, וואָס איז אַנטלאָפן סוף 16טן י"ה קיין האָלאַנד, האָט זיך מגייר געווען און איז עפנטלעך אַריבער צום יידנטום; געווען דער ערשטער גרינדער פון דער ספרדישער קהילה אין אַמסטערדאַם. — רעד. ייוואָ אין ווילנע.

געשיכטע; געשריבן האָבן זי די אינטעליגענטן, וואָס האָבן זיך מיטן פאָלק ניט גערעכנט". אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז מיר אויסגעקומען אָפט צו דערמאָנען די פראַזע: „עס ווענדט זיך נאָר, ווער עס שרײַבט די געשיכטע".

„דער לערער" איז אין יענער צײַט אָפּגעפאָרן פון ווילנע. אין אייניקע חדשים אַרום איז אַרויס אַ נײַע בראָשור „אַ הספד נאָך אַלעקסאַנדער דעם דריטן". איך האָב געהאַט אין גאַנצן פאַרגעסן אָן אונדזער שמועס, ווי אָן פיל אַנדערע צופעליקע שמועסן; איך האָב שוין דעם „לערער" בכלל מער ניט געזען, עד היום הזה. מיט זעקס יאָר שפּעטער בין איך געווען אין דווינסק. אַהין איז גראָד געקומען צו פאָרן אַ יונגער אינטעליגענטער בחור מיטן נאָמען אַ ר אָ ן (דעווענישסקי — ווײַטער) און מיר זײַנען אייניקע וואָכן געווען צוזאַמען; האָט ער מיר דערציילט, אַז „דער לערער" מיט נאָך איינעם אַ רוס זײַנען אַנטלאָפן פון סיביר און אויפן שיף אויף דער וואָלגע*) האָט זיי אַ שפּיאָן דערקענט און מען האָט זיי אַרעסטירט. מיר האָבן זייער באַדויערט דעם פאַל; דער „בונד" האָט זיך דעמאָלט זייער געגייטיקט אין אינטעליגענטע אַקטיווע טוער, דער גאַנצער צענטראַלער קאָמיטעט פון „בונד" איז געווען אַרעסטירט, און גאָזשאַנסקי, האָט עס באַדאַרפט פאַרבײַטן די אַרעסטירטע מיטגלידער. איך האָב דערציילט אַראָנען וועגן די ערשטע יאָרן פון דער צײַט פון דער „אָפּאָזיציע" און דערמאָנט אויך די שמועסן, וואָס איך האָב געהאַט מיטן „לערער". — „זײַט איר דאָס אפשר הלל?" — האָט ער אויסגעשריען אַ צופרידענער. — „יאָ, דאָס בין איך, וואָס איז דען אַזוינס?" האָב איך געפרעגט פאַרוווּנדערט. — „מען האָט דערציילט, אַז דורך דעם אײַנפלוס פון אַן אַרבעטער הלל האָט דער „לערער" אָנגעשריבן דעם הספד נאָך אַלעקסאַנדער דעם דריטן". פאַר מיר איז דאָס געווען אַ נײַס; איך האָב געהאַט וועגן אַלץ פאַרגעסן. וועגן

---

*) גאָזשאַנסקי איז פון סיביר געלאָפן אין איינעם מיט מאַכאַיסקין (דעם אָנפירער פון דער האַלב־אַנאַרכיסטישער גרופּע, די „מאַכאַיעווער", וואָס האָבן געפאָדערט, אַז די אַרבעטער אַליין, אָן אינטעליגענטן, זאָלן פירן זייער באַוועגונג; גאָזשאַנסקי איז אין יענער צייט צוגעשטאַנען צו דער גרופּע); אַרעסטירט האָט מען זייביידן ניט אויף דער וואָלגע, נאָר אויפן וועג, אין סיביר גופא. — רעד ייוואָ אין ווילנע.

דעם „לערער" פלעגט מען אויך דערציילן, אַז ער האָט שטאַרק געטרוימט וועגן דעם, אַז מען זאָל אים געבן אַ פאַרזאַמלונג פון אַ דרײַ הונדערט אַרבעטער, פאַר וועלכע ער זאָל קענען ריידן פרײַ צוויי שעה צײַט; דערנאָך, האָט ער געזאָגט, אַרט אים ניט, מען זאָל אים אַרעסטירן. שפּעטער, בעת מען האָט אים אַרעסטירט אין ביאַליסטאָק (אין 1896), האָט מען בײַ אים געפונען די בראָשור „אַ הספד נאָך אַלעקסאַנדער דעם דריטן"; די זשאַנדאַרמעריע האָט עס געגעבן איבערצוקוקן דעם ווילנער ראַבינער; ווי מ'גיט איבער, האָט דער ראַבינער געוויינט, לייענענדיק די בראָשור...

די „אָפּאָזיציע" אין ווילנע האָט אָנגעהאַלטן און די באַוועגונג איז געווען אין אַ שטילשטאַנד. די פירמע, ווו איך האָב געאַרבעט, האָט באַנקראָטירט, און איך בין געבליבן אָן אַרבעט. עס איז מיר אָפילו אײַנגעפאַלן אַ געדאַנק אַוועקצופאָרן קיין ענגלאַנד אָדער אַמעריקע, איך האָב שוין געהאַט אָפּגעשפּאָרט אַ קאַפּיטאַל פון גאַנצע 60 רובל, אָבער אין יענער צײַט האָבן מיר געהאַלטן פאַר ניט עטיש, פאַר אַ שטיקל פאַרברעכן, אַז אַ סאָציאַליסט זאָל פאַרלאָזן רוסלאַנד, כל־זמן ער איז אַ לעגאַלער.

איינער פון מײַנע ערשטע און נאָענטסטע באַקאַנטע איז געווען מ אַ י ס ע י ל ו ר י ע*), אַ זעצער. בײַ אים האָב איך צום ערשטן מאָל געלייענט די באַשרײַבונג פון דער „יאַקוטסקער דראַמע" פון 1889, ווי מען האָט דעמאָלט אויפגעהאַנגען די פיר רעוואָלוציאָנערן נאָטקין, האַוסמאַן, זאָטאָוו און כהן־בערנשטיין; דעם לעצטן האָט מען געבראַכט צוטראָגן צו דער תליה מיטן בעטל, ער איז געווען קראַנק, האָט מען אים אָנגעטאָן די שטריק אויפן האַלדז און אַרויסגעצויגן פון אונטער אים דאָס בעטל. די איבעריקע אָנטיילנעמער אין דער יאַקוטסקער דראַמע, ווי מינאָר, גאָץ און פיל אַנדערע האָט מען דעמאָלט פאַרשיקט אויף קאַטאָרגע, אויסער דעם זײַנען אייניקע געשטאָרבן פון די קלעפּ בײַם צוזאַמענשטויס מיט די פּאָליציי און סאָלדאַטן. עס האָט מיך פון דער געשיכטע געטרייסלט אין היץ און קעלט, און

*) געשטאָרבן אין 1912 אַלס עמיגראַנט אין דער שווייץ.

עס איז אויפגעשטאַנען אַ געפיל פון נקמה צו דער צאַרישער רע־גירונג פאַר די דאָזיקע אַכזריות.

מאַיסעי לוריע פלעגט אָפט צו מיר אַרײַנקומען, בעת ער פלעגט זײַן אין ווילנע. ער איז געווען פול מיט ענערגיע און האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט כלערליי פּלענער, וואָס האָבן זיך דאָס רוב אויסגעלאָזן מיט גאָרנישט. איין מאָל איז ער געקומען מיט אַ פּלאַן, אַז ער גייט עפענען אַ לעגאַלע דרוקערײַ אין ביאַליסטאָק, און איך און „רעזשטשיק" זאָלן זיך אַריבערקלײַבן אַהין, און מיר וועלן קענען דרוקן פּראָקלאַמאַציעס. „רעזשטשיק" איז טאַקע אַוועק־געפאָרן קיין ביאַליסטאָק קריגן אַרבעט; איך בין אויך צוגעפאָרן, אָפּגעווען אַ וואָך צײַט, דורכגעפירט אַ פאַרזאַמלונג פון אַ פּאָר צענדליק מענטשן שבת בײַטאָג; איך האָב זיי פאָרגעליי־ענט פּרצעס אַ פעליעטאָן „אין אייראָפּע און בײַ אונדז אונ־טערן אויוון" און עפּעס מײַנע אָן אייגענע זאַך; דעם אינ־האַלט געדענק איך ניט, נאָר מסתמא אַ טענדענציעזע, לויט דער מאָדע פון יענער צײַט. איך בין געקומען צוריק קיין ווילנע און מיטגעבראַכט אַ פּעקל „מאַטעריאַל" פון אַ דרוק. אָבער דער פּלאַן האָט זיך אויסגעלאָזט מיט גאָרנישט; מ. לוריע איז שוין געווען אַביסל אין חשד בײַ דער זשאַנדאַרמעריע און האָט קיין דער־לויבעניש ניט געקראָגן. ער איז אויך געקומען צוריק קיין ווילנע. מיר זײַנען דעמאָלט געווען אין זייער אַ געדריקטער שטימונג, אַליין, אָן אינטעליגענטן; די באַוועגונג האָט דערפון אויך שטאַרק געליטן. דעמאָלט האָט לוריע אונדז פאַרגעשלאָגן, אַז ער וועט פאָרן קיין כאַרקאָוו, דאָרטן האָט ער אַ ברודער אַ רעוואָלוציאָנער, וואָס געהערט צו אַ גרופּע סטודענטן, וואָס זײַנען אויך ניט געווען שטאַרק צופרידן מיט דער נײַער טאַקטיק אין ווילנע. איך האָב אַרויסגענומען 25 רובל פון מײַן קאַפּיטאַל, אויסגעליען לוריען, און ער איז אַוועקגעפאָרן קיין כאַרקאָוו. זומער, אין דער צײַט פון וואַ־קאַציעס, איז די גאַנצע דערמאָנטע כאַרקאָווער גרופּע געקומען קיין ווילנע.

דער פעיִקסטער פון דער גרופּע איז געווען אַ הויכער, אַ דאַ־רער, מיט לאַנגע פעך־שוואַרצע האָר, מיט אַ פּנים פון יעזוסן און אַ גרויסער מאַראַליסט; ספּינאָזע און מאַרקס זײַנען געווען זײַנע באַליבטע אויטאָריטעטן. ער האָט זיך ענערגיש גענומען צו דער

אַרבעט און געוואָלט רעגולירן דעם קאָנפליקט אין דער ווילנער אָרגאַניזאַציע. די כאַרקאָווער האָבן דורכגעשטודירט מיט אונדז אין אַ „קרוזשאָק" (קרײַזל) מאַרקס' „קאַפּיטאַל" אין דער פּאָפּו־לאַריזאַציע פון קאַוטסקי און האָבן אויך אויסגעאַרבעט אַ „סאָ־גלאַשעניע" (אַ הסכם, אַן אָפּמאַך) מיט דעם צווייטן צד אין דער באַוועגונג. אין די פאַרהאַנדלונגען האָבן זיך באַטייליקט אַלעק־סאַנדער (קרעמער) און „כראָמאָי"*) (מאַרטאָוו) פון איין זײַט, און די מיטגלידער פון דער כאַרקאָווער גרופּע — פון דער צווייטער; מיט יאָרן שפּעטער האָב איך זיך דערוווסט זייערע נעמען: אַראָן לוריע פון פּינסק,**) ד"ר פײַנבערג — אַ שאַוולער אָדער אַ פּאָ־נעוועזשער, און ד"ר ראָם — אַ ווילנער. דער פּעזקסטער פון זיי איז געווען אַראָן לוריע.

אין פאַרבינדונג מיט די דאָזיקע פאַרהאַנדלונגען איז געשאַפן געוואָרן די באַקאַנטע בראָשור (אין רוסיש) „וועגן אַגיטאַציע", וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע באַדײַטונג פאַר גאַנץ רוסלאַנד, ווי נאָר עס איז געווען אַן אַרבעטער־באַוועגונג; די דאָזיקע בראָשור איז געוואָרן אַ האַנטבוך פאַר דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער טאַק־טיק אין רוסלאַנד.

אין גיכן איז כמעט די גאַנצע „אָפּאָזיציע" צוריק אַרײַן אין דער באַוועגונג, אויסער „רעזטשיקן"; ער איז פאַרבליבן אין אָפּאָזיציע אויף שטענדיק. אייניקע פון דער „אָפּאָזיציע" זײַנען אַרײַן דערנאָך אין די דיסקוסיע־פאַרזאַמלונגען וגם אני בתוכם.

די דיסקוסיע־פאַרזאַמלונגען פלעגן פאָרקומען אין דרײַ פאַר־שיידענע טיילן שטאָט, צו 10 — 12 מענטשן אין איין פּלאַץ. די אָנטייל־נעמער אין אָט די פאַרזאַמלונגען, אַ מאַן 30 אַגיטאַ־טאָרן און פאַרטרעטער פון פאַכן, זײַנען געווען דער קערן פון דער באַוועגונג. קיין פּראָטאָקאָל־ביכער האָט מען פאַרשטייט זיך ניט גע־פירט. עס פלעגט אָמאָל טרעפן, אַז מען האָט זיך ניט געקאָנט צוזאַמענקומען צוויי־דרײַ וואָכן, און איך פלעג באַוווּנדערן, ווי וולאַדימיר (קאָסאָווסקי), מיט וועמען איך בין געווען אין דער זעלביקער גרופּע, פלעגט איבערגעבן גענוי אַלץ, וואָס מען האָט

*) דער הינקעדיקער.

**) מיט יאָרן שפּעטער געוואָרן רעדאַקטאָר פון דער מעסיק־ליבע־ראַלער רוס. צייטונג אין כאַרקאָוו „יוזשני קראַי"; אין די יאָרן פון בירגער־קריג דערשאָסן געוואָרן פאַר „קאָנטר־רעוואָלוציע".

אויף די פאַרזאַמלונגען גערעדט, וועד עס האָט געמאַכט די אָדער יענע באַמערקונג, מיט אַלע פּרטים, אַזוי ווי פון אַ בוך אַרויסגע־לייענט. די אַלע דרײַ דיסקוסיע־פאַרזאַמלונגען פלעגן זיך צוזאַ־מענקומען אין איינעם בײַ אַן אויסערגעוויינלעכן פאַל, אָדער ווען מען האָט געדאַרפט אויסוויילן דעם געהיימען קאָמיטעט. די דאָ־זיקע פאַרזאַמלונגען זײַנען געווען קאָנספּיראַטיווע פאַר די איבע־ריקע מיטגלידער פון דער באַוועגונג, דער קאָמיטעט פלעגט דאָרט געווײלט ווערן דורך געהיימע וואַלן. דאָס איז געווען אַ מין קדשי־קדשים פון דער באַוועגונג. אָפיציעל האָט קיינער ניט געוווּסט ווער עס גייט אַרײַן אין קאָמיטעט, נאָר איין פערזאָן איז געווען אָפיציעל דער פאַרמיטלער צווישן די דיסקוסיע־פאַרזאַמלונגען און דעם קאָמיטעט — דאָס איז געווען אַלעקסאַנדער (קרעמער). די אויפגאַבן פון קאָמיטעט זײַנען געווען צוצושטעלן פּראָפּאַגאַנדיסטן פאַר די אַרבעטער־קרײַזלעך, צושטעלן ליטעראַטור, שאַפן פאַר־בינדונגען מיט אַנדערע שטעט און אויך מיט אויסלאַנד און שאַפן געלט; ער האָט געהאַט רעכט צו קאָאָפּטירן פּערזאָנען, וואָס ער וועט געפינען פאַר פּאַסיק, ניט אָנפרעגנדיק בײַ די דיסקוסיע־פאַר־זאַמלונגען. אויף מיר האָבן די פאַרזאַמלונגען געמאַכט אין אָנהויב זייער אַ גוטן אײַנדרוק; איך האָב אויף זיי געקוקט, ווי אויף אַן אַרבעטער־פּאַרלאַמענט אין מיניאַטור.

די ערשטע פיר־פינף יאָר פון מײַן אַרבעט אין דער באַ־וועגונג זײַנען אין אַלגעמײַן די בעסטע אין מײַן לעבן. וועגן מאַטעריעלער באַקוועמלעכקייט האָט מען זיך ווינציק געקימערט אידעיִש איז מען געווען באַפרידיקט, אַלע חברים זײַנען געווען פרײַנדלעך, ברידערלעך, איבערגעגעבן איינער דעם צווייטן, ווען איין אַרבעטער פלעגט צום בײַשפּיל קראַנק ווערן. איך געדענק, ווי איינער אַן עלנטער סטאָליער, וואָס האָט געהאַט אַ שטיקל שײַכות צו דער באַוועגונג, איז געוואָרן קראַנק, ער האָט גע־וווינט אין אַ קעלערשטוב; פלעגן מיר זיצן גאַנצע נעכט משמורים בײַ אים, און ווען דער דאָקטאָר האָט אים געהייסן מאַכן וואַ־רעמע וואַנעס, האָט מען דאָס אויך באַוויזן — מיר פלעגן טראָגן הייסע עמערס וואַסער פון די „טשאַינעס" (טיי־טראַק־טיר). וואָס מען האָט געקאָנט טאָן אַליין, האָט מען געהאַלטן פאַר אוממאָראַליש צו באַנוצן זיך מיט אַ צווייטן. ווען איך פלעג אויפשטיין אין דער פרי, פלעג איך אָפט אויטאָמאַטיש

נעמען זאָגן די ברכה „ברוך אלהינו... והבדילנו מן התועים ונתן לנו תורת אמת" אאַז"וו. פון ספקות, פון אַנטוישונגען האָט מען ניט געוווּסט; די אידעע איז נאָך געווען זויבער, אומבאַפלעקט, ווי אַלץ וואָס איז יונג. עס איז נאָך אין דער באַוועגונג געווען מער אוטאָפּיזם, מער פּאָעזיע, און דערפאַר אויך מער צויבער.

פּורים־צײַט האָט מען שוין גענומען דיסקוטירן די פראַגע, ווי מען זאָל פײַערן דעם ערשטן מאַי אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב. נאָך לאַנגע באַראַטונגען איז געבליבן, מען זאָל פײַערן אין דרײַ פלעצער, און ניט אַלע צוזאַמען, ווי מ'האָט געהאַט פאָרגעשלאָגן. מען איז זיך צוזאַמענגעקומען אין די וועלדער אַרום ווילנע אין איינעם אַ שבת. בײַ די לעצטע זיצונגען פון די דיסקוסיע־פאַרזאַמלונגען האָט דער קאָמיטעט אַרויסגעגעבן אינסטרוקציעס, אַז יעדער אַגיטאַטאָר זאָל גיין מיט זײַנע מענטשן, דורך באַזונדערע וועגן און ניט אַלע אין איין צײַט; אין פאַל, אויב עס וועט אויפקומען אַ חשד אָדער עפּעס אַ שטערונג, זאָל מען זען צו פאַרהיטן די מאַסע, געבן איר אַפריער די מעגלעכקײַט פונאַנדערצוגיין זיך, און מיר זאָלן בלײַבן די לעצטע; איידער די פײַערונג וועט זיך אָנהייבן, זאָל מען אַרויסשיקן שומרים בײַ די אַרײַנגאַנגען פון וואַלד פון אַלע זײַטן און זיי זאָלן שטיין אויף דער וואַך די גאַנצע צײַט. הירשע דער סטאָליער און מיך האָט דער קאָמיטעט באַשטימט פאַר די פאָנען־טרעגערס (דעם דריטן געדענק איך ניט), ניט אויף צו מאַרשירן מיט דער פאָן פאַראויס — אַזוינס האָט נאָך דעמאָלט ניט געקאָנט געמאָלט זײַן, נאָר מיר האָבן פשוט געדאַרפט קומען דעם שבת, נעמען די פאָן און די געשריבענע רעדעס, אַ פאָר מאָל דורכלייענען זיי אַפריער, בכדי מיר זאָלן דאָס קענען לייענען פליסיק, קומען אין וואַלד די ערשטע, באַהאַלטן דאָס און וואַרטן אויפן עולם. צום באַשטימטן שבת בין איך געקומען צו פ אָ ט י ן, זי האָט מיר דערלאַנגט די רעדע און די פאָן — אַ שטיקל רויט לײַוונט, די גרייס ווי אַ קאָפּטיכל, מיט די אויפשריפטן: „פראָלעטאַריער פון אַלע לענדער — פאַראייניקט אײַך!" „עס לעבע דער ערשטער מאַי!" „מיר פאָדערן אַ 8 שטונדיקן אַרבעטסטאָג!" און איך בין אַוועק אין וואַלד, באַהאַלטן די רעדע מיט דער פאָן אונטער אַ שטיין און געזעסן און געוואַרט

אויפן עולם. די זון האָט באַלויכטן די שפּיצן בוימער, די פּיי־געלעך האָבן פריילעך געשוויצערט און אַרומגעשפּרונגען אויף די צווײַגן, און פון די געדיכטענישן פון וואַלד האָט זיך דער־טראָגן דער מאָנאָטאָנעכער ליבעס־רוף, קו, קו!... קו, קו!... די ערד איז נאָך געווען נאַס און קאַלט, אין אייניקע ערטער איז נאָך געלעגן דער פאַרשוואַרצטער שניי, און איך האָב זיך געקלערט: ווער ווייס ווו איך וועל זײַן דעם צווייטן שבת? טאָמער אַרעסטירט מען מיך? אַ רחמנות אויף דער מאַמען. ווי וועט זי דאָס איבערטראָגן, אַז איר זון זאָל זײַן אַן אַרעס־טאַנט, זיצן אין 14טן נומער און אפשר גאָר ווערן אַ „סי־בירניק״?... פונדעסטוועגן בין איך געווען שטאָלץ, וואָס מען האָט מיר אָנגעטרויט אַזאַ וויכטיקע אַרבעט און איך דאַרף זײַן דער ערשטער רעדנער.

אַרום איינס אַזייגער זײַנען זיך צונויפגעקומען 175 — 180 אַרבעטער טיף אין וואַלד, ווײַט פון די רעלסן, ווו די באַן גייט. מאַריע (זשאַלודסקי), אין אַ רויטער בלוזע, איז אַרויפגעקראָכן אויף אַ פּיען פון אַן אָפּגעזעגטן בוים און גע־עפנט די פאַרזאַמלונג מיט איר מענערישער שטים: „שוועס־טער און ברידער אַרבעטער!״ דער עולם האָט זיך צונויפגע־נומען נענטער. זי האָט אין קורצע ווערטער דערקלערט די באַדײַ־טונג פון ערשטן מאַי און פון דער איצטיקער פאַרזאַמלונג; מען האָט געזונגען די „שבועה״ (ניט אַנסקיס), און זי האָט מיך פאָרגעשטעלט אַלס רעדנער. איך בין געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אַן אַ בוים און אָנגעהויבן צו לייענען; דער עולם האָט זיך צוגעהערט אויפמערקזאַם. די רעדע האָט געדויערט בײַ אַ 40 — 50 מינוט; אויפגערעגט בין איך געווען און האָב גע־לייענט מיט אַ טאָן העכער, ווי איך רייד געוויינטלעך. ווען איך האָב אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון פּאַפּיר, ווו איך האָב גע־האַלטן איינגעגראָבן די אויגן, ווײַל איך האָב זיך געשעמט צו קוקן אויף מײַנע צוהערער, און האָב דערזען פאַר זיך אַנט־קעגן דאָס בערגל, ווו עס זײַנען געזעסן די חברטעס, מיט זייע־רע קאָלירטע בלוזעס און סטענגעס, און די חברים, מיט די שוואַרצע און רויטע „רובאַשקעס״ (העמדלעך), האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז דאָס בערגל איז מיט בלומען באַוואַקסן און צענדליקער אויגן קוקן אויף מיר פון די בלומען אַרויס. איך

האָב דערפילט, ווי די קני ווערן מיך שוואַך און דער קאָפּ שווינדלט אַ ביסל, נאָר איך האָב זיך געפּאַסט מוט — אַלעקסאַנדער האָט שטרענג אָנגעזאָגט, מען זאָל ניט „פּאָדגאָדיען", *) און איך האָב ווײַטער געליטן, ביז איך האָב געענדיקט.

די צווייטע רעדע האָט געהאַלטן ישראל־מיכל און האָט „פּאָדגאָדיעט". נאָך די רעדעס האָט מען אַרויסגעשלעפּט פון די קוסטעס אַ פּאָר פלעשלעך בראָנפן, ביר, ווורשט און אַנדערע צובייסנס. און די שמחה האָט זיך אָנגעהויבן. מען האָט געענדערט מען זאָגן טאָסטן ווער אין גראַמען און ווער אין פּראָזע, יעדערער האָט זיך געסטאַרעט דאָס זײַן טאָסט זאָל זײַן מער רעוואָלוציאָנער און וויציקער, צוויי יונגע בחורימלעך האָבן פאַרפירט אַ געשפּרעך אין גראַמען, עקספּראָמטאָם, וואָס האָט פאַרגעשטעלט אַ קאָנפליקט צווישן אַ בעל הבית מיט אַן אַרבעטער, עס האָט זיך אַפילו ניט אַזוי שטאַרק געגראַמט פון אַ פּאָעטיש קינסטלערישן שטאַנדפּונקט, נאָר וועמען האָט דאָס געאַרט! אַבי עס איז געווען פריילעך, און מיר די אַגיטאַטאָרן וואָס זײַנען געווען צופרידן, מיר האָבן געזען די רעזולטאַטן פון אונדזער אַרבעט.

מיר האָבן אויפן אָרט פאַרברענט די געפערלעכסטע זאַכן, וואָס האָבן געקאָנט קאָמפּראָמענטירן די פאַרזאַמלונג — די פאָן און די רעדעס. מײַן אַרבעט איז שוין געווען אָפּגעטאָן, האָב איך איבערגעלאָזט די פאַרזאַמלונג משמח זײַן זיך און בין אַוועק אָנזאָגן אַלעקסאַנדערן, ווי עס איז געווען אָפּגערעדט, ווי עס איז אַלץ צוגעגאַנגען.. אַלעקסאַנדער איז געזעסן בײַ זיך אין צימער און געוואַרט מיט דער גרעסטער אומגעדולד. ווי נאָר איך האָב געעפנט די טיר, איז ער צוגעלאָפן צו מיר: „נו, וואָס הערט זיך?" האָט ער אויסגעשריען. — „אַלץ איז געווען אין בעסטער אָרדנונג" — האָב איך געענטפערט. ער איז מיר אַרויפגעפאַלן אויפן האַלדז, און מיר האָבן זיך צעקושט. ער האָט אויסגעפרעגט יעדער קלייניקייט; ערשט איצט האָב איך אים דערציילט, אַז ישראל־מיכל האָט „פּאָדגאָדיעט"; היות ווי ער איז געווען באַוווסט פאַר אַ פּוליאַק, האָט ער זײַן רעדע ניט איבערגעלייענט פריער און האָט זיך געמאַ־

*) ניט צעפּאַטשקען, ניט קאַליע מאַכן.

טערט בײַם לייענען פון אַ פרעמדער האַנטשריפט. די רעדע האָט פאַרלאָרן דעם עפעקט. אַלעקסאַנדער האָט זיך געכעסט און געשאָלטן דעם „פוילן לודער". „און וואָס איז דאָרטן איצט ?" — האָט ער ווײַטער געפרעגט. — „איצט הוליעט מען דאָרטן" — האָב איך געענטפערט.

עס איז געווען פינסטערלעך אין צימער, ווען הירשע דער סטאָליער איז אַרײַנגעקומען פון צווייטן פלאַץ. „נו, וואָס הערט זיך ?" — האָט אים אַלעקסאַנדער געפרעגט. הירשע איז געווען אַ ביסל בגילופנדיק, אַרומגעגאַנגען מיט דער בלוזע איבער די הויזן און געשפּילט זיך מיט די פרענזן פון דער בלוזע; אין אַלגעמיין פלעגט נעמען ביי אים אַ מינוט, איידער ער פלעגט אויסריידן אַ וואָרט, איצט איז געווען נאָך שווערער פון אים אַרויסצובאַקומען אַן ענטפער. — „נו, גיכער, הובל, רייד שוין !" — האָט אַלעקסאַנדער זיך געבייזערט גוטמוטיק; עס האָט גענומען אַ רעכט ביסל צײַט, ביז מיר האָבן אַרויסגעקראָגן פון אים, אַז אַלץ איז אַראָפּ כשורה.

אויף מאָרגן, זונטאָג, בין איך אַרײַן אין שניפּישאָק אין אַ הויז, ווו עס האָבן געוווינט צוויי שוועסטער, מײַנע באַקאַנטע — שיפרה און ליובע קראַקוזין. רופט זיך אָפּ זייער מוטער צו מיר: „גוט וואָס איר זײַט געקומען! מוסרט אויס אַביסל מײַנע טעכטער; זאָגט מיר, איך בעט אײַך, וואָס איז דאָס געווען פאַר אַ טאָג נעכטן ? איר וואָלט געזען וויפיל דאָ האָבן זיך געשאָטן מענטשן, יונגע, בחורים, מיידלעך און אַפילו עלטערע מענטשן אויך, אַ גאַנצן טאָג אויף אַלע וועגן, וואָס פירן צום זווערינעצער וואַלד; מען זאָגט, אַז עס איז פאַראַן איין טאָג אין יאָר, ווען זיי גייען אַלע אין וואַלד; וואָס טוט מען, כ'בעט אײַך, דאָרטן ? מײַנע טעכטער זײַנען אויך אַוועק אויף אַ גאַנצן טאָג, זיי זײַנען אַפילו צום עסן ניט געקומען, איך האָב ניט געוווּסט וואָס איבערצוקלערן, ערשט שפּעט בײַנאַכט זײַנען זיי געקומען. זאָגט אַליין, פּאַסט דאָס פאַר יִדישע מיידלעך ?"... ווען די מוטער איז אַרויס פון הויז, רופט זיך אָפּ שיפרה צו מיר: „איך האָב זיך געוווּנטשן, אויב עס וועט וואָס פּאַסירן, זאָל דאָס בעסער טרעפן מיט מיר; איך בין געווען ביי די „שטיבלעך" און זי אין „זווערינעץ", איך האָב די גאַנצע צײַט

געקלערט: ווער ווייס וואָס דאָרטן הערט זיך; שטעלט זיך פאָר, ווען מען וואָלט זי אַרעסטירט, וואָס איך וואָלט געהאַט אין הויז פון די עלטערן! ערשט איך קום אַהיים, זי זיצט שוין און טרינקט טיי".

נאָכן ערשטן מאַי*) האָט מען אָפּגעגעבן באַריכטן אין דער דיסקוסיע־פאַרזאַמלונג, אַז פינף הונדערט אַרבעטער האָבן זיך באַטייליקט אין דער פייערונג. אַזאַ גרויסע צאָל איז געווען צום ערשטן מאָל, און די צופרידנקייט איז בײַ אַלעמען געווען גרויס. אויך האָט מען דערציילט וועגן נסים, וואָס האָבן פּאַסירט. אַזוי, אין איין פּלאַץ האָבן זיך צונויפגעטראָפן אַ ברו־דער מיט אַ שוועסטער, אין אַ צווייטן פּלאַץ — אַ פאָטער מיט אַ טאָכטער, וואָס האָבן מחמת קאָנספּיראַציע איינער פון דעם אַנדערן ניט געוווסט; אויך האָט מען דערציילט, אַז בעת מען איז געגאַנגען צוריק פון רוזעלע, איז די דיסציפּלין שוין געווען געבראָכן, און מען איז געגאַנגען גרופּנווײַז איינע נאָך די אַנדערע וואָס האָט דערמאָנט אַ דעמאָנסטראַציע; אַ סטראַזש־ניק**) האָט באַמערקט, אַז עפּעס צופיל מענטשן דרייען זיך אַרום אויף די באַן־רעלסן: "פון וואַנען גייען דאָס אַזויפיל מענטשן?" — האָט ער געפרעגט; איינע אַ מיידל האָט אים געענטפערט: "אין ווילייקע איז הײַנטיקן שבת דאָ אַ גרויסער "ראַבין" (רב), איז מען אים געגאַנגען הערן, איצט גייען מיר צוריק"; ער האָט דאָס אָנגענומען פאַר אַן אמת, און אַלץ איז אַראָפּ גלאַטיק.

די וואָך פון פסח איז געווען אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון אַלע דרײַ דיסקוסיע־פאַרזאַמלונגען און מען האָט אויסגע־וויילט אַ נײַעם געהיימען קאָמיטעט. איצט, נאָכן 1טן מאַי, האָט אַלעקסאַנדער אין זײַן באַריכט געזאָגט, אַז דעמאָלט זײַנען אויסגעוויילט געוואָרן צוויי ווייניק אַרבעטער; ***) "מעגלעך, אַז דאָס איז אונדזער שולד, ווײַל מיר האָבן פאָרגעשטעלט צו

*) אין יאָר 1896.

**) אַ פּאָליציאַנט, אַ דאָרפישער.

***) פון די אַרבעטער איז געוויילט געוואָרן נאָר מאָיסיי דער איינ־בינדער, און אויך ער איז נאָך פסח אַרעסטירט געוואָרן.

שטרענג די אויפגאַבעס פון קאָמיטעט, און איר האָט ניט געגוג צוטרויען צו זיך אַליין. פֿאַרן ערשטן מאַי האָבן מיר די דאָזיקע פֿראַגע ניט געוואָלט אַרויפֿברענגען, איצט אָבער, אַז אַלץ איז אַראָפּ בשלום, פֿאַרלאַנגט דער קאָמיטעט נײַע וואַלן, און מען דאַרף זען, עס זאָלן אַרײַן מער אַרבעטער". בײַ אָט די צווייטע וואַלן זײַנען שוין אויסגעוויילט געוואָרן דרײַ אַרבעטער: הירשע דער סטאָליער, ישראל־מיכל דער שלאָסער און איך, דער שרײַבער פֿון די דאָזיקע זכרונות.

שפּעטער, יום־כּיפּור, איז פֿאַררופֿן געוואָרן אַ זיצונג פֿון אַלע דרײַ דיסקוסיע־פֿאַרזאַמלונגען אויף טראָקער גאַס, בײַ אַ גוט באַקאַנטן מאַן, וואָס האָט געהאַלטן איינעם פֿון די גרעסטע אַפּטייק־סקלאַדן אין שטאָט. אַלעקסאַנדער האָט אונדז איבערגעגעבן, אַז מען האָט געלייגט אַ בלומען־קראַנץ אין פּאַריז אויף די קברים פֿון די געפֿאַלענע קאָמונאַרן אין אונדזער נאָמען (צום 25־יאָריקן יובילײ פֿון דער פּאַריזער קאָמונע) און ווי מען האָט אויפֿגענומען די נײַס פֿון אונדזער מאַי־פֿײַערונג אין אויסלאַנד, און אַז פּלעכאַנאָוו האָט דערבײַ אויסגעדריקט די האָפֿענונג, אַז מיר, יידישע אַרבעטער „וועלן זײַן דער אַוואַנגאַרד פֿון דער רוסישער רעוואָלוציע". נאָך אַזאַ קאָמפּלימענט זײַנען מיר צו נעילה אַרויס פֿון דער פֿאַרזאַמלונג געלייטערטע, זאַטע און צופֿרידענע, ספּעציעל ווען דער קאָמפּלימענט איז געקומען פֿון דעם „רוסישן קאַרל מאַרקס".

אַרויסגייענדיק פֿון מיטינג בין איך פֿאַרבײַ דאָס שולכל אויף ווילנער גאַס און איך האָב דערהערט די „סקאַרבאָווע" ניגונים פֿון די תּפֿילות, איך האָב זיך דערמאָנט ווי דער טאַטע פֿלעגט מיך האַלטן לעבן זיך בעת עס איז געקומען צו דער מאַרטיר־היסטאָריע פֿון די עשרה הרוגי מלכות, אָדער, ווען עס פֿלעגט קומען צו דער „עבודה" (מײַן פֿאָטער איז געווען אַ כּהן) ווי ער פֿלעגט זיפֿצן און וויינען, און איך פֿלעג מוזן מיט אים מיטזאָגן אַלץ, און ווען עס איז געקומען דערצו ווו דער כּהן־גדול פֿלעגט דאַרפֿן אַרײַנגיין אין קדשי קדשים, פֿלעגט אויף אונדז אָנפֿאַלן אַ שרעק, און איך האָב מיטגעוויינט מיטן טאַטן. איך האָב שטאַרק באַדויערט וואָס דער בית־המקדש איז חרוב געוואָרן, ווען דער בית־המקדש וואָלט איצט עקסיסטירט,

וואָלט דאָך דער טאַטע קיין שניידער ניט געווען. ער און משה אידעלס (דער גרעסטער למדן פון שטעטל)ביידע פלעגן זיי שטיין בײַם דוכענען לעבן אָרון־קודש, אַלע איבעריקע כהנים פלעגן שטיין אויף די טרעפּלעך. הײַנט די פלייש וואָס מיר וואָלטן געהאַט פון די קרבנות! פלעגט זיך בײַ מיר אַרײַנ־גנבענען אַ געדאַנק, און גלײַך האָב איך זיך געמאַכט פאָרווורפן, וואָס אין אַזאַ הייליקן מאָמענט קלער איך גאָר וועגן אַזעלכע עגאָאיסטישע זאַכן ווי אַ זולל וסבא. אַזוי אָבער ווי איך בין איצט דערוויילט געוואָרן צום געהיימען קאָמיטעט, דער „קדשי קדשים" פון דער באַוועגונג, דאַרף איך זיך איבערגעבן מיט דעם זעלביקן יראת־הכבוד, מיט דער זעלבער הייליקײַט דער אַרבעטער־באַוועגונג לטובות הכלל ווי דער כהן־גדול ווען ער פלעגט גיין בעטן פאַרן גאַנצן פאָלק ישראל.

ווען עס פלעגט אַמאָל אויסקומען צו גיין אין אַ פּראָסט, אין אַ רעגן צוליב דער באַוועגונג, איז געווען גענוג אַז מען האָט זיך דערמאָנט, דאָס סאָלדאַטן שטייען איצט אויף אַ פּאָסט ערגעץ ווו אויף אַ פעלד, און מען דאַרף דינען דעם אידעאַל מיט דער זעלביקער דיסציפּלין.

3

אין 1896 בין איך אַרײַנגעפאָרן קײַן ב י אַ ל י ס ט אָ ק. איך האָב דאָ געפונען אַן איבערבלײַבעכץ פון אַן „אָפּאָזיציע", וואָס איז אַהער פאַרטראָגן געוואָרן פון ווילנע. און וואָס האָט זיך נאָך געצויגן פון דער צײַט פון פאַר דעם אַרעסט. אָבער היות ווי קיין אינטעליגענטן זײַנען שוין דעמאָלט דאָ ניט געווען און דאָס עקאָנאָמישע לעבן איז אין ביאַליסטאָק געווען מער צוגע־פּאַסט צו דער אַגיטאַציע־פּראָגראַם, האָט די „אָפּאָזיציע" ניט געקענט האָבן קיין שום באָדן אונטער זיך. בײַם ערשטן צו־זאַמענקומען זײַנען אמת די באַציונגען צווישן ביידע פּראַקציעס געווען אַזעלכע אָנגעצויגענע, אַז וועלוול דער וועבער,*) דער פּעיִקסטער און דער אינטליגענטסטער צווישן דער „אָפּאָזיציע", האָט געוואָלט נעמען דעם מאַנטל און אַוועקגיין, נאָר ער האָט זיך געשעמט פאַר מיר אַלס אַ גאַסט, לויט ווי ער אַליין האָט

*) אַ סימפּאַטיקער פון די פּ. פּ. ס.

דאָס מיר שפּעטער דערציילט. אין משך פון אַ חודש האָב איך אויסגעאַרבעט אַ „סאָגלאַשעניע" (הסכם) — פּיל־ווייניק פּראַק־טיק אויף דעם געביט האָב איך שוין דעמאָלט געהאַט פון ווילנע — און מען האָט פאַררופן אַ פאַרזאַמלונג ביי מאַטעס דעם וועבער אַ שבת ביינאַכט אויף כאַנייקעס, ווו איך האָב געלייענט אַ רעפעראַט וועגן דעם, ווי עס קומען אויף אידעען, ווי די עקאָנאָמישע אומשטאַנדן רופן זיי אַרויס, וועגן דער ווירקונג דערביי פון פּאָליטישע און פּסיכאָלאָגישע פאַקטאָרן, ווי אויך וועגן דער פּפּ"ס און די סיבות, וואָס האָבן אַרויסגערופן די „אָפּאָזיציעס" אין אונדזערע רייען.

אויף מאָרגן בין איך אַריין אין ראָזנטאַלס פאַבריק, האָב איך געפונען, אַז מאַטעס און וועלוול און נאָך אַ פּאָר וועבער שטייען לעבן אַ „שטול" און מען דיסקוטירט מיין נעכטיקע רעדע. ווען איך האָב מיין אויפגאַבע פאַרענדיקט, האָב איך זיך געקליבן צו פאָרן ווייטער קיין וואַרשע, איז צו מיר געקומען אַ מין דעלעגאַציע פון פינף וועבער — פּוילישע ייִדן, מיט לאַנגע קאַפּאָטעס און לאַנגע בערד, מיט קליינע פּוילישע היטעלעך אויפן קאָפּ, ייִדן וואָס האָבן שוין אַליין געהאַט אַזוינע קינ־דער ווי איך — און האָבן מיר געזאָגט: „איר וועט שוין ניט אָפּפאָרן פון ביאַליסטאָק, מיר דאַרפן אייך האָבן דאָ ביי אונדז; אייער אַרבעט (לאַזוריק) איז אַן אומגעזונטע, מיר ווען אייך מאַכן פאַר אַ וועבער". איך האָב זיך געפילט אַ ביסל געשמייכלט פון אַזאַ קבלת־פּנים, איך האָב זיך אויך געפילט מחוייב ווי אַ מיטגליד פון געהיימען קאָמיטעט אין ווילנע, וועלכער איז געווען די העכסטע אינסטאַנץ פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועג־גונג צווישן די ייִדישע אַרבעטער אין יענער צייט. און דאָ האָב איך פאַר זיך אַזאַ ברייט פעלד — טויזנטער אַרבעטער, זייער ווינציק באַאַרבעטע, מיט אַ סך ווילדע גראָז, ווי אַ שטייגער פּרימיטיווע אַקטן פון טעראָר קעגן איינצלנע פּערזאָנען,*) אָדער

*) עס האָט פּאַסירט, צום ביישפּיל, אַז אין דער צייט פון אַ שטרייק ביי איינעם אַ טוך־פאַבריקאַנט, אַ ייִד אַ חסיד, איז שבת בייטאָג, ווען מען איז געגאַנגען פון דאַווענען, צוגעגאַנגען צו אים אַן אַרבעטער — אַ סטאָלער גאָר — און האָט אים דערלאַנגט מיט אַן אייזן איבערן קאָפּ און צעשפּאָלטן דעם מוח; דער פאַבריקאַנט איז אָפּגעלעגן איייניקע וואָכן קראַנק צווישן לעבן און טויט, ביז מען האָט אים דעראַטעוועט.

פון אַנטאָן שאָדן אין די פאַבריקן, אָקטן פון פאַרביטערונג און מאַכטלאָזיקײַט, אָן שום נוצן פאַר דער אייגענער לאַגע און פאַרן כלל. און איך האָב זיך געטראַכט: „יעבור עלי מה!" זאָל זײַן וואָס ס׳וועט זײַן; דער סוף וועט דאָך סײַ ווי מסתמא זײַן דער אייגענער, וואָס בײַ די אַנדערע: אַרעסט, טורמע, סיביר; לאָמיך כאָטש וואָס אויפטאָן. און איך בין פאַרבליבן אין ביאַליסטאָק. די עטלעכע אָרעמע וועבער האָבן אײַנגעצאָלט אַ לוינקעטניק צען רובל פאַר מײַן לערע — און אַזוי בין איך געוואָרן אַ וועבער.

בײַ די וועבער איז געווען פאַרשפּרייט אַ מיינונג, אַז שולדיק אין זייער געדריקטער לאַגע איז דאָס, וואָס מען נעמט אָן צופיל נײַע לערנייִנגלעך, און זיי פלעגן פּשוט רודפן יעדן נײַ צוגעקומענעם וועבער. איך האָב שוין אַפילו אַליין אָנגעהויבן פילן די רדיפות.

איינער אַ ייִדל אַ וועבער מיט אַ שוואַרצער בערדל האָט געהאַלטן לעבן זיך אַ ייִנגל פון אַ יאָר דרײַצן, פערצן און אים שוין געלערנט די חכמות האָוועבערײַ, דאָס ייִדל האָט גענומען שרײַען בייז: „ווי סמייעט מען מיר לערנען צו מאַכן אַ וועבערשן קניפּל!" אַ שפּולאַרקע אַ מיידל, וואָס בײַטאָג אַרבעט זי, און בײַנאַכט זוכט זי לײַכטערע פאַרדינסטן... איר האָט מען אָנגעשטעלט זי זאָל זיך צו מיר טשעפּען אויפן עכט רוסישן שטייגער, מיט די דרײַ־גאָרנדיקע זידלווערטער... אָבער יאַנקל דער גרויסער און משה־שמעון דער קליינער, וואָס זײַנען געווען באַוווּסט אין שטאָט ווי „וועבערשע פּאַטריאָטן", קלוגע אַרבעטער ניט קיין שרעקעדיקע, וואָס קענען געבן קלעפּ ווו און ווען מען דאַרף, און וואָס האָבן אַליין אויך געהאַט גענוג קלעפּ אויף די לײַבער פאַר זייער „פּאַטריאָטיזם", האָבן מיך גענומען אונטער זייער שוץ. מען איז אַרײַן מיט מײַנע פאַרפאָלגער אין שענק, מען האָט געמאַכט צוזאַמען אַ שנאַפּס. יאַנקל האָט זיי „פאַרמולירט די ציינער" מיט אַ מעשה, אַז איך בין זײַן שוואָגער, אָקאָרשט געקומען פון „סלוזשבע" (מיליטער־דינסט) — און וואָס זאָל ער טאָן מיט מיר? און עס איז רעכט געוואָרן.

זעקס אַ זייגער פאַרטאָג פלעג איך גיין צו דער אַרבעט און

אַכט — נײַן אין אָוונט האָט זיך ערשט אָנגעהויבן די אַרבעט
פאַר דער באַוועגונג. איך האָב געהאַט דרײַ גרופּעס אַרבעטער
פון צווישן די זעלביקע עלטערע יידן; מיר האָבן דורכגעלערנט:
„לוינאַרבעט און קאַפּיטאַל" פון מאַרקס, „די אַרבעטער־פּראָ־
גראַם" פון לאַסאַל, אויסער די שמועסן וועגן די אַרבעטער־קאַמפּן
אין ענגלאַנד, בעלגיע וכדומה. מיט דער צײַט זײַנען מײַנע צו־
הערער געוואָרן איבערצײַגטע סאָציאַליסטן און רעוואָלוציאָנערע
קעמפּער מיט אַ גרויסער השפּעה אויף די איבעריקע אַרבעטער.
דאָס רוב פון זיי זײַנען געווען יידן, וואָס האָבן געקענט אַ ביסל
לערנען, פאַרשטאַנען אַ העברעיִשע צײַטונג; געוועזענע איידעמס
אויף קעסט, דער שווער איז געשטאָרבן, דאָס שמאַלץ איז אויס־
גערונען, מען איז געבליבן אַ בעל־מטופּל מיט אַ פאַמיליע און
מען האָט געדאַרפט מאַכן אַ לעבן — איז מען געוואָרן בעל־כרחך
וועבער אַרבעטער, פּראָלעטאַריער. בײַ אַזוינע מענטשן, האָב איך
פאַרשטאַנען, מוזן די פראַגן וועגן רעליגיע, וועגן גלויבן אין
גאָט, וועגן בריאת־העולם זײַן אָנגעווייטאָגטע. אויף דער וואָך פון
פסח האָב איך זיך צוגעגרייט צו האַלטן פאַר זיי אַ סעריע לעק־
ציעס. איך האָב דורכגעלייענט פלאַמאַריאָנס אַ בוך וועגן אַסטראָ־
נאָמיע (דעם גענויען נאָמען געדענק איך ניט), אַ בוך, אויך אין
רוסיש, מיטן נאָמען „די שטערנוועלט" מיט אַסטראָנאָמישע ביל־
דער, אויך „אַ סוף פון דער וועלט" פון מיכל וועבער, פײַגענ־
בוימס „מעשה בראשית", לאַיעלס ביאָגראַפיע, פיזישע געאָגראַ־
פיע פון פּעקאַטאָראַס און מסתמא נאָך וואָס פון דעם סאָרט און
אויך עפּעס וועגן דאַרוויניזם. פרעגט מיך איצט די גרויס פון
די פּלאַנעטן און קאָמעטן, זייער ווײַטקײַט איינע פון די אַנדערע
— ווייס איך ניט; אָבער דעמאָלט האָב איך דאָס אַלץ געהאַט
פאַרצייכנט, און פּסח האָב איך דאָס „געלעקטשורט" פאַר מײַנע
צוהערער. אייניקע פון זיי האָבן מיר שטאַרק געדאַנקט, און דאָס
איז געווען מײַן באַלוינונג.

פרײַטאָג בײַנאַכט פלעגט זײַן די אָרגאַניזאַציע־פאַרזאַמלונג,
און שבת פרי פלעגן מיר גיין אין דער גוישער באָד, ווו עס
איז קיינער ניט געווען אויסער אונדז, און אין באָד אויף דער
באַנק פלעגן באַהאַנדלט ווערן די אויסערגעוויינטלעכע קאָנספּיראַ־
טיווע פראַגן. דער קליינער משה־שמעון איז געווען אַ מאַידים אין
באָד־ענינים, ער פלעגט אונדז אַלעמען שמײַסן און דערבײַ אויס־

שרײַען: „אמרו לאלוהים״ — רייד צום לאָמפּ!״ דאָס אַלץ זײַנען געווען די רעגולערע זיצונגען, אויסער דעם זײַנען געווען נאָך צופעליקע, ווי אַ שטייגער פאַר אַ שטרייק, פאַרשיידענע באַראַטונגען, פאַרלעזונגען; דאָס מאַכן אַ לעבן פאַר זיך איז געווען אַ בײַזאַך.

עס האָט זיך דערנעענטערט נײַ־יאָר (1897). אין אַזאַ אָוונט, ווען די פּאָליציי איז שיכור און אין אַלע הײַזער איז פריילעך, טאָר מען דאָך ניט דורכלאָזן די געלעגנהײַט, און עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו האָבן אַ „נאָוואָגאָדניע וועטשערינקע״ (אַ הור־לאַנקע צום נײַ־יאָר־אָוונט). אַלזאָ מוז מען שוין צוגרייטן וואָס פאַרצולייענען. אין די ערשטע פאָר יאָר, וואָס איך בין געווען אין דער באַוועגונג, האָט מען מיך אין ווילנע איין מאָל אײַנגעלאַדן צו אַזאַ נײַ־יאָר־אָוונט בײַ מאַריע (זשאַלודסקי) אויף דער דירה, אין אַ הינטערשטן הויז אויף אַ הויף. עס זײַנען דאָרטן געווען ביז צוואַנציק — פינף־און־צוואַנציק יונגע בחורים און מיידלעך. איינער אַן אינטעליגענט אין גרויסע ברילן מיט אַ גרויסן נאָז האָט אַרויסגענומען פון זײַן בוזעם־קעשענע אַן אָנגעשריבענעם פּאַפּיר און האָט דורכגעלייענט אַ מעשה — אַ „חלום צום נײַעם יאָר״; עס האָט זיך דאָרט געשילדערט, ווי מיניסטאָרן זיצן אין אַ קעלער פון אַ „דוואָרעץ״ (קיניגלעכער פּאַלאַץ) און טרינקען בלוט אין בעכערס, געמאַכט פון מענטשלעכע שאַרבנס, און יעדערער שלאָגט פאָר זײַנע פּלענער ווי אײַנצוהאַלטן די מאַכט. נאָך דעם ווי ער האָט געענדיקט, בין איך געגאַנגען מיטן „סטאַריק״ (שטיין) ברענגען וואַסער צו מאַכן טיי. — „זייער אַ שטאַרקע זאַך!״ רופט ער זיך אָפּ צו מיר — „ווער האָט דאָס אָנגעשריבן?״ — האָב איך געפרעגט נאַיִוו; איך האָב נאָך דעמאָלט ניט פאַרשטאַנען, אַז לויט די געזעצן פון קאָנספּיראַציע פרעגט מען ניט אַזוינע פראַגן. — „ווער? מסתמא ער אַליין״ — האָט מיר דער „סטאַריק״ געענטפערט. איצט, זײַענדיק אין ביאַליסטאָק, האָב איך אָנגעשריבן דעם חלום אויף מײַן אייגענעם שטייגער: איך האָב צוגעגעבן אַ „נאָטשלעזשני דאָם״ (אַ נאַכטאַזיל), אַ טורמע און אַ שפּיטאָל מיט די טיפוס, וואָס מען טרעפט דאָרטן — דאָס איז שוין געווען מער רעאַליסטיש און ניט פאַנטאַזיע; צום סוף איז בײַ מיר אויך געווען אַ „דוואָרעץ״, אָבער די צוועלף מיניסטאָרן האָב איך ניט געשילדערט

אַזוי בלוטדאָרשטיק ווי דער אינטעליגענט: איך האָב זיי אָרײַנ־געזעצט אין פּאַלאַץ גופא אַנשטאָט אַ קעלער, און בײַ מיר האָבן זיי געטרונקען ווײַן, אַנשטאָט בלוט, און ניט פון מענטש־לעכע שאַרבנס, נאָר פון גאָלדענע בעכערס, און יעדערער האָט דאָ פאַרגעלייגט אַ פּלאַן, ווי אײַנצוהאַלטן די מאַכט איבערן לאַנד, וואָס האָט אַרומגענומען די גאַנצע פּאָליטיק פון לאַנד — דעם אַדון הגדול (דעם קיסר) האָב איך דערבײַ אויך ניט דורכגעלאָזט, — ביז די רעוואָלוציע ברעכט אויס. מײַן „חלום" האָט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג, און מיר איז אויסגעקומען פאַר־צולייענען אים אויך שפּעטער ניט איין מאָל. שטענדיק, ווען איך האָב געהערט די גוטע מיינונגען וועגן דעם „חלום", וואָס זײַנען געגאַנגען אויף מיין רעכענונג, האָב איך זיך געפילט אומאַנגע־נעם, ווי עפּעס אַ „פּלאַגיאַטאָר"; צוליב קאָנספּיראַציע האָב איך דאָך ניט געקענט דערקלערן, פון וואַנען איך האָב די טעמע גענו־מען. שפּעטער, ווען איך בין אַפּגעווען אַ יאָר אַנדערהאַלבן אין דער שווייץ און האָב געלייענט זייער אַ סך פון דער אומלעגאַ־לער רוסישער ליטעראַטור, האָב איך זיך אַנגעשטויסן איין מאָל אויף אַ קליין ביכל מיט געלע בלעטלעך פון אַלטקײַט, עפּעס פון אַ רעליגיעזער סעקטע, מיטן זעלביקן אינהאַלט, ווי דער „חלום", אָבער דאָרטן זיצן ניט מיניסטאָרן, נאָר גלחים אין אַ קעלער פון אַ קלויסטער, פול מיט אינקוויזיטאָרישע מאַרטיר־אינסטרומענטן, זויפן און זוכן פּלענער ווי אַנצוהאַלטן זייער מאַכט... איך בין אָוועקגעלאָפן צו גלעבן (אברהם מוטניק) — ער איז דאָס געווען דער אינטעליגענט, וואָס האָט דעמאָלט אין ווילנע פאָרגעלייענט דעם „חלום". — „איז דער חלום, וואָס איר האָט דעמאָלט געלייענט, אויך געווען אַ פּלאַגיאַט?" — האָב איך אים נײַגעריק געפרעגט. — „ניין, די זאַך געהער גאָר ניט מיר — האָט ער מיר געענטפערט — אַנגעשריבן האָט דאָס גאָר וולאַדימיר (קאָסאָווסקי), און ער האָט דאָס אויך איבערגע־מאַכט פון פראַנצויזיש, פון אַ ווערק, וואָס איינער אַ שרײַ־בער האָט אָנגעשריבן אין דער צײַט פון דער גרויסער פראַנצוי־זישער רעוואָלוציע". אַזוי, דורך וויפיל גלגולים, איז די מעשה דורכגעגאַנגען, ביז איך, דער ליטוואַק, האָב דאָס ווידער איבער־געמאַכט אויף מײַן שטייגער...

עס האָט זיך דערנעענטערט דער פרילינג. מען האָט זיך

געגומען ווידער גרייטן צום ערשטן מאַי (1897) גלײַך נאָך פורים; מען האָט שוין גענומען אַרומקוקן דעם וואַלד. דערווײַל האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה פון שטרײַקן, מען דאַרף קומען צווישן מענטשן, און איך בין געווען אָפּגעריסן ווי אַ „באָסיאַק״, מײַן רעקל איז געווען אין גאַנצן צעפאַלן. שמואל דער בערשטער, איינער פון מײַנע נאָענטסטע און איבערגעגעבנסטע פרײַנד, זייער אַ פּראַקטישער מענטש, מיט אַ גרויסן אײַנפלוס אויף די אַרבעטער, האָט פאַררופן אַן ענגע פאַרזאַמלונג פון אַ פּאָר צענדליגג גאָר נאָענטסטע מענטשן פון דער באַוועגונג, אָן מײַן וויסן, און זיי האָבן באַשלאָסן... משהקע און ירחמיאל, צוויי בחורים שנײַדער, וואָס האָבן בשותפות געאַרבעט פאַר זיך און זײַנען געווען אייגענע מענטשן אין דער באַוועגונג, האָבן אויפגענייט אַ נײַעם אָנצוג פאַר מיר, און איך בין באַנײַט געוואָרן אויף פּסח מיט אַ מתנה פון די אַרבעטער.

אין מײַן צײַט זײַנען אין ביאַליסטאָק דורכגעפירט געוואָרן פאַרזאַמלונגען פון דרײַ־פיר הונדערט אַרבעטער און אויך עטלעכע שטרײַקן מיט ערפאָלג. עס האָט אַפילו פּאַסירט, אַז פּאָליצײַ איז אָנגעלאָפן אין וואַלד אין צײַט פון איינעם אַ שטרײַק און האָט אַרעסטירט די גאַנצע פאַרזאַמלונג; מען האָט אַלעמען געפירט דורך דער שטאָט, פיל אַרבעטער זײַנען אויפן וועג צוגעשטאַנען צו זיי, אויף די טראָטואַרן זײַנען געשטאַנען הונדערטער מענטשן, און ביז מען האָט געבראַכט אַלעמען אויפן פּאָליצײַ־הויף, זײַנען שוין דאָרטן געווען טויזנטער מענטשן.

כמעט יעדער נאַכט בין איך געווען פאַרנומען ביז צוועלף — איינס אַ זייגער אין וואַלד און פלעג זיך לייגן שלאָפן אַ הונגעריקער. מײַנע פאַרדינסטן אויף דער אַרבעט זײַנען שוין דערגאַנגען ביז דרײַ רובל אַ וואָך, נאָר דער לוינקעטניק פלעגט מיר צוווארפן די פּאָר רובל, ווען עס איז אים געווען באַקוועמער. איך האָב געלעבט אויף באָרג אין דער גאָרקיך; אַכט אין דער פרי פלעג איך נעמען אַ גרויסן קײַלעכדיקן קוכן ווי אַ ראָד די גרייס, מיט גרויפּן, איינס אַ זייגער — מיטאָג, אָוונטברויט פלעגן אַלע עסן בײַ זיך אין דער היים, און אַזוי ווי איך האָב קיין געלט ניט געהאַט, פלעגט מיר אויסקומען שפּעט בײַנאַכט לייגן זיך שלאָפן ניט געגעסן; אויפשטיין פלעג איך זעקס אין דער פרי און קוים זיך דערוואַרט אויף דעם „ראָד״ מיט די

גרויפן. איך בין געוואָרן זייער בלוט־אָרעם, עס פלעגט מיר קלינגען אין די אויערן, גיין בלוט פון נאָז; אָפט, שטייענדיק בײַם ווערבשטול, פלעגט מיך כאַפּן אַ קאָפּשווינדל, אָנהייבן צו איבלען — כאַטש צום פאַלן. און דאָ וואַקסט די אַרבעטער־באַוועגונג און וואַקסט. מען דאַרף אָפטער לויפן אויף באַראַטונגען, שרײַבן, ריידן. באַקלאָגן זיך האָב איך ניט געהאַט פאַר וועמען און האָב אויך ניט געוואָלט... גראָד איז אין יענער צײַט געקומען צו פאָרן פון בערלין אויף וואַקאַציע אַ ביאַליסטאָקער סטודענט מיט אַ רעקאָמענדאַציע־בריוו צו אונדז פון אַלעקסאַנדער סאַנדערן; ער האָט באַמערקט מײַן צושטאַנד און די אַרבעט וואָס איך האָב צו טאָן און ער האָט מיר פאָרגעשלאָגן, אַז איך זאָל אויפגעבן די ווערבערײַ, און ער וועט מיר געבן אויף הוצאות דורכצוקומען, און איך האָב דאָס אָנגענומען — אַ ברירה האָב איך געהאַט ?

דער זומער איז געווען אַ פּרוכפּעריקער אין אַלע פּרטים, אין ביאַליסטאָק זײַנען דורכגעגאַנגען ערפאָלגרײַכע שטרײַקן, כמעט אין אַלע פאַכן. די ווערבער פון די לוינקעטניקעס האָבן געשטרײַקט צוויי מאָל; דעם ערשטן מאָל האָבן זיי אויפגעהויבן דעם פּרײַז פון 5 אויף 6 קאָפּיקעס „אַ שטריים" (מאָטיק) לפּי־ערך לײַכט, צום צווייטן מאָל — פון זעקס אויף זיבן קאָפּיקעס, האָבן די בעלי־בתים זיך שוין אָרגאַניזירט, עס איז געווען אַ ביטערער קאַמף, מיט קלעפּ און אַרעסטן. אין קריניק האָבן געשטרײַקט 800 גאַרבער, און האָבן געוווּנען; דאָס איז געווען דער ערשטער שטרײַק דאָרטן. איך בין צוגעפאָרן אויף אַ שבת כדי אויפצוקלײַבן מאַטעריאַל פאַר אַ קאָרעספּאָנדענץ. אין ווילנע האָבן דעמאָלט דרײַ אַרבעטער געגרינדעט די ערשטע יידישע אומלעגאַלע צײַטונג „די אַרבעטער שטימע"; ישראל־מיכל דער שלאָסער און הירשע דער סטאָלער זײַנען געקומען צו מיר קיין ביאַליסטאָק און באַשטעלט, איך זאָל זײַן דער קאָרעספּאָנדענט פון ביאַליסטאָקער ראַיאָן*). ערב יום־כיפור איז צו מיר געקומען לעאָן גאָלדמאַן פון וואַרשע און

*) הירשע דער סטאָליאַר איז געווען אַן ערנסטער מענטש און אַ פעיִקער אַרבעטער, ער איז געווען איינער פון די גרינדער פון דער ערשטער יידישער אומלעגאַלער צײַטונג „אַרבעטער שטימע", אַרעסטירט געוואָרן אין יאָר 1898 מיט דער געהיימער דרוקערײַ פון „בונד" אין באָברויסק, געשטאָרבן אין ניו יאָרק אין יאָר 1909.

ארבייטער אלער לענדער פעראייניגט אייך!

1897. די ארבייטער שטימע No 1.

א סאציאל־דעמאקראטישע
ארבייטער צייטונג.
ארויסגעגעבן פון א גרופּע אידישע סאציאל־דעמאקראטען
אין רוסלאנד.

א.ב.

א שטרייק

ביי די לוינקעמניקעס אין ביאלאסטאק.

שוין לאנג, זעהר לאנג האט ביאלאסטאק נים געזעהן אזעלכעס, וואס ויא האט געזעהן דא ביי זיך דיא לעצטע צייט. דער שטילער גיפּאקט: פון וואלד שטאן זיך גאנ־צע פאלקען־ווייז; אויף יעדער פלאץ שטייהען קופּעס מענשן און ריידן עפּעס מיט אזא היץ, מיט אזא פייער: פּאליציי [illegible] ווי א פּערסאנליכע מוזן: ארום פּאליציי שטיי־הען געזאמלען, און מאן קוקט דארטן אויפן פּאליציי הויף, וואס אונזער האט דא געטראפן?

ס'איז א שטרייק ביי דיא לוינקעמניקעס.

כדי בעסער צו פארשטעהן, וואס פיר א [illegible] שטרייק האט פיר די ביאלאסטאקער ארבייטער בפרט און פיר אלע ארבייטער בכלל, מוזן מיר פריהער בעשרייבן די [illegible] פון דער ארבייט ביי די לוינקעמניקעס.

[illegible] לוינקעמניקעס רופט זיך די [illegible] [illegible] צווישן די גרויסע פאבריקאנטן און ארבייטער. [illegible] האבן זיך [illegible] דינגען ארבייטער, צאה־[illegible] די געוועלט [illegible] ווייניגער, וויפיל זיי בעקומען אליין ביי פאבריקאנטן. [illegible], ביז נאך פסח פלעגן די לוינקעמ־ניקעס צאהלן זייערע ארבייטער נאר 5 קאפּ. פון א מאטיק [illegible] זיי אליין פלעגן בעקומען 9 קאפּ. דער ארבייטס־טאג [illegible] דארטן [illegible] [illegible] [illegible] לאנג פון 16 ביז 18

ז'. ווסט.

[illegible] אין מעהרערע. דערצו נאך זיינען דאס רוב פאבריקעס ביי די לוינקעמניקעס אייגג און שמוציג. די אגיטאציע וועגן א 12 שטינדיגן ארבייטס־טאג פלעגן ביז יעצט האבן [illegible] צווישן די וועבער ביי די לוינקעמניקעס.

[illegible] דעם וואס דארטן געפינען זיך פיל בעשאהרענטע [illegible], וועלכע האבן שוין דעם גאנצן לעבן אבגעלעבט ביי דער ארבייט און וועלכע גלייבן נים וואס די יונגע זאגן, אויב דער ארבייטס־טאג וועט זיין קירצער, וועט זיך דער ארבייטס־[illegible] און מען וועט סוף כל סוף [illegible] נאך מעהר. אזוי אז [illegible] אויך ביז נאך [illegible] אין דער [illegible] האבן פיל ארבייטער פון פיל אנדערע פאַ[illegible] די [illegible] א 12 שטינדיגן ארבייטס־טאג און דאס האבן [illegible] דעם וויקן פון דיא [illegible], אויך גיווירקט אויף די [illegible], וועלכע האבן אין פּרעליק פון 3—4 וואכן איינ־[illegible] א 12 שטינדיגן ארבייטס־טאג. באלד נאך דעם האבן די עלטערע ארבייטער זיך איבערג[illegible]. [illegible] [illegible] געוועזן נייטיג: פאר שבועות האבן זיך אנגע־פאנגען [illegible] ביי אלע לוינקעמניקעס. אין [illegible] האט [illegible] די ארבייטס [illegible] פון 5 אויף 6 קאפּ.... [illegible] איז אנגעקומען שבועות, 800 מאן [illegible] האבן [illegible] און וואלד א פערזאמלונג. נאך דעם, ווי 2 ארבייטער האבן [illegible], האבן זיך די ארבייטער [illegible] [illegible] [illegible] פון יעדער פּראפעסיאן און א [illegible] [illegible] און האבן [illegible] [illegible] [illegible], [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]

דער דאָזיקער לייט־אַרטיקל איז געשריבן פון דעם מחבר

האָט מיר איבערגעגעבן, אַז עס האַלט בײַם גרינדן זיך אַ ייִדישע סאָציאַליסט־דעמאָקראַטישע פּאַרטײ, און איך בין אײַנגעלאַדן געוואָרן צום ערשטן צוזאַמענפאָר, ווי אַ דעלעגאַט פון ביאַליסטאָקער ראַיאָן.

איך בין געקומען צוריק פון צוזאַמענפאָר און האָב מיטגעבראַכט מיט זיך דרײַסיק נומערן „ארבייטער שטימע". ארום מיין קערפּער. אין יעדע בוזעם קעשענעס, פיר נומערן „סאָציאַל־דעמאָקראַט" אַ רוסישער זשורנאַל וואָס איז דערשינען אין אויסלאַנד און אַ 25 — 30 בראָשורן אין קעשענעס. געוויינלעך אַז מען האָט דערוואַרט אַן „אָביסק" אָדער אַז מען איז אַרעסטירט געוואָרן צוליב אַ קלייניקייט, און מען האָט געהאַט בײַ זיך אַן אַדרעס, אַ ביכל, אַ פּראָקלאַמאַציע, האָט מען געזוכט זיך אַרויסצודרייען מיט פאַרשיידענע תירוצים; איצט אָבער האָב איך זיך געפילט אַזוי פרײַ ווי קיין מאָל ניט פריער, טאָמער אַרעסטירט מען מיך, דאַרף איך ניט זוכן קיין תירוצים, אַט דאָס בין איך וואָס איר זעט, אָפענע קאַרטן, צוויי קעגנערישע כוחות. אין אַזאַ פאַל איז דאָס בעסטע צו שווייגן, ניט ענטפערן אויף קיין פראַגעס. אַזוי האָב איך טאַקע באַשלאָסן צו טאָן.

שמואל דער געלער האָט מיר איבערגעגעבן די נײַס, אַז אַ גרופּע אינטעליגענטן פון דער פפ"ס זײַנען לעצטנס אַראָפּגעקומען קיין ביאַליסטאָק און זיי ציען אַריבער די גאַנצע באַוועגונג אויף זייער זײַט. עס איז דעמאָלט געווען אַ צײַט, ווען אַרבעטער האָבן געגלויבט, אַז כדי צו זײַן אַ קעמפער און קלאַסן־באַוווסטזיניק מוז מען זײַן באַלאָדן מיט אַלע שבע חכמות פון דער וועלט; עס האָט אַמאָל פאַסירט, אַז אויף אַ פאַרזאַמלונג אין וואַלד פון אַ 25 — 30 אַרבעטער איז איינער אַ יונגער וועבער, דער „פּאָעט" (ער פלעגט פלעכטן גראַמען), אַרויס מיט אַזאַ טענה: „איר האָט בײַ אונדז צוגענומען דעם טאַטן, די מאַמען, דעם גאָט — אַלץ, איר האָט אונדז אײַנגעשחטן אין האַלדז און געלאָזט גיין"... דאָס האָט מען געפאָדערט פון אונדז, רוסישע „גראַמאַטע", ווײַטערדיקע אַלגעמיינע בילדונג. איך האָב אים שטאַרק מיטגעפילט, ווײַל מיט דרײַ־פיר יאָר פריער בין איך געווען פונקט אין אַזאַ פסיכאָלאָגישן צושטאַנד ווי ער. ליידער האָבן מיר זיי געקענט ווינציק העלפן. ווען מיר פלעגט מען דערציילן

צווישן די אַרבעטער, אַז איך האָב שטודירט אין פּעטערבורג אויף אַ דאָקטאָר, אָבער איך האָב דאָס אויפגעגעבן און בין געקומען העלפן די אַרבעטער; ווען זיי ווייסן, אַז איך בין איינער פון זיי, אויך אַ פשוטער אַרבעטער, וואָלט מסתמא מײַן אײַנפלוס געווען אַ סך קלענער. מיר זײַנען געווען מסופק, וועמען קען מען אָנפאַרטרויען אין ביאַליסטאָק, אַז עס האָט זיך געגרינדעט דער „בונד". מיר האָבן געוווסט, אַז דער נאָמען אינטעליגענט איז אַ צוציקראַפט פאַר די יידישע אַרבעטער. באַזונדערס פאַסיק איז געווען אין דעם פּרט איינער מיכאַל לוריע (מאָיסעי לוריעס ברודער), וואָס האָט זיך באַזעצט אין ביאַליסטאָק מיט זײַן פאַמיליע; ער האָט געקענט גוט פּויליש, רוסיש און יידיש, איז געווען אַ פעיקער און געהאַט אַן אײַנפלוס אויף די אַרבעטער, אָבער ער איז געשטאַנען אין נאָענטע פאַרבינדונגען מיט די פּ.פּ.ס.

אין מיר האָט זיך אָפּגערופן דער פּאַרטיי־פּאַטריאָטיזם און דער שטאָלץ פון אַ פאַרטרעטער פון ראַיאָן, אַז נאָך אַזוי פיל מסירת־נפש און מי, וואָס מיר און אויך די, וואָס האָבן פאַר אונדז געאַרבעט דאָ, האָבן אַרײַנגעלייגט אין דער באַוועגונג, זאָל די באַוועגונג אַריבער אין גאָר אַן אַנדער ריכטונג — דאָס טאָר מען ניט דערלאָזן! און מיר האָבן זיך גענומען ווייטער צו דער אַרבעט. איך האָב אָנגעשריבן אַ בריוו צו איינעם פון דער כאַרקאָווער גרופּע, אַראָן לוריע, און ער האָט מיר צוגעשיקט צען רובל; מיט דעם האָב איך דורכגעלעבט כמעט דעם גאַנצן ווינטער. איינער אַ יונגער בחור, יאָסל דער בריסקער (בייניש, מיכאַלעוויטש), איז געקומען צו אונדז אין מיטן ווינטער, און אויף פּורים האָבן מיר פאַררופן אַ פאַרזאַמלונג פון 30—40 מענטשן פון די מער זיכערע מיטגלידער און מיר האָבן זיי דערציילט וועגן דער גרינדונג פון „בונד". צוליב קאָנספּיראַציע האָט מען באַשטימט אַ פּיקטיווע חתן־כלה, יאָסל האָט פאָרגעלייענט די באַגריסונג פון דעם אַלטן ווילהעלם ליבקנעכט, וואָס איז געווען אָפּגעדרוקט אין דעם דײַטשן „פאָרווערטס" וועגן דער גרינדונג פון דעם יידישן סאָציאַל־דעמאָקראַטישן „בונד". צוויי געזונטע בחורים זײַנען אין דער צײַט, ווען יאָסל האָט גערעדט, געשטאַנען בײַ דער טיר מיט צוויי ליימענע טעפּ אין די הענט און געווען גרייט, אין פאַל ווען פּאָליציי וועט קומען, וואַרפן די טעפּ גלײַך ווי זי וועט עפענען די טיר און נעמען שרייען: „מזל טוב! מזל טוב!"...

דער סוף איז געווען, אַז די פּפּ״ס האָט קיין גרויסן דערפאָלג צווישן די ייִדישע מאַסן אין ביאַליסטאָק, ווי בכלל אין די שטעט פון אונדזער אַרבעט־ראַיאָן, ניט געהאַט. זיי האָבן זיך פּסיכאָ־לאָגיש ניט געקענט צופּאַסן צום ייִדישן אַרבעטער, זייער פּראָ־גראַם האָט אויך ניט שטאַרק אַנגערירט די אַלטעגלעכע ייִדישע אַרבעטער־אינטערעסן.

נאָך פּורים איז דורכגעפאָרן מיכאַל פראַנקפורטער, איי־נער פון די ווילנער, וואָס האָט דאָרט געלערנט אין דער האַנט־ווערקער־שול, אַ יונגער אינטעליגענטער בחור. ער האָט מיר פאָר־געשלאָגן, אַז איך זאָל פאָרן מיט אים „נאָ יוג״ (קיין דרום־רוסלאַנד), זיי ווילן דאָרט איינשטעלן אַ געהיימע דרוקעריי, און ער זוכט חברים, אויף וועמען מען זאָל זיך קענען פאַרלאָזן. שוין לאַנג האָב איך געטרוימט וועגן אַרבעטן אין אַ געהיימער דרוק־קעריי, באַזונדערס זינט איך האָב געלייענט סטעפּניאַקס „די אונטערערדישע רוסלאַנד״, ווו ער באַשרייבט די געהיימע דרוק־קעריי פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ״, און האָב זיך געפילט פעיִק צו אַזאַ אַרבעט. איך האָב זיך שוין איין מאָל געווענדט וועגן דעם צו אַלעקסאַנדערן און שפּעטער צו טאַראַסן*) (דאָס לעצטע איז געווען לערך אין 1899, בעת אַלעקסאַנדער און דער גאַנצער צענטראַל קאָמיטעט פון „בונד״ איז געזעסן אין טורמע אין מאָסקווע, און טאַראַס איז געווען דער פאַרשטייער פון צ״ק), זיי זאָלן מיר געבן אַזאַ מין אַרבעט; דערויף האָט מיר טאַראַס געענטפערט: „אײַך דאַרפן מיר האָבן בעסער פאַר אויסערלעכער אַרבעט; איר קענט וואָס אָנשרייבן, רעדן, אין אַלגעמיין האָבן אַ ווירקונג און אויסקומען מיט מענטשן״. איך פלעג אָפט מקנא זײַן די העלדן פון „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ״ — אָפּגעאַרבעט צוויי דרײַ יאָר, געפירט אַ העראָישן קאַמף, ביז זיי זײַנען אַרײַנגע־פאַלן. סטעפּניאַק באַשרײַבט, ווי אַזוי ער האָט אַרויסגעקראָגן פון איינעם „ניט קיין גרויסע״ סומע פאַר דער רעוואָלוציאָנע־רער באַוועגונג — פינף הונדערט רובל. און מיר מאַטערן זיך איבער קליינינקײַטן שוין וויפיל יאָר! אָט האָב איך געדאַרפט

*) „טאַראַס״ (אויך צאַגלין) — פאַרטיי־נאָמען פון דעם באַקאַנטן בונדישן טוער דוד קאַץ.

בסך־הכל אַכט—נײַן רובל אַ חודש אויף אַ געהיימער קוואַרטיר און אויף ענלעכע הוצאות, פלעגט דאָס אָנקומען מיט מאַטער־נישן. די קליינלעכע מאַטעריעלע נויט האָט אַזוי געדריקט אויף מיר, אַז איך האָב זיך געקלערט: אין אַ געהיימער דרוקערײַ וועל איך לכל הפחות פון די אַלע קלייניקײַטן פטור ווערן. און איך האָב מסכים געווען צו מיכאַל׳ס פּראָקפּירטערס פאָרשלאָג, מיטן תנאי אָבער, אַז מען זאָל מיר צושיקן פופציק רובל; איך וועל צופאָרן אויף דער וואָך פון פסח אין מײַן פּאָזעלווע זען זיך מיט דער מוטער, מסתמא שוין צום לעצטן מאָל, ווײַל אַז מען פאַררוקט זיך אין אַ געהיימער דרוקערײַ, אַרבעט מען אַזוי לאַנג, ביז מען פאַלט אַרײַן, דערנאָך קומען טורמע און סיביר אויף לאַנגע יאָרן. מיכאַל איז אָפּגעפאָרן קיין וואַרשע און מיר האָבן אָפּגערעדט, אַז איך זאָל קומען קיין ווילנע, ער וועט צו־שיקן דאָס געלט אַהין און איך זאָל זיך ווענדן צו טאַראַסן. אַזוי האָב איך פאַרלאָזן ביאַליסטאָק נאָך דעם, ווי איך בין דאָרט אָפּגעווען 18 חדשים און בין אַרויס מיט גאַנצע ביינער, אפילו קיין חשד ניט געהאַט אויף זיך. אין ווילנע האָט אָבער טאַראַס דאָס געלט ניט געהאַט געקראָגן, און איך בין שוין געפאָרן אויף פסח אַהיים אָן געלט, אין אַן אַנטליענעם רעקל. אינדערהיים די מוטער און די ברידער, גרויסע אָרעמע־לײַט, האָבן עפּעס געקוקט אויף מיר מיט חשד: אַראָפּגעקומען אַ יונגער בחור פון די גרוי־סע שטעט — און עפּעס גאָר ניט קיין פּראַנט, און האָט גאָר־ניט וואָס צו דערציילן, און, קענטיק, גאָר ניט קיין גביר, און ווו האָט ער אַהין געטאָן זײַן געלט, וואָס ער האָט פאַרדינט אין די גרויסע שטעט?...

נאָך פּסח, ווען איך בין געקומען צוריק קיין ווילנע, האָט מיר טאַראַס איבערגעגעבן, אַז „נאַ יוגע איז געווען אַ גרויסער פּראָוואַל״ (אין דרום־רוסלאַנד איז געווען אַ גרויסער דורכפאַל), און איך בין ווײַטער פאַרבליבן אָן געלט און אָן אַרבעט און אין רשות פון דער באַוועגונג.

***

וואָס ס׳איז שייך מײַן ווײַטערדיקער ביאָגראַפיע אין פאַר־בינדונג מיט דער באַוועגונג, נאָך די יאָרן 1897—1898, ווייל

איך דאָ קורץ דערמאָנען נאָר די הויפּט עטאַפּן פון מײַן לעבן, ניט אָפּשטעלנדיק זיך אויף פּרטים.

אַ געוויסע צײַט נאָך ביאַליסטאָק בין איך פאַרבליבן אין ווילנע. דאָ האָב איך געאַרבעט אייניקע חדשים אין גאַסעלניקס בוכקראָם. אָפיציעל איז דאָס געווען גאַסעלניקס קראָם, אין דער אמתן אָבער האָט זי געהערט צום „זשאַרגאָנישן קאָמיטעט", וואָס איז געווען אויף אַ פּאָר יאָר עלטער פון „בונד", אָבער געגרינדעט געוואָרן פון דער זעלביקער גרופּע טוער. דער בעל־הבית פון קראָם, וואָס האָט באמת אויפגעפּאַסט אויף איר, איז געווען אַ ווילנער לערער איסאַק מיצקון.

נאָך אַן אַרעסט אין וויטעבסק דורך אַן אַרטיקן שפּיאָן, ווען די באַוועגונג איז כמעט אינגאַנצן צעפאַלן, בין איך אַוועק־געפאָרן אַרבעטן אַהין. אין וויטעבסק בין איך אריינגעפאָרן הושענה רבא. אַן אַדרעס האָב איך געהאַט, וואָס ליזע אַמסטערדאַם האָט מיר געגעבן. ווען איך בין אַרײַן אין הויז לויט דעם אַדרעס, האָב איך געטראָפן דאָרט אַ פרוי און אַ יונגן שילער פון אַ גימנאַזיע. איך האָב זיי געוויזן דעם אַדרעס און זיי גע־פרעגט אויף וועמען איך האָב גענאַרפט. איך האָב אָבער באַ־מערקט, אַז די פרוי איז געוואָרן צעשראָקן, בלאַס, גענומען שטאַמלען און מיר ניט געגעבן קיין קלאָרן ענטפער. איך האָב זיך דערפילט אומאָנגענעם. צו וואָס פאַרשאַפן מענטשן אומזיס־טע שרעק? בין איך אַרויס אין גאַס. די קראָמען האָבן זיך שוין גענומען פאַרמאַכן. האָב איך זיך דערמאָנט, אַז דאָ דאַרף זיך איצט געפינען אַ דווינסקער פריקאַזטשיק, וואָס איז געקומען צו זיין מוטער אויף יום טוב. מיט צרות האָב איך אים אויסגע־פונען אין עק שטאָט, און מיר זײַנען ביידע אַרויס אין גאַס — „איך בין שוין דאָ אויך אַ פרעמדער" — האָט ער געזאָגט צו מיר — „לאָמיר גיין זוכן צוזאַמען". זײַנען מיר ביידע אַרומגע־גאַנגען. ער האָט באַגעגנט אַ יינגל, אַ שלאָסער מיט אַ סימפּאַ־טיש לאַכנדיקן געזיכט און אַ פּאָר רויטע קײַלעכדיקע באַקן*). דאָס יינגל האָט מיך אַוועקגעפירט צו פאַלי האַכמאַן, אַ סימפּאַ־

*) חיים אַבראַמאָוו, באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין ניו יאָרק אין יאָר 1905.

טישע פריילין פון אַן אינטעליגענטנער פאַמיליע, און ערשט זי האָט ניט געהאַט ווו מיך אַהינצוטאָן. איין נאַכט בין איך געשלאָפן אין אַ סקלאַד פון הערינג, אַ צווייטע נאַכט — אין אַ סטאָליאַרנע מאַסטערסקאַיע. בײַטאָג פלעג איך אַרײַנקומען צו די שוועסטער האַכמאַן. דאָרטן פלעגן זיך צוזאַמענקומען די „באַקאַנטע", זיך פאַרמאַכן אין אַ צימער און דיסקוטירן. מיך, ווי אַ פרעמדן, פלעגן זיי אויספרעגן וועגן דער באַוועגונג אין אַנדערע שטעט. דער מוטער פון די מיידלעך איז דאָס, ווי געווייִנטלעך, ניט געפעלן. „וואָס טוט דאָ אָט דער פינף און דרײַסיק יאָריקער בחור ? — פלעגט זי פרעגן וועגן מיר, ווו זי האָט דאַן גענומען זעקס יאָר מיר צו דערלייגן, ווייס איך ניט. נאָך יום טוב האָב איך געקראָגן אַ צימער בײַ אַן אלמנה אין אַ הינטערשטיבל און איך בין שוין דאָרט פאַרבליבן.

אַ מאָנאַט שפּעטער בין איך געפאָרן קיין ווילנע נאָך ליטעראַטור. אויסגעפּוצט זיך אין אַ גוטן מאַנטל, וואָס חבר האַלפּערן*) האָט מיר געגעבן. געקומען צוריק בין איך צוויי אַזייגער בײַנאַכט ; ווו גייט מען איצט ?... אַן עלטערע ייִדישע פרוי איז געשטאַנען בײַם וואָקזאַל און גערופן אורחים צו איר אין אַכסניה. בין איך אַוועק מיט איר. עס איז געווען לעבן וואָקזאַל. זי האָט מיר אָנגעוויזן אַ בעטל. איך האָב אַרונטערגערוקט מײַן טשעמאָדאַן אונטערן בעט און געלייגט זיך שלאָפן. מיטאַמאָל הער איך ווי צוויי אורחים פון צווייטן צימער, וואָס איז געווען אָפּגעצאַמט מיט דינע ברעטלעך, רעדן צווישן זיך, אַז מיט אַ ווײַלע פריער זײַנען דאָ געווען צוויי „סויסציקעס" (געהיימע פּאָליצײַ) און האָבן געפרעגט יעדער איינעם פון וואַנען מען קומט ? און וווהין מען פאָרט ?... זיי האָבן אויך איבערגעקוקט די זאַכן. לויט זייער שמועס האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָס זײַנען געווען „לעוויצקע" און יאַשקע „פּאַדוואָראַטניק", די צוויי, וואָס זײַנען געווען דער שרעק פון די וויטעבסקער „באַקאַנטע".

---

*) ס. האַלפּערין איז געווען אַ לערער פון גריכיש און לאַטיין, ער איז אַרײַנגעשיקט געוואָרן, דאַכט זיך פון סמאָלענסק, אונטער פּאָליציי אויפזיכט, אין דעם ווינטער פון 1903 איז ער מיט נאָך 12 פּאָליטישע אַרעסטירטע אַנטלאָפן פון קיעווער טורמע. איך האָב זיך דאַן געטראָפן מיט אים אין זשענעווע, ער האָט שוין באַלאַנגט צו די „איסקראַ".

געשלאָפן בין איך שוין די נאַכט ניט. זיך קוים דערוואַרט אויף טאָג. ווען איך בין אַרויס אין גאַס, האָב איך דערזען פונ־דערווײַטנס אויפן צווייטן טראָטואַר, ווי אַלעקסאַנדר טראַפּאָווסקי גייט מיט נאָך צוויי מענטשן. איינער פון זיי האַלט אים אונטערן אָרעם. איך האָב געוואָלט אַריבערגיין צו אים און אים זאָגן, אַז איך האָב געבראַכט די ליטעראַטור, נאָר זײַן קוק אויף מיר, אַריבער די טשערעפּאַכענע פענסנע, איז מיר פאָרגעקומען פאַרדעכטיק... און ווי קומט ער עפּעס אַזוי פרי אין גאַס?... האָב איך זיך אָפּגעהאַלטן.

צען אַזייגער האָב איך גענומען מײַן טשעמאָדאַן מיט דער ליטעראַטור, אַרויף אויף דעם טראַמווײַ און אַוועקגעשטעלט דעם טשעמאָדאַן לעבן מאָטאָר־מאַן. איך בין אַריין אין וואַגאָן צו פאָרן צום אַנדערן עק שטאָט, ווו עס איז געווען באַשטימט אויס־צופאַקן די ליטעראַטור. אין מיטן וועג — יאַשקע פּאַדוואָראַט־ניק קומט אַריין אין טראַמווײַ. ס'האָט מיר געגעבן אַ קלאַפּ אין האַרצן. פאַרפאַלן די ליטעראַטור!.. — טראַכט איך זיך. — ווען דער טראַמווײַ איז פאַרבײַגעפאָרן דעם פּאָליציי־צירקל, איז יאַש־קע אַרונטערגעגאַנגען. עס איז מיר געוואָרן גרינגער אויפן האַרצן. מזל טוב! די ליטעראַטור איז געראַטעוועט.

אַלעקסאַנדער טראַפּאָווסקי איז געווען אַ שילער פון לעצטן קלאַס רעאַל שולע. ווען איך האָב זיך מיט אים צום ערשטן מאָל געטראָפן אין ווילנע, איז ער געווען אַ בחור פון אַ יאָר 17—16. ער האָט דאָן מיט אונדז, אַ גרופּע אַרבעטער, געלערנט „לוין־אַרבעט און קאַפּיטאַל" פון מאַרקס, און מיט אַ צווייטער גרופּע פלעגט ער פאַרלעזן שעלגונאָווס: „די אַרבעטער פּראָלעטאַריער פון ענגלאַנד און פראַנקרײַך". טראַפּאָווסקי איז געווען זייער אַ פעיקער מיט אַ היציקן פּראָטעסטירנדיקן כאַראַקטער, נאָר אַ שלעכטער קאָנספּיראַטאָר; ער איז טאַקע זייער פרי אַרײַנגע־פאַלן אונטער פּאָליציי אויפזיכט, און מען האָט אים אַרויסגע־שיקט קיין וויטעבסק. איך האָב אים איינִיקע מאָל באַגעגענט אין גאַס, נאָר געוויינטלעך ניט אָפּגעשטעלט. ערב מײַן אָפּפאָרן נאָך דער ליטעראַטור, האָבן מיר פאַרבראַכט אַן אָוונט צוזאַמען אין אַ הויז. איצט האָב איך זיך דערוווּסט, אַז ער איז טאַקע יענעם פרימאָרגן אַרעסטירט געוואָרן פאַר עפּעס אַ קלייניקײַט. ער האָט

געשיקט אַ בריוו מיט זייער אַ לײַכטן „שיפער" (געהיימע שריפט) צו וועמען אין קרימענצוג. פּאָליציי האָט דעם בריוו איבערגענומען. ווען מען האָט אים אַרעסטירט, האָט ער געבעטן די זשאַנדאַרמען זיי זאָלן אַנטאָן פון אויבן ציוויליע מאַנטלען בעת זיי וועלן אים פירן איבערן גאַס. דאָס זײַנען טאַקע געווען די צוויי, וואָס האָבן אים געפירט. ווען איך שטעל אים דאַן אָפּ אין גאַס, וואָלט איך מסתמא שוין באַדאַרפט מיטגיין מיט אים.

4

אין וויטעבסק בין איך אָפּגעווען 6 — 7 חדשים דערנאָך אַ יאָר אין דווינסק; אין דווינסק בין איך נאָך פריער געווען פאַרבונדן מיט שלמהקען (אַבראַם גינסבורג); ער און סאָניע די אַקושערקע האָבן געהאַט אַ העקטאָגראַף און געדרוקט פּראָקלאַמאַציעס; איך פלעג דאָס איבערזעצן און צוגרייטן צום דרוק אין יידיש. שפּעטער איז אַבראַם גינסבורג אַוועקגעפאָרן און געוואָרן דער גרינדער פון דער ריסישער ס.־ד. צײַטונג „יוזשני ראַבאָטשי", וואָס מאַרטינאָוו איז געווען איר רע־אַקטאָר. איין מאָל זײַנען געקומען צו מיר אין דווינסק עטלעכע אַרבעטער און דערציילט, אַז מען דאַרף, און עס איז דאָ אַ מעגלעכקײַט דערצו, אַרויסרופן אַ שטרײַק בײַ זאַקסן אויף דער שוועבל־פאַבריק, און געשטעלט מיר די פראַגע, צי וועל איך קענען אין שטאַט שאַפן געלט פאַרן שטרײַק. —

די אַרבעטער בײַ ר' שלמה זאַקס אויפן פאַבריק זײַנען געווען אַזוי שקלאַפיש אונטערטעניק. דאָס בעת ער האָט אַרײַנגעגעבן אַ נײַע ספר תורה און געמאַכט אַ סעודה פאַר די אַרבעטער, האָבן זיי אויסגעשפּאַנט די פערד פון זײַן קאַרעטע און אים אַליין געפירט און געשריען: „יחי המלך שלמה!"

„קיין געלט איז איצט ניטאָ, נאָר אַז מען וועט זיך דערוויסן, אַז בײַ זאַקסן גייט אָן אַ שטרײַק, וועט ווערן געלט" — האָב איך געענטפערט, און אַזוי בין איך געוואָרן דער פינאַנץ־מיניסטער פון דעם שטרײַק: איך האָב געמאַכט אַ רײַזע פון סמאָלענסק ביז וואַרשע, איינע אַ חברטע (זשעני שעוועלאָוו) האָב

איך אַוועקגשיקט קיין פּעטערבורג, אַן אַנדער חבר איז אַוועקגע־פאָרן קיין מינסק, און סוף־כּל־סוף האָט מען געשאַפן די 2.300 רובל, וואָס דער שטרײַק האָט אָפּגעקאָסט: איך האָב אַוועקגע־שריבן בריוו קיין בערלין, שווייץ און ענגלאַנד, געשיקט קאָרעס־פּאָנדענציעס וועגן דעם פאַרלויף פון שטרײַק, און דאָס געלט איז אַרײַנגעקומען.

אין יענער צײַט האָב איך געלייענט בײַ סטעפּניאַקן (קראַוו־צינסקי) וואו ער דריקט זיך אויס: „ווער וועט שרײַבן רע־וואָלוציאָנערע בעלעטריסטיק?" האָב איך דערפילט, אַז אויך דעם בונד פעלט אין גאַנצן רעוואָלוציאָנערע בעלעטריסטיק (פיקשן) האָב איך זיך אַוועקגעזעצט און אָנגעהויבן שרײַבן אַ רעוואָלוציאָנערן ראָמאַן. די ערשטע פּאָר קאַפּיטלעך בילדער פון אַרבעטער לעבן, די קאָנטראַסטן וואָס עס וואַרפט זיך זיי אין די אויגן פון אָרעם און רײַך, פון לוקסוס און נויט, איז אַלעמען געפעלן געוואָרן, דערנאָך האָט זיך מיר אָבער פאַרוואָלט אַרײַנ־פירן אין ראָמאַן אַן אינטעליגענט מיט אַן אינטעליגענטין מיט אַ ליבע ווי געוויינלעך, האָב איך דערפילט, אַז דאָ איז שוין עפּעס ניט אַזוי רעאַליסטיש ווי אין די ערשטע קאַפּיטלעך. איך האָב דאָס דאַן פאָרגעלייענט פאַר אַ יונגן בחור, אַן אָנהענגער פון י. ל. פּרצעס אַרט שרײַבן, און ער האָט מיר טאַקע געזאָגט, אַז דאָס איז טאַקע אַ נײַס אין אונדזער ליטעראַטור, נאָר ס'פילט זיך דער גײַסט פון שמר. (דער יונגער אינטעליגענט איז דער־נאָך געוואָרן באַוווּסט אַלס דראַמאַטורג, שרײַבער און מאַרטירער אַראָן דעווענישסקי, אָדער מיט זײַן פּסעוודאָנים „ווײַטער").

אינסטינקטיוו האָב איך געפילט דאָס אין אַזאַ גרויסער באַוועגונג ווי דער בונד וואָס נעמט אַרום פיל שטעט מיט הונדער־טער אַרבעטער מיט פאַרשיידענע כאַראַקטערן וועט זיך געפינען מסתמא ערגעץ ווו אַ שפּיאָן. פאַרוועלט זיך מיר אַרײַננעמען אין ראָמאַן אַ ייִנגל אַ שלאָסער ווי אַ טיפּ פון אַ שפּיאָן, און טאַקע ניט אַנדערש ווי דעם הויכן בלאָסן ישׂראל־מיכלען, כאָטש די חברשאַפט איז דאַן געווען פיל שטאַרקער צווישן די „באַ־קאַנטע" ווי יעצט למשל, נאָר צו אים האָב איך קיין מאָל ניט געפילט קיין נאָענטקײַט, איך האָב פײַנט געהאַט זײַן פוילקײַט און עגאָיִזם; אַז אַ שפּיאָן זאָל אויסזען אָנשטענדיק, פיל ווייניק

אינטעליגענט אויסערלעך, האָב איך זיך דאָן ניט געקענט פאָר־שטעלן, האָב איך אָנגעטאָן מײַן שלאָסער־בחור אין שטיוול מיט כאַלעוועס, אַ קורצע באַיוועקע, מיט אַ פּאָר שטעכעדיקע בלאָנדע וואָנצעס, לויט דעם אויסזען פון אַ פּאָליאַק אין ביאַליסטאָק וואָס פלעגט אונדז נאָכשפּיאָנירן, און אינסטינקטיוו האָט זיך מיר געוואָלט נעמען נאָר אַזאַ טיפּ ווי ישראל־מיכל*, דאָן האָב איך געמיינט אָבער אַז עס איז ניט קיין רעאַליסטישער טיפּ; אויסער דעם האָב איך גערעכנט אַז דאָס וואָלט געווען אַ פאַר־שוועכונג פון דעם דערנער־קראַנץ פון אַ מאַרטירער. ישראל־מיכל איז דאָן געזעסן אין מאָסקווע מיט אַלעקסאַנדער, גלעב, וולאַדימיר אין דעם גרויסן אַרעסט פון אַלע בונדיסטישע פירער.

ווען זיי האָבן זיך אַלע באַפרייט פון טורמע, האָב איך גע־הערט ווי פּאַטי קרעמער האָט אַמאָל דערציילט, דאָס ישראל־מיכלען האָט מען באַפרײַט צום לעצטן, האָט ער דאָן געבעטן אַן ערלויבעניש צו פאַרבלײַבן אַ פּאָר טעג אין מאָסקווע, אָנ־צוקוקן די שטאָט, און די ערלויבעניש איז אים געגעבן געוואָרן, נאָר זיי האָבן אים צוגעגעבן אַ באַגלייטער איינעם פון די שפּיאָנען מיט וועלכע זובאַטאָוו האָט פאַרפלייצט דעם בונדישן ראַיאָן פאַר דעם אַרעסט. ער זאָל אים ווײַזן די שטאָט, און ער האָט אים געזאָגט: פאַראיאָרן האָבן מיר נאָך ניט געוואָלט אַזוי גיך אײַך אַלעמען אַרעסטירן, נאָר אַז איר האָט אונדז געוואָרפן אַ הענטשקע האָבן מיר געמוזט אויפהויבן — דאָס האָט ער געמיינט די פּראָקלאַמאַציע וואָס דער בונד האָט דאָן אַרויסגעגעבן און אָנגעוויזן ווי זיי זעען אויס, און ווו זיי שטייען אײַן, און אין וועלכע פלעצער מען זעט זיי אָפט, און יעדער שטאָט — האָבן מיר שוין לענגער ניט געקענט וואַרטן.

— און ווו איז איצט ישראל־מיכל? — האָב איך געפרעגט פּאַטיען.

— איצט איז ער צוגעפאָרן קיין קאָוונע — האָט זי מיר געענטפערט. די מעשה האָט אויף מיר געמאַכט ניט קיין אָנגע־נעמען אײַנדרוק, אַ מענטש גייט אַרום 2 — 3 טעג מיט אַ

---

*) ישראל מיכל קאַפּלינסקי איז טאַקע זיצנדיק אין טורמע, געוואָרן אַ פּראָוואָקאַטאָר.

שפּיאָן... נאָר אַז די אינטעליגענטן, די אויטאָריטעטן פון דער רעוואָלוציע האָבן געוווּסט פון דעם, מאַכט דאָס מסתּמא ניט אויס, זיי האָבן דאָס אָנגענומען פאַר ישׂראל־מיכלס אַ חכמה. דער ראָמאַן מײַנער ליגט נאָך עד־היום ניט קיין פאַרענדיקטער, איך צווייפל צו די ליטעראַרישע וועלט האָט פון דעם עפּעס פאַרלאָרן, נאָר די פאַרליבטע פאַר זײַנען געבליבן ניט פאַרהיי־ראַט.

בעת איך בין געווען אין דווינסק בין איך שוין געווען זייער אויסגעמאַטערט נערוועז און אָנעמיש (בלוט־אָרעם) אוי־סער דעם האָב איך געפילט דאָס איך ווער אָפּגעשטאַנען פון דער צײַט, עס איז דאַן געווען ברענענד די פראַגע פון עדוו. בערנשטיינס רעוויזיאָניזם. אַ בערשטער אָרבעטער איז גע־קומען צו מיר און געפרעגט: אויב דער קליין־בירגערטום גייט ניט אונטער, וועלן מיר זיך דאָך שטענדיק דרייען ווי די ווע־ווערקע אין ראָד און שטיין אויף אַן אָרט? — וואָס האָב איך אים געקענט ענטפערן?... אַז איך האָב קיין צײַט ניט אַפילו אַ ביכל דורכצולעזן; ווען איך בין צוגעפאָרן אין ריגע צו קריגן געלט פאַרן שטרײַק, האָב איך דאָרט געטראָפן אַ וויטעבסקער מיידל אַ „באַקאַנטע" זי האָט געהאַט אַ חתן אַ סטודענט, ברוידע, און נאָך אייניקע מיט וועמען זי האָט מיך פאַרגעשטעלט, ווען איך האָב זיי דערציילט דאָס איך נייטיק זיך זייער אין אַ ביסל רו, צו שלאָפן אַ נאַכט רואיק אַן שרעק, קענען אַ ביסל מער לייענען, נײַן יאָר שוין, אַז איך האָב געפירט אַזאַ אָרט לעבן, האָט מיר ברוידע צוגעזאָגט אַז נאָכן שטרײַק זאָל איך קומען צו זיי און זיי וועלן מיר קריגן פּערציק רובל אָפּ־צופאָרן נאָך אויסלאַנד.

פון ריגע בין איך געפאָרן אין סמאָלענסק, דאָרט האָב איך זיך באַקאַנט מיט צוויי ברידער רוסישע סטודענטן סימפּאַטײַזערס פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

דער יִינגערער ברודער איז אויסגעשלאָסן געוואָרן פון מעדיצינישן פאַקולטעט צוליב די סטודענטן־אומרוען, ביידע סימפּאַטישע גוטמוטיקע מענטשן, עכטע גרויס־רוסן, הויכע, געזונטע ברייטפּלייציקע, איך האָב אויסגעזען אַנטקעגן זיי ווי דוד קעגן גליות הפּלישתּי, איך האָב זיי דערציילט פון אונדזער

קאַמף, און פון דעם אָרט לעבן וואָס אונדז קומט אויס צו פירן, שטענדיק אין נויט, עס פעלט צײַטנווײַז אויף די נויטיקסטע זאַכן, און דאָס רופט זיך אָפּ אויף דעם געזונט־צושטאַנד. האָבן זיי מיר אײַנגעלאַדן צו קומען צו זיי זומער אויף דאַטשע אויף עטלעכע וואָכן. נישקשה האָבן זיי מיר פאַרזיכערט, מירן בעטן דעם פּריסטאַוו ער זאָל אײַך ניט טשעפּען. זיי זײַנען געווען יחסנים אין סמאָלענסק, זייער פאַרשטאָרבענער פאָטער איז געווען אַ באַוווסטער פּעדאַגאָג, וואָס האָט אָנגעשריבן אַ ווערק אויף דעם פּעדאַגאָגישן געביט, געווען אַ פאַרוואַלטער פון אַ גימ־נאַזיע. איך האָב זיי באַדאַנקט פאַר זייער אײַנלאַדונג און צו־געזאָגט צו קומען, אויב איך וועל ניט אַרעסטירט ווערן. דער־ווײַל בין איך אָפּגעפאָרן צוריק נאָך דווינסק.

אַ יונגע מיידל פון אונדזער קרײַז אין ווילנע, אין די גאָר ערשטע יאָרן פון „קרוזשקאָוושטשינע” (בילדונגס־קרײַזן) פלעגט שטענדיק קומען צו די קרײַזלעך, סײַ זומער סײַ ווינטער אײַנגע־וויקלט אין אַ גרויסער פאַטשיילע, זי איז געווען ניט קיין מיאוסע, אַ ביסל העכער פון מיטעלן וווּקס, מיט אַ פּאָר אויגן וואָס האָבן אימער אויסגעדריקט דעם טרויער און געפאַלנקייט, זי האָט זיך גע־שעמט מיט איר אָרעמקײַט; געשטאַמט האָט זי פון פאַראָרעמטע בעלי־הבתים, וואָס האָבן אַמאָל געוווינט אין אַ הויף, געהאַט אַ קרעטשמע איידער מען האָט גענומען טרײַבן ייִדן פון די דערפער. איך האָב געהאַט מיטלייד מיט איר; כאָטש די מאָראַל־פּריידיקער זאָגן שטענדיק יענעם: „אַז אָרעמקײַט איז ניט קיין שאַנדע„ פונדעסטוועגן שעמט מען זיך פאָרט. איך האָב איר פאָרגע־שלאָגן זי זאָל בײַ מיר לײַען עטלעכע רובל כדי אײַנצוקויפן פאַר זיך דאָס וואָס זי דאַרף בייטיק. זי האָט דאָס געטאָן, זיך גע־מאַכט אַ קלייד אַ יאַקל און אַ העטקע וואָס האָט אַרום און אַרום אָנגעטראָפן אַכט רובל. זי איז געוואָרן אַ ביסל פריי־לעכער, מוטיקער, האָפערדיקער. פון מיטלײַד האָט זיך בײַ מיר אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען אַן אַנדער געפיל... זאָל איך דאָס אָנרופן ליבע ?... האָט מען דאַן אין אונדזערע קרײַזן געקוקט אויף דעם ווי אויף אַ שוואַכקײַט וואָס שטערט דער רעוואָ־לוציאָנערער באַוועגונג, אַפילו ווען איינער האָט חתונה געהאַט, האָט מען שוין געקוקט אויף אים ווי אויף אַ געוועזענעם רע־

וואָלוציאָנער; ספּעציעל פאַר אַן אַרבעטער ווי איך, וואָס האָט ניט קיין שטענדיקן פאַך, און איז ניט זיכער מיטן מאָרגן. בכלל זײַנען מיר דערצויגן געוואָרן צו זײַן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אונדזערע טאַטן, וויסן וואָס עס הייסט פליכט (אַניט וואָלט מען מורא געהאַט צו געטרויען וועלכע עס איז פאַראַנטוואָרט־לעכע אַרבעט) און פון אַזאַ מאָראַלישער פאַראַנטוואָרטלעכקײַט ווי ליבע, פאַמיליען־לעבן, האָב איך גאָר מורא געהאַט צוצולאָזן צו זיך דעם געדאַנק. דערצו האָב איך גענומען באַמערקן אירע נע־גאַטיווע אייגנשאַפטן. עס איז געקומען צו פאָרן איר פאָטער און שוועסטער, אין ווילנע, זוכן פרנסה, דער דלות האָט אַרויסגע־קוקט פון זייערע צעשראָקענע אויגן און קליידונג און ווען זי איז מיט זיי געגאַנגען אין גאַס, איז ווען זי האָט נאָר אָנגע־טראָפן פון אונדזערע באַקאַנטע, פלעגט זי אָפּשטעלן און ריידן נאָר אין אַ געבראָכענעם רוסיש, וועגן אַבסטראַקטע זאַכן וואָס דער טאַטע און שוועסטער, האָבן נעבעך ניט פאַרשטאַנען, און איך האָב באַמערקט דאָס זי טוט דאָס אַבזיכטלעך, צו ווײַזן זיי, זעט ווער איך בין!... זי האָט געהאַט צוויי שטרעבונגען, ווערן אַן אינטעליגענטין ד. ה. קענען ריידן רוסיש, און פירן באַקאַנטשאַפט מיט סטודענטן.

ווען זי איז שוין געווען אַ ביסל אויסגעפּוצט, איז זי אָוועקגעפאָרן קײַן כאַרקאָוו, ווי אַזוי און צוליב וואָס ?... האָב איך ניט געוווּסט, און פרעגן האָט מען דאָך געהאַלטן פון קאָנ־ספּיראַציע...

מיט פינף זעקס יאָר שפּעטער, זײַענדיק אין דווינסק, איז זי געקומען פון פּעטערבורג אויף אַ פּאָר טעג, דאַכט זיך זי האָט געבראַכט געלט פאַרן שטרײַק פון די שוועבל־אַרבעטער; דאָן האָב איך זיך דערוווּסט, דאָס איר ווונטש איז טײלווייז מקוים געוואָרן, לויט ווי אירע פּעטערבורגער באַקאַנטע האָבן איבערגעגעבן, האָט זי זיך געשמדט אויפן פּראַוואָסלאַוונעם גלויבן און געהייראַט מיט אַ רוסישן סטודענט, נאָר מיט דער שפּראַך איז געווען צרות... אַז מען פלעגט איר פרעגן פאַרוואָס איז איר אַקצענט אַזאַ שלעכטער ? — פלעגט זי ענטפערן, דאָס זי איז דערצויגן געוואָרן אין אויסלאַנד. זי האָט בכלל ניט שטאַרק מקפּיד געווען צו זאָגן זאַכן, וואָס האָבן ניט געשטימט מיטן

אמת. איך האָב דאַן געדאַרפט פאָרן קיין קאָוונע צום דריטן צוזאַמענפאָר פון בונד, האָב איך געזאָגט דאָס איך דאַרף האָבן נייטיק געלט פאַר אַ וויכטיקן צוועק, זי האָט מיר דערלאַנגט פופצן רובל, אַזוי האָב איך מיט יאָרן שפּעטער אָפּגעגומען אַן אַלטן חוב מיט פּראָצענט (שלח לחמך אל פני המים כי ברוב הימים תמצאנה).

דער סטרײַק האָט זיך געענדיקט, געלט האָט אויפגעהערט אַרײַנצוקומען, און דאָ איז מען געבליבן בעלי חובות, און נאָך וואָסערע חובות! אַ מיידל וואָס האָט אָפּגעאַרבעט נײַן יאָר אויפן שוועבל־פאַבריק און האָט געהאַט אָנגעקליבן 45 רובל אויף נדן, האָט זי דאָס אַנטליען דעם קאָמיטעט. צוויי שוועסטער, איינע אַ שנײַדערין די צווייטע פון שוועבל־פאַבריק, זיי האָט גע־קומט 15 רובל, איינע האָט געדאַרפט גיין חתונה האָבן, און האָבן געמאָנט דאָס געלט, בין איך צוגעפאָרן קיין ריגע, אַרויס־געקראָגן די פערציק רובל, וואָס ברוידע האָט מיר פערזענלעך געהאַט צוגעזאָגט, און אָפּגעצאָלט אַ ביסל די חובות, און איך האָב שוין געמוזט ווײַטער פאַרבלײַבן אין רוסלאַנד.

נאָכן ערשטן מאַי, האָב איך געמוזט פאַרלאָזן דווינסק, מיט אייניקע וואָכן שפּעטער, ווען איך בין דורכגעפאָרן דווינסק, בין איך אַרײַן צו איינעם אַן אַלטן מאַן אַ בכבודיקן ייִדן וואָס בײַ אים האָט געוווינט אַ חבר (איסאַק גאָלדין) צו וועמען איך פלעג אָפט אַרײַנקומען, אַז דער ייִד האָט מיר דערזען, זאָגט ער צו מיר: „פאָרט אַוועק פון דאַנען וואָס גיכער! מען פרעגט זיך דאָך אַזוי נאָך אויף אײַך אין דער זשאַנדאַרמעריע, „מי כן הלל!”, גאָלדין איז אַרעסטירט, און מיר האָט מען געפרעגט ווער עס פלעגט קומען צו אים.

אין מיטן זומער בין איך צוגעפאָרן אין סמאָלענסק. דעם סטודענטס פרוי, אַ גוטמוטיקע דײַטשקע, האָט מיר געזאָגט ווי צו פאָרן, מען האָט געדאַרפט בײַטן דעם צוג, און דערנאָך צופאָרן מיט אַ פור, עס איז געווען ניט ווײַט פון וויאַזמע. איך בין געווען צוויי וואָכן אין אַ קליין דערפל פון 3 — 4 הײַזער, ניט ווײַט פון דערפל אין אַ הויף האָט געוווינט אַ ליבעראַלער פריץ מיט זײַן פאַמיליע, ער פלעגט זיך באַרימען, אַז ער איז געווען איינער פון די ערשטע ריכטער בעת אַלעכסנדר דער צווייטער

האָט אײַנגעפֿירט די רעפֿאָרמע פֿון ציווילע געריכטן („אָקרוגנאָי סוד״).

דער פֿאַמיעשטשיק האָט געהאַט דרײַ טעכטער, דער סטודענט האָט אויך געוווינט מיט צוויי ברידער, אַ שוועסטער און אַן אַלטער מוטער, אין די אָוונטן פֿלעגן מיר צוזאַמען שפּאַצירן אויף די פֿעלדער, און די וועלדלעך, איך בין פֿאַר זיי געווען עפּעס אַ מין געהיימעניש, דרייט זיך אַרום אַ ייִדל אין אַן עכט רוסישן געגנט וווּ עס איז אים ניט דערלויבט צו וווינען אין שטאָט אַפֿילו; ווען דעם פֿאָמיעשטשיקס אַ טאָכטער האָט מיר געפֿרעגט אַמאָל, ווי געפֿעלט אײַך אונדזער הויז?... (דאָס הויז איז געווען אַ גרויסע אַלטמאָדישע געבײַדע ווייס געקאַלכט פֿון אינעווייניק און פֿון דרויסן לעבן אַ טײַכל וווּ עס איז געשטאַנען אַן אַלטע חרוב געוואָרענע מיל — „פֿאַכנעט פֿעאָדאַליזמאָם״ עס שמעקט מיט פֿעאָדאַליזם — האָב איך איר געענטפֿערט, זי האָט אָנגענומען מײַן ענטפֿער גומוטיק, אָבער עס האָט זיך מיר געדוכט, אַז אַ ביסל האָט דאָס איר פֿאַרדראָסן.

עס איז שוין געווען נעענטער צום סוף זומער, די סמאָלענסקער זעמסטוואָ האָט אַרויסגעשיקט סטאַטיסטיקער צו קלײַבן סטאַטיסטיקס וועגן דעם צושטאַנד פֿון דער געגרעטעניש אויף די פֿעלדער. אין די זעמסטוועס האָבן דאָס רוב געאַרבעט ליבעראַלע אינטעליגענטן אויף וועלכע די רעגירונג האָט געקוקט מיט פֿאַרדאַכט און אומצוטרוי. אויך צום פֿאָמיעשטשיק איז אַרײַנגעפֿאָרן עפּעס אַן אינזשעניער; מיטאַמאָל קומט צולויפֿן דעם פֿאָמיעשטשיקס אַ טאָכטער אַ פֿאַרמאַטערטע זי האָט קוים אָפּגעצויגן דעם אָטעם און אונדז אין אײַלעניש איבערגעגעבן, אַז דער פּריסטאַוו איז איצט בײַ זיי, און ער האָט דערציילט דעם פֿאָטער, דאָס עס איז אַ סברה אַז דאָ בײַ אונדז, דאַרף פֿאָרקומען אַ צוזאַמענפֿאָר פֿון אינטעליגענטן, און דער פּריסטאַוו וועט דאָ באַלד זײַן; איך האָב געזען, אַז דער סטודענט צו וועמען איך בין געקומען האָט זיך גוט דערשראָקן, אַ פֿאַרדעכטיקער בײַ דער רעגירונג איז ער געווען, האָב איך אויך גלײַך גענומען מײַן טשעמאָדאַן און בין אַוועק, איך האָב זיך אַפֿילו ניט געזעגנט מיט זײַן פֿאַמיליע, דער סטודענט האָט מיר באַגלייט צום וואָקזאַל. דאָס וואָקזאַלכל, אַ קליינס איז געווען פּוסט, איין זשאַנדאַר האָט אַרומגעשפּאַצירט

אויף דער פּלאַטפאָרמע הין און צוריק. אויף דעם צוג דאַרף איך נאָך וואַרטן צוויי שטונדן, האָב איך זיך בעסער אויסגעבאַהאַלטן, אין וועלדל ניט ווײַט פון סטאַנציע. אַ האַלבע שעה איידער דער צוג איז אָנגעקומען, בין איך אַרויס אויפן וועג, טרעפט מיר אַ פויער און באַקלאָגט זיך, דאָס מען האָט נאַר־וואָס בײַ אים צוגעגנבעט אַ פערד, און קוקט אויף מיר פאַרדעכטיק. פרעגט זיך נאָך צו האָב איך דעם פערד ניט געזען, איך האָב זיך קוים אָפּגעפּטערט פון אים, געקויפט אַ בילעט און אָפּגעפאָרן. איין סטאַנציע האָב איך געדאַרפט פאָרן און נאָכדעם נעמען דעם צוג צו סמאָלענסק. דאָ איז שוין געווען אַ גרויסער וואָקזאַל, פול מענטשן אַלע רוסן, דאָך האָב איך זיך געפילט זיכערער כאָטש איך האָב געדאַרפט וואַרטן 8 — 9 שעה. אָט אַזוי האָט זיך געענדיקט מײַן זײַן אויף אַ דאַטשע. ווען איך בין געקומען אין סמאָלענסק האָט מיר דעם סטודענטס פרוי דערציילט דאָס איר מאַן האָט איר געשריבן דאָס איך „פּאָפּראַווע" (ערהויל) זיך זייער לאַנגזאַם.

***

פון דווינסק בין איך געפאָרן אַלס דעלעגאַט צום דריטן צוזאַמענפאָר פון „בונד", וואָס איז פאָרגעקומען, ווי באַקאַנט, אין קאָוונע (סוף דעצעמבער 1899). אַ פּאָר יאָר בין איך געווען אַ רײַזנדער אַגיטאַטאָר (קיין באַצאָלטע אַגיטאַטאָרס זײַנען נאָך אין מײַן צײַט ניט געווען). איך האָב באַזוכט אייניקע מאָל ריגע, דווינסק, וויטעבסק, סמאָלענסק, נעוועל, שקלאָוו, פונאַנדערגעפירט ליטעראַטור, פּראָקלאַמאַציעס, אָפּגעהאַלטן מיטינגען אין וואַרשע, גראָדנע, קריניק, קאָוונע, ווילקאָמיר. אין 1900 בין איך אַרעסטירט געוואָרן אין ווערזשבאָלאָווע אויפן גרענעץ:

אָט איז אַ גראָבן, אויף יענער זײַט זעסטו דאָס רויטע פּײַערל, דאָרטן איז שוין פּרײַסן, — אַזוי זאָגט צו מיר דער דײַטש וואָס האָט מיר געפירט, — „דו וועסט אַריבערלויפן דעם גראָבן, און דאָרטן וועט מען שוין וואַרטן אויף דיר; דער דײַטש איז אַוועק, פון הינטער אַ שטאָל איז אַרויסגעקומען אַ סאָלדאַט און גיט אַ געשריי: „טי קודאַ!... סטאָי!... (וווהין?... שטיי!) „אויב דו וועסט לויפן וועל איך שיסן" און ער האָט מיר געהייסן

שטעלן זיך אויף די קני, און האָט אויסגעשאָסן אַ פּאָר מאָל איבער מײַן קאָפּ, אין אַ װײַלע שפּעטער זײַנען אָנגעלאָפן סאָלדאַטן מיט ביקסן מיט הינט און אַן אָפיצער אויף אַ פערד רײַטנדיק, און האָט אַ פרעג געטאָן דעם סאָלדאַט: „וואָס, דו האָסט אים אונטערגעשאָסן?" — „ני קאַק ניעט וואַשע בלאַגאָראָדיע" (ניין), האָט ער געענטפערט, מען האָט מיר אַרײַנגעפירט אין קאַזאַרמע, דער אָפיצער איז אַרײַן נאָך מיר, און דאָס איז גראָדע געווען פאַר מיר אַ טובה, אַנדערש וואָלט איך נאָך געכאַפּט עטלעכע קלעפּ אויך.

ווו ביסטו געגאַנגען?... זוכן אַרבעט?... האָט מיר דער אָפיצער געפרעגט, איך בין געווען צופרידן, וואָס ער אַליין האָט מיר געגעבן אַ תירוץ וואָס צו ענטפערן — זוכן אַרבעט, האָב איך געענטפערט. דער אָפיצער האָט מיר איבערגעגעבן צו אַ סאָלדאַט, ער זאָל מיר שוין היטן און איז אַוועק. אַ צווייטער סאָלדאַט האָט זיך צו מיר גענומען טשעפּן, ווו בין איך געגאַנגען? און צוליב וואָס?... איך האָב אים שוין צוויי מאָל געענטפערט, און ער קומט ווײַטער מיט טענות; מײַן שומר האָט זיך גענומען אײַנשטעלן פאַר מיר: „פריער האָסטו געקענט טאָן מיט אים וואָס דו האָסט געוואָלט" — האָט ער געשריען בייז — איצט בין איך פאַר אים פאַראַנטוואָרטלעך און זיי האָבן זיך גענומען רײַסן און געכאַפּט זיך פאַר די ביקסן; איך האָב זיי געבעטן זיי זאָלן זיך ניט קריגן, געגעבן זיי פּאַפּיראָסן, זיי זײַנען גיך שלום געוואָרן, און דער סאָלדאַט זאָגט צו מיר מיט אַ טאָן פון ענטשולדיקן זיך: „וואָס מיינסטו? אונדז איז גוט?... אָט האָט נעכטן געשנייט, און אויב עס וואָלט קענטיק געווען טריט אויף דעם שניי בײַם גרענעץ, קריגן מיר אַ שטרענגן שטראָף; געזעכטיקט האָב איך שוין אין קאַזאַרמע, מיט מײַן שומר בײַם זײַט; נײַן אַ זייגער אין דער פרי, האָט מען דערהערט אַ שאָס, צוויי גרויסע, שוואַרצע הינט וואָס זײַנען געלעגן אונטער די נאַרעס, האָבן זיך אַ הויב געטאָן פון אָרט און גענומען לויפן, די סאָלדאַטן האָבן געכאַפּט די ביקסן און געלאָפן נאָך זיי, מײַן סאָלדאַט וואָס האָט מיר געהיט זאָגט צו מיר „באַלד וועט מען ברענגען דײַנע חברים", אין אַ ווײַלע אַרום האָב איך דערזען דורכן פענצטער ווי מען פירט אַ יונגן דײַטש, אַ פאַררויכערטן

אַ שמוציקן, מען האָט אים אַרײַנגעלאָזן אין קאַזאַרמע, די סאָל־דאַטן האָבן זיך אויסגעשטעלט, פון ביידע זײַטן, און קלעפּ האָבן זיך גענומען שיטן אויף אים, ער איז געפאַלן, זיך אויפגע־הויבן און אויסגעשריען: „אַך, מײַן גאָט!" זאָ פיל אויף איינעם און פפערדע און הונדע און אַלעס" ער איז געווען אַ דײַטש פון די באַלטישע פּראָווינצן.

איך בין געגאַנגען זעקס וואָכן מיטן עטאַפּ, פון איין ברעג קאָוונער גובערניע ביזן אַנדערן (בײַ אונדז אין שטעטל האָט זיך געענדיקט קאָוונער גובערניע און עס האָט זיך אָנגעהויבן ווילנער), דערוווּסט זיך דורך די אַרעסטירטע פון קאָוונע, ווילנע, ביאַליס־טאָק, אַז זובאַטאָוו פּרעגט זיך שטאַרק נאָך אויף מיר. אין קאָוונע האָב איך געוווינט בײַ אַ פּראָוואָקאַטאָר אליהו וואָלט דעם שוחט; די סיבה פאַרוואָס ער האָט מיר ניט אַרויסגעגעבן איז — ווי איך האָב עס פאַרשטאַנען פון די שמועסן, וואָס איך האָב מיט אים געהאַט פריער, — געווען די, וואָס ער האָט געהאָפט דורך מיר אַרײַנצופאַלן אויפן בונדישן צוזאַמענפאַר און דערגיין ווו געפינט זיך די געהיימע דרוקערײַ אונדזערע. ווען מען האָט מיר אַרײַנגעפירט אין שטעטל אַ פרײַטאָג פרי האָבן די ווײַבער אַרויסגעקוקט דורך די פענצטער: „מען פירט אַ נפש! מען פירט אַ נפש!" האָט מען זיך איבערגעגעבן איינע די אַנדערע. מײַן ברודער בן ציון און די מאַמע זײַנען מיר אַרויסגעקומען אַנטקעגן. די מאַמע איז אַלט און קראַנק געווען, אויף אַ שטעקעלע אָנגעשפּאַרט, דער ברודער אַן אַלמן, מיט שוואַכע אויגן, די פרוי איז געשטאָרבן, און אים געלאָזן דרײַ קליינע יתומימלעך, און די קראַנקע באָבע דאַרף דאָס זיי האָדעווען, די שטעטל איז בלאָ־טיק, חושך, דער דלות איז אומעטום גרויס, און איך בין גע־קומען אַן אַ גראַשן געלט, און אָן אַ פּאַס. אַלץ האָט מען בײַם גרענעץ צוגענומען. שבת בײַם עסן רופט זיך אָפּ די מאַמע צו מיר: אי מײַן קינד!... הלוואי וואָלסטו שוין געווען אויף יענער זײַט, מען רעדט דאָך וועגן דיר אַזוי פיל" — וואָס רעדט מען? — פרעג איך איר — „איך ווייס", ענטפערט זי מיר, „מען זאָגט, אַז דו ביסט געוואָרן אַ „סטריק סטראַק" (אַריסטאָ־קראַט צו אַ דעמאָקראַט) מען דערציילט: דאָס בוגימאָוויטשעס פרוי אין ווילנע, — האָט די מאַמע ווײַטער גערעדט, — האָט

מען אַרעסטירט און אַרײַנגעזעצט אין פּערצנטן נומער, וואָס איז אַ פינצטערער קעלער ווי די מײַז גראַבלען אויס די אויגן און אַז דעם פּאָדברעזשער סטאַראָסטעס זון פּאַרטנאָיען, האָט מען פאַר־שיקט קײַן סיביר, מען האָט אים דאָרט אָראָפּגעהאַקט דעם קאָפּ און מען האָט אָפּגעשיקט אַהיים זײַנע זאַכן, אַפילו די סקאָר־פּעטקעס — מאַלע וואָס מען זאָגט — האָב איך איר געטרייסט — אָט זעסטו דאָך, איך בין אַרעסטירט געוואָרן און מען האָט מיר אַרויסגעלאָזן, — יע, איך ווייס, חיה־שרה האָט מיר טאָקע געזאָגט, איך זאָל זיך ניט שרעקן, אײַער הילקע, איז ניט קיין נאַר, ער וועט זיך ניט גיין שפּילן מיטן קיסר: האָט די מאַמע צופרידן צוגעשטימט.

אין יאָר 1901 האָב איך געגנבעט דעם גרענעץ (דאָס צווייטע מאָל) פאַרנדיק דורך ביאַליסטאָק. די נאַכט פון תשעה־באָב זײַנען מיר געלעגן אַ 30 — 40 מאַן אויף אַ פעלד בײַם גרענעץ, פאַרמאַטערטע, פאַרשוויצטע; עס איז געווען אַ קילע נאַכט, אַ ווײַסער טוי האָט פאַרצויגן די פעלדער, אַ קעלט האָט דורכגענו־מען די ביינער. יעדערער פון אונדז האָט געטראַכט פאַר זיך זײַנע טרויעריקע געדאַנקען, און איך האָב זיך דערמאָנט, אַז פונקט מיט צען יאָר צוריק, גראָד אין דער נאַכט, האָט מען מיך צום ערשטן מאָל אַרײַנגעפירט אין ווילנע אין אַ „קרוזשאָק", ווו מען האָט פאַר אונדז געלייענט אין רוסיש גאַרשינס דערציילונג „די רויטע בלום". צוויי בײַנאַכט זײַנען געקומען אַ פּאָר יונגע גויים און האָבן אונדז געהייסן אויסטאָן די שטיוול. מיר זײַנען געלאָפן איבער די אָפּגעקאָשעטע פעלדער באָרוועס, צעקלאָפּט זיך די פיס. אין האַנט האָב איך געהאַלטן אייניקע מאַנוסקריפּטן, מיט וועלכע מיר איז געווען שווער צו שיידן זיך, ווי בכלל מיט דער רוסישער ערד... און מיר זײַנען אַריבער דעם גרענעץ.

5

אין אינסטענבורג האָט מען אונדז אַרײַנגעפירט אין אַ באַ־ראַק, מיר האָבן געדאַרפט דורכגיין די באָד, דעם טראַנספּאָר־טירער האָב איך געזאָגט, אַז איך פאָר אין לאָנדאָן, און איך האָב דערוויַלע געהאַט די מעגלעכקייט צו באַאָבאַכטן ווי מען באַ־

האַנדלט די עמיגראַנטן. פון איסטעגבורג האָב איך זיך פאַרקליבן אין אַ באַזונדערן וואַגאָן; אַראָן ווײַנשטיין*) וועלכער האָט מיר געגעבן אַן אַדרעס, צו וועמען אַרײַנצופאָרן אין בערלין, האָט מיר נאָך אין ווילנע געראָטן, איך זאָל זיך האַלטן אין וועג פון דער ווײַטנס פון די עמיגראַנטן. אין קעניגסבערג אויפן באַן־הויף איז אַרויף אַ דײַטשער זשאַנדאַר און דורכגעשפּאַצירט דעם עמיגראַנטן־וואַגאָן, דאָרט איז דער צוג געשטאַנען לענגער, און ביז מען איז אַריבערגעפאָרן קעניגסבערג איז מען נאָך אַלץ געווען אין שרעק. נאָך אַ מעת־לעת פאָרן בין איך אָנגעקומען אין שאַרלאָטענבורג, הונגעריק, פאַרמאַטערט און ניט דערשלאָפן. איך האָב איבערגעלאָזן מײַן טשעמאָדאַן אויפן באַן־הויף, גענומען מײַן מאַנטל אויפן האַנט, און אַרויס אין גאַס, פּונקט אַנטקעגן באַן־הויף שטייט אַן אײַזערנע שטיבל, ווו מענטשן דאַרפן אַרײַנגיין צײַטנווײַז... איך בין אַרײַן אַהין און דערזען אויף אַלע פיר ווענט אָפּגעדרוקט מיט אַ גומענעם שטעמפּל, געדיכט ווי די שורות פון אַ בוך: „קויף ניט בײַ יודען!“ קויף ניט בײַ יודען!“ דאָס איז געווען מײַן ערשטע באַגעגעניש אין דער „פ ר ײַ ע ר דײַטשלאַנד“ אײדער איך האָב נאָך ווו אַ טיר געעפנט, האָב איך געפילט ווי מען וואָלט מיך אָפּגעגאָסן מיט די שמוציקע וואַסער וואָס געפינט זיך דאָרט; אין אייניקע ערטער האָב איך באַמערקט, דאָס דער „ניט“ איז אָפּגעמעקט, און עס בלײַבט „קויף בײַ יודען“ און איך האָב אָנגעהויבן צו שמייכלען, ווי עס ווײַזט אויס איז דער גאַנצער אידעאַל זייערער אַ קרעמערשער. יעדער רער שרײַט, קויף בײַ מיר. איצט, מיט דרײַ־פיר צענדליק יאָר שפּעטער ווײַזט זיך אַרויס די גאַנצע טראַגעדיע פון אונדזער, לאַגע, און די רעזולטאַטן פון דעם סאָרט אַגיטאַציע.

ווען איך בין אַרײַן צו חבר קאהן (קורסקי) לויטן אַדרעס, וואָס איך האָב געהאַט, און איך האָב אים אויפמערקזאַם געמאַכט אויפן ערשטן „ברוך הבא“ וואָס איך האָב באַגעגנט אין דער „פרײַער דײַטשלאַנד“ — „אָ, דאָס זײַנען די אַנטיסעמיטן אין שאַרלאָטענבורג. אין בערלין איז דאָס פאַרווערט“ — האָט ער מיר געטרייסט.

---

*) אַראָן וויינשטיין, באַוווסט אונטערן נאָמען ירחמיאל, באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין סאָוועט־רוסלאַנד אין 1939.

אָפּגעוועזן אײניקע וואָכן אין בערלין, געהאַט צרות מיטן נעכטיקן, מען האָט זיך געדאַרפט היטן פאַרן שוצמאַן. די ערשטע וואָך אַוועק צו אַ סאָציאַליסטישן מיטינג, ווו גענאָסע לעדעבור האָט גערעדט. איך האָב אים פיל־ווייניק פאַרשטאַנען, נאָך אים האָט גערעדט אַן אַרבעטער, אַ גלעזער, ער האָט געשריען און געמאַכט מיט די הענט; אים האָב איך אַ וואָרט ניט פאַרשטאַנען, נאָר פונדעסטוועגן האָט ער מיר גערירט ביז טרערן; איך האָב זיך פאָרגעשטעלט דעם קאָנטראַסט: ערשט פאַראַכטאָגן שבת אין ביאַליסטאָק זײַנען מיר מיט ד״ר ראָזענטאַלן (פּינאַי) אַוועק אַ 10 — 12 מענטשן אין וואַלד, פאַררוקט זיך טיף אין די געדיכטענישן, די פאַרבײַגייער זאָלן ניט באַמערקן — און דאָ...

אָנדערטהאַלבן יאָר בין איך דערנאָך אָפּגעוועזן אין דער שווייץ — אין בערן און זשענעווע. געגאַנגען הערן לעקציעס וועגן סאָציאָלאָגיע פון פּראָפ׳ רײַכעסבערג און וועגן פילאָסאָפיע פון פּראָפ׳ לודוויג שטיין, באַטייליקט זיך אין דער פײַערונג פון דעם 25סטן נומער „אַרבייטער שטימע״, ווו איך בין געווען קאָרעספּאָנדענט פון דעם ערשטן נומער אָן. אויף דער פײַערונג האָב איך פאָרגעלייענט זכרונות פון אַ בונדיסט, באַזונדערס אויפמערקזאַם האָט זיך צו זיי צוגעהערט דער פאַרשטאָרבענער ש. אַנסקי, האָט ער דעמאָלט באַגריסט די פײַערונג מיט אַ ליד, וואָס איז דערנאָך געוואָרן דער בונדישער הימן — „די שבועה״. אין אַ פּריוואַטן שמועס — געדענק איך — האָט ער מיך געפרעגט, צי מען באַנוצט דעם אויסדרוק אַ „מאַסאָווער״. שפּעטער בין איך בײַגעוועזן אויף זײַן אייך־אַקטער, וואָס מ׳האָט אויפגעפירט; דאָרט קומט פאָר אַן אַרעסט און עס טרעטן אויף דעם בעל־הבית׳ס אַ זון אַ סטודענט און דער קעכינס אַ ייִנגל פון אַ יאָר 15 — 16, אַ שנײַדערל, און די קעכין שרײַט צום ייִנגל: „זאָג, אַז דו ביסט אַ מאַסאָווער!... זאָג, אַז דו ביסט אַ מאַאַסאָווער!״... דעמאָלט האָב איך פאַרשטאַנען, פאַרוואָס אַנסקי האָט אַזוי אויפמערקזאַם צוגעהערט זיך צו מײַנע זכרונות. מיר האָבן דעמאָלט אויך געשפּילט זײַנע אַן אַנדערע רעוואָלוציאָנערע פּיעסע „די מלחמה פאַרן לעבן״, ווו ער האָט זיך פּערזענלעך אויך באַטייליקט ווי אַן אַקטיאָר; איך האָב דעמאָלט געשפּילט די ראָלע

פון משהלען, וואָס ווערט פאַרשאָטן און שטאַרבט, אַבי צו מאַכן עטלעכע רובל פאַרן „בונד".

אין בערן האָט דר. ווייצמאַן געלעקטשורט איבער „ציוניזם און די ייִדן־פראַגע", און אָנגעגריפן שטאַרק דעם „בונד", איינער זועמען איך האָב באַקאַנט מיטן סאָציאַליזם, און אַרײַנגעפירט אין די „באַקאַנטע" קרײַזן, מיט פינף־זעקס יאָר פריער, האָט אים פלײַסיק אַפּלאָדירט.*) דאָס האָט מיר שטאַרק פאַרדראָסן, נאָכן לעקטשור האָב איך געשטעלט דר. ווייצמאַנען אַ פראַגע, פאַרוואָס ער האָט ניט דערמאָנט דעם קלאַסן־קאַמף, וואָס גייט אָן בײַ ייִדן? — „מיר דאַרפן דאָס ניט" — האָט ער מיר גע־ענטפערט **), האָב איך זיי דאַן דערציילט אייניקע טרויעריקע פאַקטן פון ייִדישן לעבן אויפן געביט פון קלאַסן־קאַמף, פון ביאַליסטאָק, קריניק, ווילנע, און פאַרענדיקט מיט אַ ציטאַטע פון לאַסאַלן: „דאָס ווער עס אָנערקענט ניט דעם קלאַסן־קאַמף אין איצטיקער צײַט איז אָדער אַ שאַרלאַטאַן אָדער אַ נאַר" איז אויפגעשפּרונגען דר. פּאַסמאַניק און האָט מיר געענטפערט מיט דעם זעלבן פסוק דאָס וואָס ער אָנערקענט ניט דעם נאַציאָנאַלן קאַמף איז אָדער אַ שאַרלאַטאַן אָדער אַ נאַר.

איינער אַ יונגער בחור אַ סטודענט איז צוגעקומען צו מיר נאָך דער לעקציע און געזאָגט: ווייסט איר דען ניט וואָס עס קומט פאָר אין אַנדערע שטעט? מעגלעך דאָס בײַ אײַך אין שטאָט איז געווען אַזוי. (דער יונגער בחור איז מיט יאָרן שפּע־טער געוואָרן באַוווּסט אַלס דער יונגער געלערנטער, פאָרשער און באַגרינדער פון דעם פּועלי־ציוניזם ב. באָרוכאָוו, וואָס איז לײדער צום שאָדן פון דער וויסנשאַפט בכלל, און פון אונדז ייִדן בפרט זייער יונג געשטאָרבן) מעגלעך דאָס בײַ אים האָבן זיך שוין

---

*) דאָס איז דער איצטיקער קאָמוניסט ק. מרמר. געווען דאַן אַן אַלגעמיינער ציוניסט.

**) דר. ווייצמאַן איז נאָך דאַן ניט געווען אַזוי באַרימט ווי איצט. ער איז דאַן געווען אַן אַסיסטענט אין כעמישן פאַקולטעט אין זשענעווע. אויף די ציוניסטישע קאָנגרעסן פלעגט ער זיין דער איבערזעצער פון די דריי שפּראַכן אויף וועלכע מען האָט גערעדט, איך האָב אים איינמאָל באַזוכט אין זיין וווינונג.

דאַן געהאַט אויסגעאַרבעט טיילן פון זײַן שפּעטערדיקער פּראָ־גראַם. און פּילל״כט האָט ער שוין דאַן געהאַט פאַרבינדונגען אין געוויסע שטעט.

***

פון בערן האָט מען זיך געקליבן צו פאָרן צום ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל. אַ גרופּע סטודענטן מיט צבי אבערסאָן בראש האָבן דאַן געגרינדעט די ראַדיקאַלע פראַקציע אין ציוניזם. דר. מאַקס נאָרדוי האָט דאַן געשריבן דאָס די ראַדיקאַלע פראַקציע איז נאַריש „זיי ווילן נאָכמאַכן דעם דײַטשן פּאַרלאַמענט און האָבן אַ לינקע פּראַקציע אין ציוניזם, דער ציוניזם זעלבסט איז אַ לינקע באַוועגונג".

אבערסאָן האָט פאַרגעלייענט אַ רעפעראַט וואָס מען האָט באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אין צען טויזנט עקזעמפּלאַרן. זײַן ליב־קיזם איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט געזאָגט: „דאָס מען דאַרף העלפן די אַרבעטער אין זייער עקאָנאָמישן קאַמף, פאַר דער רוסישער רעוואָלוציע טאָרן מיר ניט אָפּערן ניט מיט איין מענטש־לעכן לעבן און ניט מיט איין קאָפּיקע געלט", מיר זײַנען די „רעוואָלוציאָנערן פאַר עקסעלאַנץ", ווײַל מיר שטרעבן אינגאַנצן רעוואָלוציאָנער איבערצובויען דאָס יידישע לעבן. די בראָשורע איז קיין מאָל ניט אַרויס פון דרוק. אגב איז כדאי צו דערמאָנען דאָס זובאַטאָוו האָט דאַן געזוכט דורכצופירן בײַ די יידישע אַרבע־טער פון מינסק אַן ענלעכע פּראָגראַם. פאַר אונדז בונדיסטן איז דאָס געווען וואָסער אויף אונדזער מיל צו באַקעמפן דעם ציוניזם. זיי האָבן אַפילו אַראָפּגעבראַכט אַן אַרבעטער פון מינסק, איינעם אַ בערגער כדי אַרויסצווײַזן זייער ראַדיקאַליזם און זייער פּראָ־לעטאַרישקײַט.

ראָזע גרינבלאַט, אַן אינטעליגענטע מיידל (שפּעטער מרס. אבערסאָן) אַ קרישטאָל ריינע אידעאַליסטקע, וועלכע איז פריער געווען אַ בונדיסטין און געאַרבעט מיט מיר צוזאַמען אין ביאַליס־טאָק אין בונד, האָט געוואָלט מיך אַרײַנציען אין דער ראַדיקאַלער פּראַקציע פון ציוניזם, זי האָט פאַר מיר געשאַפן אַ מעגלעכקײַט איך זאָל קענען פאָרן אין באַזעל צום קאָנגרעס. פאַרוואָס איך בין איר זייער דאַנקבאַר ביזן הײַנטיקן טאָג. איך האָב געהאַט די מעגלעכקײַט צו זען אַזוי פיל יידישע אינטעליגענטן וואָס זײַנען ערנסט פאַראינטערעסירט אין פאָלקס־פּראָבלעמען, אָנפאַנגענדיק

פון די אָרטאָדאָקסישע רבנים אין יאַרמולקעס ביז דעם פּאַרפאַסער פון די „קאָנווענציאָנעלע ליגנס" (אַ בוך מיט וועלכן די אַנאַרכיסטן פלעגן זיך קוויקן).

דר. מאַקס נאָרדוי מיט זײַן לייבנקאָפּ האָט געלייענט אַ רעפעראַט אין וועלכן ער האָט דאַן אַזוי גלענצנד געשמיסן אין פּנים די אויסערלעכע וועלט פאַר איר באַציונג צום יידנטום אויף אַלע געביטן. אַן אײַנדרוק האָט אויך געמאַכט די סופּטילע פיגור מיטן פּאָעטישן פּנים דעם פאַרפאַסער פון „די טרוימער פון געהעטאָ" זאַנגוויל, דער הויכער ברייטפּלייציקער קאַזיאָנער ראַבינער פון יעליסאָוואַטגראַד טיאָמקין מיט זײַן עכט גרויס־רוסישן קאַזאַצקן אַקצענט, און איבער אַלעמען די עסטעטישע פיגור פון דר. הערצל מיט זײַן פּעך שוואַרצער באָרד, אויף זײַן טונקלברוינעם געזיכט. מיר אַלע זײַנען געקומען צום שלוס; אויב דער ציוניזם וועט אַמאָל פאַרווירקלעכט ווערן, און יידן וועלן דאַרפן האָבן אַ קעניג אָדער אַ פּרעזידענט, איז ניטאָ קיין שענערע אימפּאָזאַנטערע פּערזאָן ווי דר. הערצל.

בײַ אַ געוויסער פראַגע ווו פילע האָבן זיך פאַרשריבן צום וואָרט, בעת עס האָט אָפּגערעדט דער אַריסטאָקראַטישער געלאַסענער מאָנטעפיאָרע, איז מר. בערגער אויך צוגעלאָפן צום פּלאַטפאָרמע געמאַכט מיט די הענט און גערעדט נערוועז אויף זײַן מינסקער דאַטש ביז דר. הערצל אַלס טשערמאַן האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיטן האַמער און אַ זאָג געטאָן קורץ: „ניכטס פאַרשטאַנען!"

***

בערנאַרד שאָא זאָגט ערגעץ, דאָס יעדער מענטש האָט זײַן שיקזאַל בײַ זיך אין די הענט, דאָס מיינט אָבער ניט דאָס יעדער דינסטמיידל קען ווערן אַ פּרינצעסין, אָבער צו זי זאָל אַרבעטן בײַ רעגס (שמאַטעס) אָדער בײַ בלומען ווענדט זיך פיל אָן איר אייגענעם ווילן. ענלעכעס קען איך זאָגן וועגן זיך, פון מײַן פריסטער יוגנט האָב איך געהאַט צוויי פלאַמענדע פאַרלאַנגען: בילדונג און וואַנדערן, זען די וועלט, ביידע זאַכן האָב איך ניט געהאַט קיין מעגלעכקײַט צו דערגרייכן. מײַן דורשט נאָך בילדונג האָב איך געזוכט צו שטילן דורך לייענען אויף די דרײַ, פיר שפּראַכן וואָס איך האָב זיך זעלבסט אויסגעלערנט, מיט דער הילף

פון ווערטערביכער. פיזיק צום ביישפּיל האָב איך געלייענט: „פיזיק און איינפאַכע לעקטשורס" פון פּראָפ. טימעריאַזעוו, זאבאוו א. ד. ג. פיזיאָלאָגיע האָב איך געלייענט: „די לערע פון לעבן" פון פּראָפ. לונקעוויטש, און „די היסטאָריע פון אַ שטיקל ברויט" פון דר. מאסעע, און אַנדערע פּאָפּולערע ביכער פון נאַטורוויסנשאַפט, קולטור־געשיכטע, היסטאָריע און סאָציאָלאָגיע.

וועגן מײַן וואַנדערלוסט, בין איך געווען טיילווײַז צופרידן, וואָס די צאַרישע רעגירונג האָט מיר ווי אַ „נאָוואָבראַנעץ" (אַ יונגער סאָלדאַט) געגעבן די מעגלעכקייט, דורכצופאָרן אוקראַינע, אַלע שטעט אַרום דעם שוואַרצן ים, און די גאַנצע לענג פון קאַווקאַז, צוליב דער זעלביקער אורזאַכע, כדי אָנצוזען די וועלט און עטוואָס לערנען פון דעם, האָב איך זיך געפּלאָגט אייניקע וואָכן אין בערלין און אַנדערהאַלבן יאָר אין דער שווייץ און דורכגעגאַנגען צופוס „בערנער אָבערלאַנד" באַוווּנדערט די זעלטענע שיינקייט פון זון־אונטערגאַנג אויף די אַלפּן־בערג, „די אַלפּן גליען" רופן דאָס די שווייצאַריער. האָב באַזוכט די „בלאָה־זעע" „איבנטערלאַקען" ווו די טוריסטן פון פּאַריז, איטאַליע, לאָנדאָן און ניו יאָרק זיצן אויף די וועראַנדעס פון די האָטעלן און באַטראַכטן די שיינקייט פון דעם שניי־ווײַסן קאָפּ פון דעם באַרג „יונגפרוי".

אַ גרופּע זײַנען מיר אין אַ זומער־נאַכט געקראָכן אויפן באַרג ביז מיר האָבן דערגרייכט דעם צופוסן פון דעם יונגפרוי. פאַרן זון־אויפגאַנג; דער שפּיץ פון יונגפרוי איז קאָנוס־פאָרמיק ווי די קאָפּ פון אַ הוט צוקער, און די קאָלירן בײַטן זיך בײַם זונאויפגאַנג פון ווײַס אויף גראָ, גרינלעך און רויט. שטיקער שניי, אײַז, רייסן זיך אָפּ ווײַט פון דער הויך און פאַלן אַרונטער מיט דעם קראַך פון אַ דונער, און דער ווידערקול קלינגט אָפּ פון אַלע זײַטן.

די שווייצאַרישע קי, גרויס ווי די הײַזער פון מײַן שטעטל, פיטערן זיך דאָרט. פאַר אַ פראַנק האָבן מיר זיך, פינף מענטשן, אָנגעטרונקען מיט מילך בײַ אַ פאַרמער, און מיר האָבן אַוועקגעשפּאַצירט צום „אייגער־גלעטשער".

אַ גרויסער אײַז־באַרג מיט אַ טונעל אין די אײַז, אַהין זײַנען אויך אַרײַן מיט אונדז אייניקע טוריסטן פון פאַרשיידענע לענדער, די זון שיינט דורך דעם אײַז, און מיר האָבן אַלע אויס־

געקוקט בלאָס־גרין, אויף אַלעמענס געזיכטער איז געלעגן אַ צו־פרידענער שמייכל פון דער זעלטענער פּאַנאָראַמע. נאָר צוזאַמענ־ריידן זיך, אויסדריקן אונדזער אַנטציקונג האָבן מיר ניט גע־קענט.

מיר האָבן אויך באַזוכט „שאַפּסלאָך" אַ הייל אויף דעם באַרג „ראַטהאָרן" זעכצן הונדערט פוס די הויך, מיר האָבן זיך צוזאַ־מענגעבונדן אַלע מיט אַ לאַנגן שטריק, מיט די לאַנגע שפּיציקע שטעקנס אין די הענט, מיט אַנגעצונדענע פאַקעלן, און זײַנען אַרײַן אינעווייניק אין מיטן הייל שטייט אַ גראָבער סלופּ פון אײַז, די זון קומט דאָרט קיין מאָל ניט אַריין, בײַם סלופּ אַ בערגל פון אײַז, און אין מיטן אַ קײַלעכדיקער ברונעם מיט קאַלטע וואַסער, בײַ איין וואַנט איז דאָס אײַז אַנגעפראָרן אין פאַרשיידענע פאָר־מען, ווי שניצערײַען, גאַרדינען, מיר האָבן זיך דאָרט פאָטאָגראַ־פירט, אַנגעטרונקען מיט קאַלטע וואַסער און זײַנען אַרויסגעקו־מען בשלום.

בײַם אַרויסגיין האָבן מיר באַטראַכט דעם האָריזאָנט, אָט זעט זיך די הויפּט־שטאָט בערן, וואָס איז נײַנציק קילאָמעטער ווײַט, מיטאָמאָל קומט אונטער אַ וואָלקן, וואָס קריכט אונטן אין מיטן באַרג און פאַרשטעלט אַלץ, מיר האָבן דאָרט געפּראַוועט אַ סעודה פון ברויט מיט טיי, שווייצאַר קעז; עס איז געוואָרן פינצטערלעך, און מיר האָבן שוין דאָרט גענעכטיקט, עס איז גע־ווען צו ריזיקאַליש צו לאָזן זיך בײַנאַכט אַרונטער, ספּעציעל ווען אין אונדזער קאָמפּאַניע זײַנען געווען אַ פּאָר סטודענקעס; אין מיטן נאַכט האָב איך זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, די שטערן פינק־לען אין דער הויך, די לופט איז ריין, קיל און אונטן אין טאָל הערט זיך דער מאָנאָטאָנער קלאַנג פון די גלאָקן, וואָס די קי טראָגן אויפן האַלדז, — אַן ענגלענדער איז אין די „שאַפּסלאָך" דערהרגעט געוואָרן, אַ שטיין האָט זיך אָפּגעריסן פון דער הויך און האָט אים צוגעדריקט. אָט טראַגט זיך דורך אַ באַרג־אָדלער מיט זײַנע גרויסע שטאַרקע פליגלען, — ווען מײַן מוטער וואָלט ויסן ווו איך געפין זיך יעצט ?... — האָב איך בײַ זיך געטראַכט — אַז איך בין אַוועק צופוס קיין ווילנע, האָט זי מיר אָנגעזאָגט למען השם דאָס איך זאָל נאָר גיין אויפן לאַווע, און, אַז איך פלעגן זיך לייגן שלאָפן, פלעגט זי מיר אָנזאָגן צו לייענען קריעת

שמע. „עס איז דאָך דאָס פון דײַן טובה װעגן". און יעצט... װען זי װאָלט װיסן... װען עס איז געװאָרן ליכטיק, האָבן מיר זיך אַרונטערגעלאָזן פון באַרג.

***

אין בערן האָט מען זיך געגרייט צו פײַערן דעם ערשטן מאַי פון יאָר 1902. די רוסישע קאָלאָניע האָט צוגעגרייט אַ ספּעציעלן מיטאָג לכבוד דעם יום טוב אין דער סטודענטן־קיך. פון דאָרט האָט מען געמאַרשירט צו דער מאַי־דעמאָנסטראַציע, װאָס די שװייצאַרישע סאָציאַליסטן און אַרבעטער האָבן געפֿירט. יעדער פאַך אַרבעטער האָבן מיטגעטראָגן טיילן פון זייער אַרבעט און געצײַג. די קוימענקערער האָבן געטראָגן לייטערלעך, באַרשטן, און זײַנען געגאַנגען אָנגעטאָן אין שװאַרצע צעראַטענע קאָסטיומען מיט שװאַרצע צילינדער־ היט, פּונקט װי זיי גייען אַרױס צו דער אַרבעט, נאָר די געזיכטער זײַנען געװען ריין. די לערער פון די פֿאָלקס־שולן האָבן געמאַרשירט מיט זייערע שילער, אָרימע קינדערלעך, די מיידלעך אין קאַרטונענע קליידלעך, מיט הילצערנע שיכלעך, האָבן אַלע געטראָגן בלומענקרענצלעך פון פעלד־בלומען אַרום זייערע קעפּלעך. מען האָט מאַרשירט צו דער פּאַרלאַמענט־געבײַדע. דאָ האָט מען די קינדערלעך פאַנאַנדערגעלאָזן, און מיר האָבן אַװעקגעמאַרשירט הינטערן שטאָט אין אַ פּאַרק. פּאָליציי איז געגאַנגען בײַ די זײַטן און געהאַלטן אָרדענונג. פון דער הויך, פון די הײַזער פון די באַלקאָנען, האָט מען אונדז באַגריסט מיט װײַסע טיכלעך און מיט אויסרופן.

אין פּאַרק האָבן רעדנער באַגריסט דעם יום טוב אין די דרײַ שװייצאַרישע שפּראַכן: דײַטש, פראַנצויזיש און איטאַליעניש. די דײַטשישע רעדנער רעדן געװיינלעך געלאַסן מיט איבערהאַלט, זאַכלעך. די פראַנצויזן ריידן שוין מיט מער טעמפּעראַמענט און הומאָריסטיש. װען דער איטאַליענישער רעדנער איז אַרויף אויף דער פּלאַטפאָרמע, האָט עס געשטורעמט װי אַ װיכער, עס האָט זיך געטרייסלט די פּלאַטפאָרמע מיט אים צוזאַמען און דער „אַר" („ר") האָט זיך געריסן פון זײַן האַלדז װי אַ דונער. מער װי דאָס האָב איך אייגנטלעך ניט פאַרשטאַנען. דערנאָך האָבן אַלע געזונגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל", די מאַרסעליעזע",

יעדער אין זײַן שפּראַך, נאָר מיט דעם זעלבן ניגון; דאַן האָט זיך געפילט דער גײַסט פון אינטערנאַציאָנאַל אין דער פּראַקטיק.

פון בערן בין איך געפאָרן נאָך זשענעווע. דאָרט האָב איך געאַרבעט אַ שטיקל צײַט אין דער דרוקערײַ פון „איסקראַ״ אַלס אַ זעצער. מען האָט דאָ דעמאָלט געדרוקט פּראָפּ. טונס באַקאַנט בוך „די געשיכטע פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג״. אַ שטיקל צײַט האָב איך אויך געאַרבעט אויף אַ פאַרם בײַ בירוקאָוון, דעם באַקאַנטן אָנהענגער און פרײַנט פון טאָלסטאָי, פאַר צוויי פראַנק אַ טאָג מיט עסן. איך פלעג אויך גיין טראָגן פעקלעך פון וואָקזאַל פאַר די סטודענטן און סטודענטקעס, און ווי ניט איז האָב איך זיך דורכגעלעבט. אין דער פרײַער צײַט האָב איך אָן אויפהער געשלונגען די רוסישע רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור. איך האָב געהערט צו די אויסלענדישע אָרגאַניזאַציעס פון „בונד״ (ז. פּ. קורסקיס אַרטיקלען אין „צו־קונפט״ פון 1934), ווי אויך צום מאַרקסיסטישן קרײַז אין זשענעווע אונטער דער אָנפירונג פון פּלעכאַנאָוו און צו ליובע אַקסעלראָדס קרײַזל אין בערן.

אַרום דעם ערשטן מאַי איז אין זשענעווע פאָרגעקומען אַ סטרײַק אויף דעם טראַמווײַ. דער טראַמווײַ איז אָנגעגאַנגען מיט סטרײַקברעכער און מיט צוויי סאָלדאַטן מיט ביקסן, איינער פון פראָנט פון טראַמווײַ און איינער פון הינטן. זונטאָג נאָך אַ פאַרזאַמלונג פון די סטרײַקער, איז מען אַוועק דעמאָנסטראַטיוו צו דער צענטראַלער סטאַנציע (קאַר באַרנס), די קאָמפּאַניע פון דעם טראַמווײַ, אַן אַמעריקאַנער, האָט זיך געווענדט צו דער רעגירונג נאָך שוץ. מען האָט אַרויסגערופן סאָלדאַטן און נאָך איידער מען איז געקומען צום פּלאַץ, איז מען שוין געווען אַרומגערינגלט מיט אַ קייט סאָלדאַטן. דאָ זײַנען שוין אַרײַנגעצויגן געוואָרן פיל שפּאַצירנדיקע פון גאַס. עס איז געוואָרן אַ טומל. פרויען האָבן גענומען שרײַען. די רינג פּרעסט פון אַלע זײַטן. אויף דעם טראָטואַר און אין אַ סאַלון זײַנען צונויפגעפּרעסט געוואָרן פיל מענטשן, דאָס מען האָט אויסגעבראָכן די גרויסע שויבן פון סאַלון. איך בין אַרײַנגעשטופּט געוואָרן ערגעץ אין אַ טיר. מיטאַמאָל דערזע איך ליזע אַמסטערדאַם איז אויך דאָ. מיר האָבן זיך שוין געהאַלטן צוזאַמען ביז איינער אַ הער איז צוגעגאַנגען צום אָפּי־

צער און געבעטן ער זאָל אַרויסלאָזן דעם זײַטיקן עולם. ער האָט דערלויבט אַן עפּענונג, און אַזוי האָבן מיר זיך באַפרײַט פון „רינג". איינער אַן אָדעסער מיידל האָט זיך נאָר אײַנגעגעבן אויסצוברעכן אַ שויב פון אַ טראַמוױַ מיט איר שירעם.

אין זשענעווע פלעגן מיר, אַ גרופּע, אַוועקגיין צום „שאַלעוו" דערגרייכן דעם שפּיץ באַרג, אַנדערע פלעגן אַרויפרײַטן אויף אייזעלעך, פאַר אַ פראַנק, וואָס איז געווען אַלעמאָל אָנגעגרייט פאַר טוריסטן, און פון דאָרט האָבן מיר געזען דעם זונענאויפגאַנג אויף דעם באַרג „מאָנטבלאַן", דער גרעסטער באַרג פון יוראָפּ. דאָרט פלעגן מיר שרײַען: „דאָלאָי סאַמאָדערזשאַוויע!" עס האָט געדויערט עטלעכע סעקונדן ביז די שטימע האָט זיך אָנגעקלאַפּט אָן מאָנטבלאַן (80 קילאָמעטער) און די עכאָ האָט געענטפערט „יע".

אין זשענעווע געפינען זיך צוויי טײַכן: די „ראָנאָ" און די „אַראַ". דאָס וואַסער פון דער „ראָנאָ" קומט פון דער אָזערע זשענעווע, דאָס וואַסער איז ריין, בלוי, דורכזיכטיק קלאָר, ווי דער הימל אין העלן טאָג. שוואַנען שווימען אַרום גראַציעז אויפן וואַסער. די „אַראַ" קומט פון די בערג און שלעפּט מיט זיך זוויר און שטיינדלעך. דאָס וואַסער איז געל־בלאָטיק. בײַם ענד פון שטאָט גיסן זיך ביידע טײַכן צוזאַמען אין איין שטראָם, נאָר די קאָלירן זײַנען אָפּגעטיילט אויף ווי ווײַט דאָס אויג קען זען, אַזוי ווי מיט אַ ליניע אין מיטן. פון איין זײַט ליניע איז דאָס וואַסער בלוי־ריין, און פון דער אַנדער זײַט ליניע איז ער געל־ליימיק. איך בין אַוועק נאָכן שטראָם בײַ אַ צוויי קילאָמעטער. דאָ האָבן זיך שוין גענומען אַרײַנרײַסן שטיקער געלע פלעקן אין די בלויע וואַסערן, אָבער אַלץ אָפּגעזונדערט. אָט אַזוי איז אונדזער געזעלשאַפטלעכער לעבן, האָב איך געטראַכט, ווי רעאַקציע, דעספּאָטיזם, רײַסט זיך אַרײַן אין פּראָגרעס, דעמאָקראַטיע א. ד. גל.

איך האָב זיך געזעגנט מיט דער שיינער שווייצאַריע, און אַרײַנגעזעצט זיך אין אײַזנבאַן צו פאָרן אין דער באַרימטער היסטאָרישער שטאָט פּאַריז. פאַר מײַן אָפּפאָרן האָט מען מיר דערלאַנגט אַ בריוו. אין וואַגאָן זײַנען געווען דורכאויס פרעמדע מענטשן: פראַנצויזן, איטאַליענער און אַנדערע. איך האָב גע־

בלומע כץ
די מוטער פון דעם מחבר

עפנט דעם בריוו, ווו מען האָט מיך געלאָזט וויסן, אַז מײַן טרײַע מוטער איז געשטאָרבן. טרערן האָבן זיך מיר געגומען גיסן פון די אויגן, דאָס האַרץ האָט מיר פאַרקלעמט, איך האָב זיך אָבער געשעמט צו וויינען צווישן פרעמדע מענטשן. פאַר מײַנע אויגן איז געשטאַנען דאָס בילד פון לעצטן ערב יום כיפור, ווען איך בין געווען אין דערהיים. איך האָב געזען ווי די מאַמע האָט זיך געשטעלט בענטשן ליכט פאַר כל נדרי, אַנגעטאָן אין ווײַסן פאַרטוך מיט איר בלאַסן פנים און האָט אויסגעגאָסן איר פאַר־ביטערט האַרץ פאַרן רבנו של עולם און אויסגעטענהט זיך מיט אים אויף איר אייגענעם שטייגער, און איך האָב אָראָפּגעלייענט פון איר בלאַסן פנים דעם גאַנצן ים מיט צרות, וואָס זי האָט דורכגעלעבט פון איר פריעסטער יוגנט: אָרעמקײַט, קראַנקהײַט און צער גידול בנים נאָך דער חתונה. — איך זע זי יעצט שוין דעם לעצטן מאָל, האָב איך געטראַכט, — איך האָב דאָן שוין געקלערט צו פאַרלאָזן רוסלאַנד, אויב איך וועל ניט אַרעסטירט ווערן, און איך האָב מיט איר מיטגעוויינט.

יעצט זיצנדיק אין וואַגאָן אין אַ פרעמדן לאַנד, צווישן פרעמדע מענטשן, ווען איך זאָל אפילו וועלן, קען איך איר לעצטן ווונטש, צו זיצן שבעה און זאָגן קדיש, ניט דערפילן. בעת דער טאַטע איז געשטאָרבן, מיט צוועלף יאָר צוריק, האָב איך אַ קורצע צײַט יע אָפּט געזאָגט קדיש, כאָטש איך האָב שוין דאָן ניט געקענט געפינען קיין שײַכות צווישן דעם „יתגדל ויתקדש שמו רבא" מיט מײַן טויטן טאַטן. אָט מיט די טרויעריקע מחשבות בין איך אַרײַנגעפאָרן אין דער פריילע־כער פּאַריז.

**
*

דרײַ וואָכן האָב איך פאַרבראַכט אין פּאַריז. עס איז גע־ווען וואַקאַציע־צײַט. די רוסישע שטודירנדיקע יוגנט, וואָס אַ גאַנצן ווינטער איז זי פאַרנומען מיט איר לערע, לאָזט זיך אַרויס דאָן אָנקוקן די ווונדערלעכע פּאַריז. יעדן טאָג פלעג איך צושטיין צו אַן אַנדער גרופּע; מיר זײַנען אַרויפגעקראָכן אויף דער „טריאומף אַרקע" (אַ מאָנומענט נאָך נאַפּאָלעאָן דעם ערשטן), אַכט הונדערט טרעפּ הויך, און באַקוקט פון דאָרט

פאַריז מיט איר טײַך „סענא״, וואָס שפּיינגלט זיך צווישן די מויערן, פּאַרקס, מאָנומענטן און דעם באַרימטן קלויסטער „נאָטר דאַם״, „„די יעליסייער פעלדער״ פון די פאַריזער אַריס־טאָקראַטן, די נעסט פון רעאַקציע.

איך האָב באַזוכט, און אַרויפגעקראָכן אויף דער היסטאָרישער „באַסטיליע״, אַ קופּערנער מאָנומענט; אינדערהויך שטייענדיק דאָרט, פילט מען ווי ער טרייסלט זיך. פון אָט דעם פּלאַץ האָט דאָס פאַריזער פאָלק אָנגעהויבן צו טרייסלען די אַלטע וועלט פון פעאָדאַליזם און אַריסטאָקראַטיע און אַרויסגעלאָזן דעם אויפרוף: „פרײַהײַט, גלײַכהײַט און ברידערלעכקײַט!״ אַ ציל, פאַר וועלכן די פּראָגרעסיווע מענטשהײַט קעמפט נאָך ביז הײַנטיקן טאָג. יעצט איז די באַסטיליע געוואָרן דער פּלאַץ פון פּאָליטישע דעמאָנסטראַציעס, און די הייסבלוטיקע פראַנצויזן, וואָס ווערן פאַרראַטן פון זייערע געליבטע אָדער סתם אַנטוישטע אין לעבן, וואָס ווילן באַגיין זעלבסטמאָרד, וואַרפן זיך אַרונטער פון דער באַסטיליע.

איך האָב אויך באַזוכט דעם מאָנומענט פון גאַמבעטאַ, וועלכער איז אַרויסגעפלויגן אין פינצטערער נאַכט פון פאַריז אין אַ לופטבאַלאָן, ווען פאַריז איז געווען אַרומגערינגלט פון די דײַטשישע אַרמייען און זיך אַראָפּגעלאָזן ווײַט פון פאַריז אין די וועלדער פון וואַנדייע, און אָרגאַניזירט די פאַרטיידיקונג פון פאַריז. די פראַנצויזן האָבן אים געשטעלט איינעם פון די הערלעכסטע מאָנומענטן, סײַ פון קונסט און סײַ אין דער אידייע, וואָס דער מאָנומענט דריקט אויס.

איך האָב מיטגעמאַרשירט, ווען מען האָט געלייגט בלומענקרענץ אויף דעם קבר פון בלאַנקי און אויף די קברים און מאָנומענטן פון די געפאַלענע העלדן און קעמפער פון דער פאַריזער קאָמונע אויף דעם בית עולם פער־לאַשעזש (דער בית עולם איז אויך אַ מוזיי פון קינסטלערישע מאָנומענטן און מאַוזאָלייען);

אין פאַריז האָב איך בײַגעוווינט אַ פּראָטעסט־פאַרזאַמלונג קעגן דעם קעשענעווער פּאָגראָם, אויף וועלכן פראָמינענטע פראַנצויזישע פּאָליטישע טוער, שטאַטסלײַט האָבן אויסגעדריקט זייער פּראָטעסט קעגן דער צאַרישער רעגירונג. איך האָב בײַגעוווינט אַ לעקציע און אַ דעבאַטע צווישן טראָצקין און שאַרל

ראַפּאָפּאָרט. האָב באַזוכט דעם באַרימטן מוזיי לוקסעמבורג, וווּ עס געפינען זיך די קונסט ווערק פון 19טן יאָרהונדערט, און אַן עטנאָגראַפישן מוזיי אויף דער אַנדער זײַט פון טײַך סענא, דעם וועלט־באַרימטן מוזיי לוווער, וווּ עס געפינען זיך די מייסטער־ווערק פון ראַפּאַעל, לעאָנאַרדאָ דעווינטשי, מייקל אַנדזשעלאָ, רעמבראַנדט, און פילע אַנדערע, און די וועלט־באַרימטע סטאַטוע ווענוס פון מילאָ. איך שעם זיך אויסצוזאָגן, איך בין ניט שטאַרק באַגײַסטערט געוואָרן פון איר און געוווּנדערט זיך, וואָס אַזאַ אומעטיקער שרײַבער ווי דער רוסישער גלעב אוספּענסקי, האָט געוויינט אויף איר קוקנדיק פון פרייד, און הענריך היינע האָט באַזונגען די פּראַנצויזן, וואָס האָבן די סטאַטוע באַהאַלטן אין דער ערד, בעת די דײַטשן האָבן באָמבאַרדירט פּאַריז.

איך האָב שוין געהאַט פון פריער באַזוכט „די קעניגלעכע בילדער גאַלעריי״ אין בערלין און דעם פעלקער קונסט־מוזיי אין לייפּציג, און אין באַזעל דעם מוזיי, וווּ עס געפינט זיך די גאַנצע גאַלעריי בילדער פון בעקלין (בעקלין איז געווען געבאָרן אין באַזעל) און איייניקע אַנדערע מוזייומס אין די שווייצאַרישע שטעט. אין יעדן האָב איך געפונען וואָס צו באַוווּנדערן און באַגײַסטערט צו ווערן, און דאָ שטייט אַ סטאַטוע אָן הענט אין אַ באַזונדערן צימער, די פינגער פון אַ פוס איז אויך אָפּגעבראָכן, און איך האָב ניט פון וואָס אַנטציקט צו ווערן. איך באַשטים בײַ זיך, אַז דאָ ווירקט מסתמא דער היפּנאָז: די סטאַטוע איז איבערגעבליבן פון דער גריכישער קונסט, און מען האָט דאָס געפונען אין דער ערד... פונדעסטוועגן בין איך געגאַנגען איר אָנקוקן אַ צווייטן מאָל. דעם ערשטן מאָל בין איך געווען אַ זונטאָג, יעצט, אין אַ וואָכעדיקן טאָג, האָב איך געפונען ווי אַרום דער סטאַטוע שטייען שילער פון די קונסט־שולן מיט זייערע פּינזלס און סטענדס און מען מאָלט קאָפּיעס פון איר. ווער אין פּראָפיל פון רעכטס, און ווער פון לינקס, און איינער פון פראָנט. און אַז איך האָב געוואָרפן אַ בליק אויף זייערע אַרבעט, האָב איך יעצט באַמערקט, אַז עס איז טאַקע ניט דאָס ווי די סטאַטוע זעלבסט. האָב איך בײַ זיך באַשטימט, דאָס מײַנע מבינות אויף סקולפּטור, מוז זײַן פון אַ קנאַפּן ווערט.

איך בין צוגעגאַנגען אַ פּאָר מאָל צום אייפעל־טורעם, געשטאַנען אונטן און מקנא געווען די מענטשן, וואָס זײַנען אַרויפגעפאָרן אין דער הויך. עס האָט געקאָסט מער ווי צוויי פראַנק, אַ סומע, וואָס מען האָט געקענט מיט דעם אויסקומען אַ פּאָר טעג.

איך האָב זיך אָפּגעזעגנט מיט די באַקאַנטע און פרײַנט און — אַדיע פּאַריז. פּאַר מיר מסתמא אויף תמיד. אַריבערגעפאָרן דעם שטורמישן ענגלישן קאַנאַל, און אויף מאָרגן פרי בין איך שוין געווען אין לאָנדאָן.

איך האָב דורכגעשפּאַצירט די „סיטי" און דעם „בענק־דיסטריקט". איבעראַל איז געווען רויִק. די באַנקען צוגעמאַכט, די געשעפטן געשלאָסן, יום טובדיק. אַז דער יום טוב איז ניט געווען צוליב מײַן קומען, בין איך געווען זיכער. קיינער איז מיר ניט געקומען באַגעגענען, די שליסלען פון שטאָט האָט מען מיר ניט איבערגעגעבן... איך האָב זיך ווי עס איז דערפרעגט אויף שטום־לשון, מיטן אַדרעס אין האַנט צו „קאָמערציאַל ראָוד". דאָ האָב איך דערזען ווי עס פּאָרט אַ צווייגאָרנדיקע קאַנקע. אויבן זיצט אַ ייִד מיט אַ לאַנגער קאַפּאָטע, מיט אַ געלער באָרד, לעבן אים זיצט אַ ייִדענע מיט אַ מאַנסבילשן היטל אויפן קאָפּ און מיט אַ גרויסן קאָשיק אין האַנט. אין גאַס טומלט זיך גאָר ווי אין ווילנע אין אַן ערב יום טוב. עס איז געווען ערב שבועות. דאָס וואָרט „כשר" שרײַט אַרויס פון אַלע פענצטער. „כשרע פליישׁ, כשרע מילך, כשרע זייף און אַ כשרע מקוה". איך האָב שוין איינִיקע יאָר ניט געלעבט אין אַן עכט ייִדישער אַטמאָספערע, יעצט האָב איך דערפילט דאָ עפּעס היימישעס; וועגן דער יום־טובדיקײַט אין דער „סיטי", האָב איך זיך דערוווּסט, אַז לאָנדאָן האָט אַ ספּעציעלן יום טוב, וואָס רופט זיך „בענק האָלידיי" (דרײַ טעג אין יאָר, ווען די בענק אין ענגלאַנד מאַכן זייערע סך־הכלען פון אַ גאַנץ יאָר, זײַנען זיי געשלאָסן, און מיט זיי צוזאַמען מוזן שוין אַלע גרויסע געשעפטן און פאַבריקן זיך אויך אָפּשטעלן.

איך האָב זיך אָפּגעפּלאָגט אַ יאָר צײַט אין לאָנדאָן; געאַרבעט אין אַ מעבל־פאַבריק פאַר 9 שילינג אַ וואָך. געהערט דאָ אויך צום „בונד". אין לאָנדאָן האָט זיך דעמאָלט געפונען די

אויסלענדישע דרוקערײַ און דער אויסלענדישער קאָמיטעט פון „בונד“.

פאַר קריסטמאַס האָט מען מיך אָפּגעלייגט פון דער אַרבעט. אין דעם ווינטער פון יאָר 1904 איז לאָנדאָן געווען פול מיט רוסישע יונגעלײַט, אַנגעלאָפענע פון דער רוסיש־יאַפּינעזישער מלחמה. פלעגן מיר אַרומגיין גרופּנווייז, היימלאָזע, הונגעריקע, געוועזענע רעוואָלוציאָנערן פון פאַרשיידענע פּאַרטייען און באַטראַכטן דעם בײַנאַכטיקן לעבן פון די היימלאָזע געבאָרענע ענגלענדער. אַז מען איז אַליין אויף צרות, פילט מען טיפער יענעמס ליידן. פון גענעראַל בוטה׳ס בוך*) (דער גרינדער פון דער סאַלווייישאָן אַרמי) האָבן מיר געוווּסט, אַז אַזעלכע היימלאָזע געפינען זיך אין לאָנדאָן דרײַ הונדערט טויזנט. און מיר האָבן געזען ווי פיל שלעפּן זיך אַרום דורך די נעכט אין די לאָנדאָנער טומאַנען כאַפּן זיך אַרײַן אין אַ טיר, שטייען און דרעמלען ביז די פּאָליציי קומט אָן און טרײַבט זיי ווײַטער. צווישן די אומגליקלעכע געפינען זיך פרויען מיט קינדער. פיל פון אונדזערע ראַדיקאַלן זײַנען גיך אַנטוישט געוואָרן אין דער א י י ר אָ פּ י י א י ש ע ר פ ר ײַ ה ײַ ט און זײַנען געוואָרן אַנאַרכיסטן, געגומען אַרונטעררײַסן אַלץ און אַלעמען מיט פאַרביטערניש, דערמיט געוואָלט שטילן דעם ווייטיק פון זייערע פאַרביטערטע הערצער. דאָן האָב איך אָנגעהויבן בעסער צו פאַרשטיין דעם באַדײַט פון צבי אַבערסאָנס ווערטער: לאָנדאָן איז צוגעפּאַסט פאַר דעם יידישן אַנאַרכיזם....

איין מאָל פאַר איך אויפן צווייטן שטאָק פון קאָנקע. אַנטקעגן מיר זיצן ליטווישע יידן, און איינער גיט אַ זאָג בזה הלשון: „און איך טענה מײַן זאַך, הלוואַי וואָלט פאַרברענט געוואָרן גאַנץ זאַגראַניצע מיט אַמעריקע צוזאַמען איידער מען האָט זיך דערוווּסט פון זיי!“... (אַ ווונטש פון מענטשן!)

די פאַרקויפטע נשמות, די מיסיאָנערן, פלעגן אויך זוכן אויסצונוצן די אימיגראַנטן, ווו אַרײַנצוציען זיי אין זייער נעץ. זיצן מיר איינמאָל אַ גרופּע אין אַ מיסיאָן־הויז, וווּהין מען האָט אונדז אַרײַנגערופן צו הערן אַ דרשה, דאָרט איז כאָטש געווען

*) אין די חורבות פון ענגלאַנד.

טרוקן און וואַרעם, און עס לאָזט זיך אַרײַן פון אַ זײַטיקער טיר אַ ייִדל מיט אַ גראָבן בײַכל, אַ שוואַרץ בערדל מיט אַ פּאָר באַגלייטער, עכטע ליטווישע „אַרעם־בחורימשע" טיפּן, מיט אויס־געבלאַסטע פּנימער; זיי פאַרקוועטשן מיט די אויגן, און מען לאָזט אַראָפּ די קעפּ, און דער ייִדל זאָגט אַ תּפילה צו גאָט, צו זײַן זון יעזוס, און דער הייליקער בתולה; און הויבט אָן אײַנצור־טײַטשן די סדרה פון דער וואָך, פּרשה מקץ, די מעשה פון יוספן מיט פּוטיפרס פרוי, מיט יוספס לײדן ווי אַ פאַרשפּיל, אַ פּאַר־אויסזאָגונג צו די לײדן פון יעזוסן. לעבן מיר איז געזעסן אַ ליטווישער יונגערמאַן מיט אַ פּאָר גרויסע שטיוול און כאַליאַ־ווען, מיט אַ וואַטאָווער קאַפּאָטע און געשמאַק געכראָפּעט. נאָך דער דרשה זאָגט דער יונגערמאַן צו מיר: איך האָב געמיינט זיי וועלן עפּעס וואָס געבן: אַ גלאָז קאַווע, צובײַסן, אַזוי האָב איך זיי אין... (אחור הגדול; ער האָט דאָס אַרויסגעזאָגט אין ייִדיש). ענדיקן פלעגן זיי זייער צערעמאָניע מיטן זינגען אַ קאַ־פּיטל תּהלים, אין ענגליש געווײנלעך, אָדער מיט אַ קירכן־געזאַנג. מיר, חברה בונדיסטן, רעוואָלוציאָנערן, פלעגן אין מיטן די צערעמאָניעס אָנהויבן זינגען „מאַרסעליעזע". עס פלעגט ווערן אַ טומל און מען איז זיך צעלאָפן.

אַמאָל פלעגן מיר, אַ גרופּע, אַוועקגיין אויף אַ גאַנצן טאָג אין קענזיקטאָן מוזיי, ווו עס געפינט זיך די גאַנצע דאַרוויניס־טישע אָפּטיילונג, אָדער אין בריטיש מוזיי, באַזוכן די ביבליאָ־טעק און מען פלעגט זיך פאַרגעסן, אַז מען דאַרף עסן.

דער קעשענעווער פּאָגראָם (אַפּריל 1903) האָט אַזוי צע־טרייסלט די נערוון, אַז ווען איך האָב געלייענט אין אַ צײַטונג, אַז אין אַמעריקע איז אַ מיידל משוגע געוואָרן פון די נײַעס וועגן קעשענעוו, זײַנען בײַ מיר געווען מאָמענטן, ווען איך האָב גע־מיינט, אַז איך האַלט שוין אויך ניט ווײַט דערפון. איך געדענק, ווי איך האָב דעמאָלט גזעאָגט צו אַלעקסאַנדערן (קרעמער), אַז איך בין ניט זיכער, צי וואָלט איך איצט געקענט אַרבעטן מיט דער פריערדיקער באַגײַסטערונג און מסירת־נפש אין רוסלאַנד, ווען איך זע, אַז יעדער טריט פון דער רוסישער רעוואָלוציע גייט איבער טײַכן ייִדיש בלוט... ער האָט מיר צוגעשאָקלט מיטן

קאָפּ אויף יאָ, און איך האָב געזען, אַז איך האָב אָנגערירט זייער אַן אָנגעווייטיקטן אָרט.

אַדאַנק די ביאַליסטאָקער פאַרערער מײַנע, בין איך דורך אַ צופאַל אַראָפּגעבראַכט געוואָרן קיין אַמעריקע, אַניט וואָלט איך מסתמא אומגעקומען אין מײַנע וואַנדערונגען אין אייראָפּע.

די מערסטע צײַט איז מען געזעסן אין דער רוסישער בי־בליאָטעק. זיץ איך מיר אַמאָל אין ביבליאָטעק און עס קומט אַרײַן אַ פעסט־געבויטער יונגערמאַן מיט בלאָנדע וואָנצעס. ער גייט צו גלײַך צו מיר, דערלאַנגט מיר די האַנט: שלום עליכם, הלל, וואָס מאַכט איר?... איך האָב אים דערלאַנגט די האַנט און געפרעגט: ווער זײַט איר?... — איך בין איינער פון די ברידער גענסערס — האָט ער מיר געענטפערט.

די גענסערס זײַנען געווען דרײַ ברידער, וועבער, אין ביאַ־ליסטאָק, אָרימע יונגלעך, האָבן זיך געוואַלגערט אין די „לאָהנ־בודעס" (פאַר מיטלער), געשלאָפן אויף די האַרטע שטיקער טוך ניט קיין אַפּראַטורטע, דערשלאָגענע פון די אומשטענדן. ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן סטרײַקס מיט געשלעגן, זײַנען זיי גע־ווען די ערשטע צו געבן קלעפּ, און געוואָרפן זיך אין די אויגן. דערנאָך, אַז עס האָבן זיך אָנגעפאַנגען אַרעסטן, האָט מען אויף זיי אָנגעוויזן און זיי זײַנען אַרעסטירט געוואָרן. איינעם האָט זיך אײַנגעגעבן צו אַנטלויפן, דער צווייטער איז געזעסן אַביסל צײַט און פאַרשיקט געוואָרן אויף דרײַ יאָר קיין סיביר, געשטאַנען דאָרט בײַ אַ דײַטש, וואָס איז נאָך געווען פאַרשיקט פון די צײַטן פון די „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ". זיי פלעגן צוזאַמען באַאַרבעטן די פעלדער און גיין אויף געיעג. נאָך די דרײַ יאָר איז ער געקומען צוריק קיין ביאַליסטאָק, געווען בײַ אַ יאָר צײַט, נאָך אַמאָל אַרעס־טירט געוואָרן. איצט פאָרט ער צו זײַן ברודער אין אַמעריקע. וועגן מײַן לאַגע האָט ער ניט געדאַרפט פיל פרעגן... ווען איך וואָלט געהאַט גענוג געלט" — האָט ער געזאָגט צו מיר — „וואָלט איך אײַך איצט מיטגענומען, נאָר אין אַמעריקע וועל איך זען, מען זאָל אײַך אַריבערברענגען אַהין," און ער איז אַוועק.

איך האָב ווינציק האָפענונגען געלייגט אויף זײַן צוזאָג. פּערזענלעך האָב איך אים פון פריער ניט געקענט, דעם עלטערן ברודער, האָב איך יאָ געקענט, ווען איך האָב אים אַמאָל באַ־

געגנט אין ווילנע, האָט ער מיר דערציילט, דאָס נאָך זײַן אַנט־לויפן פון ביאַליסטאָק, איז ער געווען אַ קורצע צײַט אין לאָדזש, דאָרט האָט ער ניט געקענט פאַרבלײַבן איז ער אַוועק־געפאָרן קיין ווילנע, — ליגנדיק אונטערן באַנק אין די וואַ־גאָנעס, האָבן די הייסע רערן מיר געברענט די הענט — האָט ער זיך באַקלאָגט פאַר מיר. — ווען איך בין פאַרבײַגעפאָרן ביאַליסטאָק, האָב איך שטאַרק מקנא געווען יהושיע אַדעלס־קער, ער וועט אָפּזיצן זײַן צײַט אין טורמע, האָט וואָס צו עסן און ווו צו שלאָפן, און איך לעב שטענדיק אין שרעק, און צום סוף וועל איך דאָך אַרײַנפאַלן. איינמאָל איז ער גע־שלאָפן בײַ אַ חבר אויף אַ בוידעם־שטיבל, מיט אַמאָל איז גע־וואָרן אַ טומל אין מיטן נאַכט, פאָליציי מאַכט הויז־זוכונגען, האָט ער גענומען לויפן אין דער פינצטער פון די טרעפּ, און איז אַראָפּגעפאַלן און זיך אַזוי צעקלאַפּט דאָס פּנים אַז קיינער האָט אים ניט דערקענט, לסוף האָט חבר באַריס קלעצקין פאַר אים באַקומען די נייטיקע סומע געלט אים אָפּצושיקן קיין אַמעריקע.

***

די יידישע וועבער אין ביאַליסטאָק פאַר דעם „בונד" זײַנען באַשטאַנען פון קאַטעגאָריעס וואָס קען אײַנגעטיילט ווערן בערך אַזוי, דער גרעסטער טייל זײַנען געווען יידן מיט לאַנגע קאַפּאָ־טעס, לאַנגע בערד, אָרטאָדאָקסיש פרום, שבת, יום טוב פלעגט מען ליגן אין די חסידים־שטיבלעך און קוויקן זיך מיט דעם רבינס תורה־ווערטלעך און מיט די שריים.

די צווייטע פלעגט פאַרברענגען זייער לײדיקע צײַט, אין די שענקלעך, בײַ די קאָרטן־טישלעך, און אין די הײַזקעס... און אין די טאַנץ־זאַלן. די דריטע קאַטעגאָריע איז באַשטאַנען פון מענטשן וואָס אין רבין האָבן זיי ניט שטאַרק געגלויבט, האָלבע משכילים, וועלכע זײַנען געווען מײַנע תלמידים, איינער פון זיי האָט מיר אַמאָל דערציילט, דאָס זיי האָבן זיך געווענדעט צו אַ לערער אַ משכיל, און ער פלעגט מיט זיי לערנען יעדער שבת מדרש מיט אַ מאָדערנער אויסטײַטשונג, און ווען ער איז גע־שטאָרבן האָבן זיי זיך געווענדעט צו אַ צווייטן לערער, האָט ער

זיי געענטפערט: דאָס אין מדרש גלויבט ער ניט, נאָר אויב זיי ווילן וועט ער פאַר זיי פאַרלעזן גרעצס היסטאָריע. ער האָט שוין געהאַט דערגרייכט מיט זיי ביז די „קרייץ־צויגן".

אין יענער צײַט זײַנען אָנגעקומען די ווילנער אַגיטאַטאָרן און מיר זײַנען אַריבער צו דער לערע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. אייניקע פון זיי זײַנען געוואָרן גוטע סאָציאַליסטן, מאַטעס איז געווען איינער פון מײַן גרופּע, און ער האָט מיר אַמאָל געזאָגט: דאָס ער האָט אַלע מאָל געפילט, אַז עס פעלט עפּעס, אַז עס איז ניט דאָס, יעצט אין סאָציאַליזם האָט ער געקראָגן זײַן תיקון.

מאַטעס איז קראַנק געוואָרן אויף רעוומאַטיזם און דער דאָק־טער האָט אים געהייסן פאָרן קיין דרוסקעניק, (אַ קוראָרט לעבן גראָדנע) נעמען דאָרט די זאַלץ־בעדער. בײַ די וועבער איז געווען אַ מנהג, אַז ווען איינער איז געוואָרן קראַנק זײַנען די וועבער פון דער זעלבער פאַבריק געווען די ערשטע אים צו שטיצן, און ווען נייטיק אַפילו צו זיצן משמורים (דעזשורעווען) און אויב די קראַנקהײַט האָט זיך פאַרצויגן, פלעגט מען זיך ווענדן צו אַלע אַנדערע וועבער נאָך הילף. אַ ביסל געלט איז גע־מאַכט געוואָרן, אָבער ניט גענוג, איך האָב זיך דאַן געווענדעט צום סטודענט וואָס איז געקומען פון בערלין נאָך הילף, און ער האָט גיך געקראָגן 25 רובל און מיר האָבן אַוועקגעשיקט מאַטעסן קיין דרוסקעניק, און געקומען צוריק אַ געזונטער. ערשט דאַן האָט ער זיך איבערגעגעבן צו דער אַרבעט פון דער באַוועגונג מיט לײַב און לעבן, ער איז געווען קלוג, געלאַסן, אויסגערעכנט, און איז שנעל געוואָרן פּאָפּולער בײַ די אַרבעטער. שבת פלעגט ער קומען מיטן טלית אונטערן אָרים אין וואַלד צו די דיסקוסיעס פאַרזאַמלונג, פאַר זײַן פרוי האָט דאָס געהייסן דאָס ער גייט אין שול דאַוונען, אַ זון האָט ער געהאַט וואָס איז געווען באַאײַנפלוסט פון די פּ. פּ. ס. און אַ טאָכטער, וועלכע איז אויך געווען באַאײַנ־פלוסט פון עפּעס אַ שטיקל אָפּאָזיציע, און ווען מען פלעגט באַשליסן עפּעס וואָס קעגן די פּ. פּ. ס. בײַ אַ קאָנפליקט, פלעגט ער זאָגן מיט אַ איראָניע: ווער ווייסט וואָס מײַן קדיש וועט זאָגן אויף דעם, און זיי פלעגן קאָנספּירירן איינע קעגן די אַנ־דערע.

מיט אַ יאָר און אַ האַלב שפּעטער ווען איך בין אַרײַנגעפאָרן אין ביאַליסטאָק האָב איך שוין אויסגעפונען אַז מאַטעס האַלט זיך אויף בײַ זײַנעם אַנקל הינטערן שטאָט אין אַ ווינט־מיל, פּאָליציי זוכט אים אַרום און ער קלײַבט זיך צו פאָרן קיין אַמעריקע.

איך מיט יאָסל דעם בריסקער זײַנען אַוועק צו אים און מיר האָבן זיך צוזאַמען באַראַטן וועגן דער באַוועגונג און וועגן די ווײַטערדיקע אַרבעט. יאָסל האָט אים געוויזן אַ פּראָקלאַמאַציע וואָס איז געווען צוגעגרייט צום פאַרשפּרייטן, מאַטעס האָט זי דורכגעקוקט און געמאַכט אייניקע באַמערקונגען. ער האָט אויך דערציילט ווי די וואָך פון פּסח האָט לוריע געהאַט מיט אים אַן אינטערוויו (באַגעגעניש).

די פּ. פּ. ס. האָט זיך מתקנא געווען אויף דעם דערפאָלג פון „בונד" אין זייער ראַיאָן, און האָבן אַרײַנגעשיקט אַ גרופּע אינטעליגענטן קיין ביאַליסטאָק, איינער פון דער גרופּע איז געווען מיכאַאיל לוריע וועלכער האָט געקענט די דרײַ שפּראַכן: יידיש, פּויליש און רוסיש „מיר האָבן אַרומגעשפּאַצירט ווײַט אין וואַלד — האָט מאַטעס אונדז דערציילט — און ער האָט מיט מיר אַרגומענטירט און אַגיטירט איך זאָל אַריבערגיין צו זייער פּאַרטיי".

— עס טוט מיר לייד וואָס איך געדענק ניט די אַלע אַרגומענטן וואָס עס איז צווישן זיי פאָרגעקומען, — לויט ווי ער האָט אונדז דאָן איבערגעגעבן — נאָר זײַן שלוס איז געווען — „אויב אַזוי, האָב איך קיין אורזאַכע צו בײַטן די פּאַרטיי"! איז געווען זײַן קאַטעגאָרישער ענטפער, איך בין געווען זייער צופרידן וואָס לוריען האָט זיך ניט אײַנגעגעבן איבערצוגעווינען מאַטעסן אויף זײַן זײַט, און בין געווען באַגײַסטערט פאַר מײַן תלמיד, וואָס האָט זיך געקענט שטעלן דאַקעגן אַזאַ אײַנפלוסרײַכער און פעיִקער פערזענלעכקײַט ווי מיכאַאיל לוריע.

מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער, נאָך מײַן באַזוך אין ביאַליסטאָק, איז מאַטעס געקומען צו מיר אין ווילנע. ער האָט באַזוכט אונדזער בוכקראָם, פאַרבראַכט אַ פּאָר טעג אין דעם נעסט פון „בונד", און איך האָב אים באַגלייט צום וואָקזאַל. שטייענדיק אויף די טרעפּלעך פון וואַגאָן, ווען עס האָט זיך

דערהערט דער ערשטער קלונג, זאָגט ער צו מיר, בײַם קאַסע, בײַם קויפן דעם בילעט האָב איך פאַרגעסן אַ פּאָר קוכן אײַנ־געוויקלט אין אַ פּאַפּיר, גייט און נעמט דאָס צו קיין הונגעריקע פעלט דאָך מסתמא בײַ אײַך אויך ניט אויס.

אין 7 — 8 מאָנאַטן שפּעטער, אַז מיר איז אויסגעקומען נאָך אַמאָל צו באַזוכן ביאַליסטאָק און איך בין אַרײַן אין הויז פון מאַטעסעס פאַמיליע, האָבן מיר די קינדער געוויזן אַ פאָ־טאָגראַפישע בילדל פון זייער פאָטער, מאַטעס אָן אַ באָרד. די מוטער האָט ניט געוווּסט וועד דאָס איז... ער האָט גע־שריבן די קינדער ווי שווער עס איז אים געוועזן צו שיידן זיך מיט זײַן שיינע באָרד וואָס האָט שוין אָנגעהויבן צו ווערן גראָ, ווען ער האָט באַדאַרפט אַרײַן אַרבעטן אין אַ פאַבריק.

חבר גענסער האָט זײַן וואָרט געהאַלטן, ווען ער איז גע־קומען קיין אַמעריקע, האָט ער איבערגעגעבן מאַטעסן, וועלכער האָט שוין געהאַט זײַן גאַנצע פאַמיליע אין אַמעריקע, ווי אויך די אַנדערע וועלכע האָבן מיר געקענט, אַז איך פלאָג זיך אין לאָנדאָן. אָנהייב זומער האָט איינער אַ חבר דר. נאַדעל, באַ־קומען אַ בריוו פון ליעסינען, אַז אַ גרופּע ביאַליסטאָקער ווילן שיקן אַ שיפסקאַרטע צו איינעם אַ הלל מיט אַ הויכן שטערן מיט בלאָנדע וואָנצן. וואָס געפינט זיך אין לאָנדאָן, אויב ער ווייס פון מיר, זאָל ער דאָס מר איבערגעבן. דר. נאַדלען האָב איך נאָך געקענט פון ווילנע, מען האָט אים דאָרט גערופן „מאַקס דער זאַגאַטאָוושטשיק" (קאַמאַשן שטעפּער) איידער ער האָט נאָך געהייראַט, און איידער ער האָט נאָך געחלומט צו ווערן אַ דענטיסט. איך פלעג צו אים אָפט אַרײַנקומען, אַמאָל דאָרט נעכטיקן און אָפט האָבן שפּאַס, בײַ מיר האָט אין יענער צײַט אָנגעהויבן שנעל אויסצופאַלן די האָר פון קאָפּ, נאַדעל פלעגט מיר רופן שאָפּענהאָוער, מײַן פליך איז געווען ענלעך צו שאָפּענהאָוערס, לויט זײַנע בילדער. נאַדעלס מיי־דעלע אַ קינד פון אַ יאָר 4 — 5 פלעגט צוגיין צו מײַן גע־לעגער אָנטאַפּן מײַן קאָפּ און אויסשרײַען: „סמאָטריטי או וואָס פּוסטאַיאַ גאָלאָוואַ!" (זעט, בײַ אײַך איז דאָך אַ פּוסטער קאָפּ).

איך האָב גלײַך געענטפערט קיין ניו יאָרק, אַז איך בין גרייט צו פאָרן. אין אַ פּאָר וואָכן שפּעטער האָב איך באַקומען די שיפסקאַרטע, אַ פונט געלט און אַן אַדרעס, צו דר. פאַרענ־בערג וועלכער האָט דאַן געאַרבעט אין „פאָרווערטס", דר. פאַרענבערגן האָב איך געקענט פון דער שווייץ און זײַן פרוי נאָך פון רוסלאַנד. איך האָב פאַרשטאַנען אַז דאָס האָט זיך מאַטעס פאַר מיר באַמיט צוליב אונדזער אַמאָליקער חברשאַפט, ווי אויך צוליב דער הילף וואָס איך האָב אַמאָל פאַר אים געשאַפן בעת ער איז געווען קראַנק. שלח לחמך על פני המים.

אין אַמעריקע האָב איך געפונען מאַטעסעס צוויי קינדער שוין פאַרהייראַט און מאַכן אַ לעבן. דאָס גלײַכן די אַנדערע באַקאַנטע וואָס האָבן אַממערסטן זיך געפונען אין פעטערסאָן און אין די אַנדערע וועבערשע שטעטלעך. לעבט זיך ניט שלעכט. זיי האָבן כמעט אַלע באַלאַנגט צום אַרבעטער רינג, צו דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, און געוואַרט אויף דער רוסישער רעוואָלוציע.

איצט לעב איך שוין 35 יאָר אין אַמעריקע. דאָס לעבן האָט די לעצטע יאָרן אַרויסגערופן נײַע פּראָבלעמען — פראַגן וועגן ליטעראַטור, קונסט, פּאָעזיע. דאָס אַלץ זײַנען לוקסוס־זאַכן פאַר מיר, נאָר די סאָציאַלע־פראַגע און אויך די ייִדן־פראַגע זײַנען איצט מער אַנגעווייטאָגט, ווי אַלע אַנדערע. בנוגע דער ערשטער בין איך אָפּטימיסטיש, ווײַל איך גלויב און ווייס, די געשיכטע גייט ניט ווי לויט דער קאָמאַנדע פון אַ גענעראַל: רעכטס! לינקס! מיר וועלן נאָך האָבן נצחונות און מפּלות, אויפלעבונגען און אַנטוישונגען, ביז דער סאָ־ציאַליזם וועט פּאַרט קומען. בנוגע דער צווייטער פראַגע אָבער — דער ייִדישער — בין איך זייער פּעסימיסטיש און זע ניט קיין לייזונג, סײַדן אפשר וואַרטן אויף דעם „באחרית הימים", ווען דער וואָלף מיט דער שעפּס וועלן לעבן צוזאַמען בשלום... אַזוי ווי לעת־עתה ווײַזט דאָס אויס צו זײַן קעגן דער נאַטור, איז דעריין שווער צו גלויבן... לאָמיר האָפן — אפשר.

***

בײַם פאַרענדיקן מײַנע ערינערונגען פון די ביאַליסטאָקער טיפּן וועט זײַן איין עוולה ניט צו דערמאָנען נאָך אַן אייגנאַר־

טיקן טיפּ פון די ביאַליסטאָקער „וועבערשע פּאַטריאָטן".

ישראל יצחק איז געווען אַ גרויסער, געזונטער ייִד, אַ קלוּגער, אַ למדן. חוץ די וועבערײַ ווען ער האָט נאָר געהאַט ליידיקע צײַט, פלעגט ער זיצן אין בית מדרש און לערנען, פון די חסידים מיט זייער רבינס נסים און פון די שיריים פלעגט ער אָפּלאָכן. אָבער בעת עס איז געווען ווו אַ שטרײַק פלעגט ער פאַרלאָזן די גמרא, פאַרנאַכלעסיקן זײַן אַרבעט, און זיך איבערגעבן אינגאַנצן אומדערשראָקן די אינטערעסן פון די שטרײַקער, צי עס זײַנען געווען ייִדן אָדער קריסטן.

וועגן משהלען דעם קליינעם, אַ שטילער אָרנטלעכער אַרבעטער, נאָר אַ ביסל אַ פּחדן, פלעגט ער זאָגן: אַז משהלע גייט פאַרבײַ דעם ווײַסן מויער (די טורמע) ציטערט אים דער גיד הנשה.

איין מאָל איז ישראל יצחקן אויסגעקומען צו פאַרהאַנדלען מיט אַ פאַבריקאַנט, אַ ייִד אַ משכיל, אַ העברעער, אַ נאַציאָנאַליסט, פאַר ישראל יצחקן האָט מען געהאַט דרך ארץ, און יענער האָט אים גענומען דערוויזן אַז די שטרײַקס מיט די בונטן וועלן ברענגען שאָדן דעם כלל ישראל, האָט אים ישראל יצחק דערוויזן אַז זיי, די פאַבריקאַנטן, זײַנען די שעדיקער. דער סוף איז געווען דאָס ישראל יצחק האָט אויך געמוזט פאַרלאָזן ביאַליסטאָק. אין אַמעריקע איז ער געוואָרן אַ שוחט עופות.

צווייטער טייל

אַ קורצע פֿאָררעדע צום צווייטן טייל

פּרודאָן האָט מיט שטאָלץ אויסגעשריען: „דרײַצן דורות פֿון מײַנע פֿאָרעלטערן זײַנען געווען ערדאַרבעטער, ווײַזט מיר אַ שענערע אָפּשטאַמונג!"

בײַ אונדז ייִדן האָט אַזוינס ניט געקאָנט פּאַסירן, צוליב די פֿאַרפֿאָלגונגען פֿון מיטלאַלטער, איז אונדז ניט דערלויבט געווען צו באַזיצן ערד, ניט מיט אַלץ איז אונדז געווען דערלויבט צו באַשעפֿטיקן זיך, מיט דער צײַט האָט זיך בײַ אונדז אויסגעאַרבעט אַן אַנדער פּסיכאָלאָגיע, אַן אַנדער באַציִונג צו אַרבעט.

צום סוף פֿון פֿאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, צוליב די פּאָליטישע רעכטלאָזיקײַט און עקאָנאָמישע באָדנלאָזיקײַט, אַדאַנק די פֿאַרפֿאָלגונגען פֿון דער צאַרישער רעגירונג, זײַנען ייִדן געווען געצוווּנגען צו ווערן אַרבעטער, זײַנען מיר שוין אָבער געווען מיט אַ העכערן קולטורעלן מצב, מיט גרעסערע פֿאָדערונגען אין לעבן, ניט אַזוי שקלאַפֿעריש געהאָרכזאַם ווי די אַרומיקע פּויערים, און האָבן זיך לײַכט אָפּגערופֿן אויף די באַפֿרײַונגס־באַוועגונגען, ווי אויך צום סאָציאַליזם.

די טיפֿן וואָס איך האָב געבראַכט בעפֿאָר, אויך די בילדער פֿון צווייטן טייל קאָנען דינען אַלס באַווײַז צו דעם.

1

הונגער און קאַמף

די פרעסט זײַנען שטאַרק, און אין די וועבערשע הײַזער איז קאַלט, ענג און שמוציק, די פרויען מיט די קינדערלעך טוליען זיך אַרום די אייוועלעך וועלכע וואַרעמען ווינציק. די פענצטער, אין די ראַד־שטיבלעך, זײַנען באַדעקט מיט אַ דיקן שיכט אײַז און שניי, אַזוי אַז די שײַן פון דער זון דורך די קורצע ווינטער־טעג דרינגט שוואַך אַרײַן. אין די הײַזער איז „כמורנע״, אַלע גייען אָנגעטאָן אין טראַנטעס, און מען הויכט זיך אין די הענט.

בײַ אײַזיק גראַמזע אין „לאַהן־בודע״ האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן עטלעכע וועבער אַרום אַ „שטול״ אַוועקגעלייגט די אַרבעט פאַר אַ ווײַלע — „אַזאַ שלעכטן ווינטער האָבן מיר שוין לאַנג ניט געהאַט״ — האָט אָנגעהויבן איינער אַן עלטערער יידל מיט אַ גרויע בערדל — „פינף קאָפּיקעס אַ „שטרײַם״ (אַ מאָטיק) דאָס איז דאָך ניט געהערט געוואָרן! — האָט ער אויסגעשריען — „נאַר גיי, טו, מאַך!... פאַראַנען וועבער וואָס גייען שוין אַרום צוועלף וואָכן ליידיק, עפּעס אַ קלייניקײַט, וואָס דאָס איז!״ נאָך איינער האָט דערציילט אַ סברה, אַז אַ וועבער אַן עלטערער מענטש איז געגאַנגען דורכן מאַרק און האָט אַראָפּגעכאַפּט אַ לעבל ברויט אויף אַ טישל, די קרעמערקע האָט זיך געמאַכט ניט זעענדיק און זי איז אים נאָכגעגאַנגען ביז זײַן שטוב, און איז אַרײַן גלײַך נאָך אים, און דאָ האָט זי דערזען ווי אַלע קינדערלעך זײַנען באַפאַלן מיט אַ שמחה דעם לעבל ברויט, און וואָס פאַר אַ חושך אין שטוב איז געווען! פאַרשפּאָר איך אײַך צו דערציילן. די קרעמערקע איז גלײַך אַרויס אויפן מאַרק האָט צוזאַמענגעקליבן אַ פּאָר גילדן און האָט אַוועקגעטראָגן. אַלע זײַנען געבליבן פאַרשטיינערט אויף אַ קורצער ווײַלע, און מען איז געשטאַנען שטיל מיט אויסגעצויגענע בלאַסע געזיכטער. „וואָס

איז דער חידוש!" — האָט אָנגעהויבן איינער אַ יונגער וועבער — אַז מען לערנט אַזוי פיל „אוטשעניקעס" יעדער יאָר, נו, האָבן וועבער צרות מען דאַרף קיין אוצעניקעס ניט צולאָזן, דאַן וואָלט געווען גוט. איינער אַ יונגער דײַטש מיט אַ בעלם אויף איין אויג איז אַרויס פון זײַן וועב־שטול און איז צוגעגאַנגען צו דער קאָמ־פּאַניע, און האָט אַ זאָג געטאָן, האַלב אין יידיש און האַלב אין דײַטש, „איך זאָג אַז דער גאַנצער אומגליק איז, וואָס עס איז דאָ צופיל מענטשן אויף דער וועלט, אָט אַז עס וואָלט אָנגעקומען אַ כאָליעריע, אָדער אַ „מאַלכאָמע" דאַן וואָלט זײַן גוט, אַ טייל וואָלטן אויסגעשטאָרבן אָדער געהרגעט געוואָרן און די וואָס וואָלטן געבליבן, וואָלטן געקאָנט לעבן" — „איר געדענקט" — האָט אונטערגעכאַפּט דער יידל מיט דער שפּיציקער בערדל — אין דער צײַט פון דעם טערקישן קריג, דעמאָלט פלעגן וועבער פאַרדינען 12 — 14 רובל אַ וואָך, נאָר יעצט איז שלעכט... שלעכט...

עס איז שוין נאָענט צו פּסח, מען באַקט מצה אין אַלע פּאָדריאַדן, די זון וואַרעמט שוין ביסלעכווײַז, אין די גאַסן איז נאַס, בלאָטיק, לעבן די הײַזער שטייען אַרויסגעשטעלט טישלעך, בענקלעך, מען וואַשט, מען שײַערט, אַלץ איז געוואָרן פרײַער, לעבעדיקער, אינדיקעס גייען אַרום מיט שטאָלץ, אָנגעבלאָזן, איבער די גאַסן, יינגלעך קונדסים פײַפן, און זיי כאָלדערן... אַזוי ווי זיי וואָלטן אָנזאָגן, דאָס בײַ אונדזערע באַלעבאַטים איז שוין אַלץ דאָ אויף פּסח, אַפילו מיר פעלן אים שוין אויך ניט.

יאַנקל דער וועבער איז שוין צוועלף יאָר ווי ער אַרבעט אין אַ „ראַיעלע" פאַבריק, טרעט מיט די פיס אָן אויפהער און פאַרדינט קוים אויף לעבנס מיטל, פון ווינטער איז ער נאָך געבליבן אַ בעל־חוב אין עטלעכע רובל, עס איז שוין די לעצטע וואָך פאַר פּסח און אויף קיין מצה איז נאָך ניטאָ, נעמען געלט פון מעות חטים ווילט זיך אים ניט, ווען מען וואָלט אים אַרײַנ־געשיקט אין שטוב, וואָלט ער זיך ניט אָנטזאָגט, נאָר גיין בעטן בײַ די בעליטובות און שוואַרצן דעם פּנים, דאָס דערלאָזט אים ניט זײַן שטאָלצער כאַראַקטער, דאַרטן דאַרף מען אָפּשטיין שטונדן לאַנג 2 — 3 טעג נאָכאַנאַנד, און דערנאָך באַקומט ער קוים

וואַסער אויף קאַשע... „איך האָב קיינמאָל ניט געבעטן! און איך וועל יעצט אויך ניט גיין!" האָט ער אַרויסגעזאָגט שטײַף, ווען זיין פרוי האָט אים אַמאָל געגעבן אַן אָנצוהערעניש וועגן דעם, האַלב־ דערשראָקן מיט האַלבע ווערטער „גיי דו, אויב דו ווילסט, איך קען ניט! איך קען ניט! גיין, מען דאַרף ניט! האָט ער אַ זאָג געטאָן אין אַ ווײַלע אַרום... איך וועל קריגן בײַם פאַבריקאַנט אַ פינף רובל אין פאָראויס, אַט וועלן מיר האָבן אויף מצה און מיט די איבעריקע וועט שוין רעכט ווערן מיט גאָטס הילף.

צען בײַנאַכט איז יאַנקל געקומען פון דער אַרבעט, געבראַכט אַ פינף רובלדיקן און האָט מיט גדלות אָוועקגעלייגט אויפן טיש, נעם צו, באַהאַלט!... האָט ער אַ זאָג געטאָן צו דער ווײַב, וועל־כע האָט געהאַלטן אין באָדן אַ קימפעט־קינד. אַט, מיר וועלן שוין האָבן אויף מצה מיט לײַטן גלײַך, און איז זיך געגאַנגען וואשן צום עסן — „גלײַך" — האָט די פרוי געענטפערט, איך וועל נאָר ענדיקן אויסבאָדן דאָס עופהלע. אַן עלטערער יינגל פון אַ יאָר פיר — פינף האָט זיך געשפּילט אַרום אַייוועלע ווו עס האָט זיך געקאָכט די וועטשערע, און וואָס האָט באַלויכטן די האַלב־פינצטערע שטוב, דער קליינער בלעכענער לעמפּל מיט די האַלב־צעבראָכענע און פאַררויכערטע גלאָז וואָס איז געהאַנגען אויפן וואַנט האָט ניט גענוג באַלויכטן די שטוב; ער איז אַרומ־געלאָפן באָרוועס און אין איין העמדל און האָט גענומען דעם פינף רובלדיקן פון טיש, האָט זיך מיט אים געשפּילט, געקערט אויף אַלע זײַטן, ביז ער איז אַרײַנגעפלויגן אין אויוועלע. דער פאָטער האָט אָפּגעזאָגט שעו ידיכם, גענומען שנײַדן די „המוצא" און האָט דערזען דאָס דער פינף־רובלדיקער ברענט, האָט ער פאַר שרעק אַ וואָרף געטאָן פון האַנט דעם מעסער און גע־טראָפן דעם קינד אין זײַט. די מוטער, וועלכע האָט אין גאַנצן ניט געוזען וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, האָט נאָר דערזען פלוצלונג ווי איר עלטערער קינד איז אַנידערגעפאַלן אַ פאַרבלוטיקטער מיט קולות, איז זי אים צוגעלאָפן ראַטעווען און האָט דערוייל פון שרעק אַרויסגעלאָזן דאָס עופהלע אין מולטער וואַסער.

די זון ברענט אַ גאַנצן טאָג אומדערטרעגלעך, די מויערן, די ברוק־שטיינער זײַנען אָנגעברענט ווי אין אַ קאַלך־אויוון, אַלע

גייען מיד, לאַנגזאַם אין די גאַסן, יעדער זוכט זיך צו באַהאַלטן אין שאָטן, כאַפּן אַ ווינטעלע, נאָר ביי די וועבער קאָכט די אַרבעט גאָר אָן אַן אויפהער, שוין די פינפטע וואָך ווי פיר טויזנט וועבער שטרייקן, און מען דאַרף דערמוטיקן די שטרייקער מיט רייד, מיט ראַט און מיט געלט... די ערשטע שטרייקס נאָך פּסח ווען מען האָט אַרויפגעהויבן די זעקסטע קאָפּיקע אויף אַ שטריים איז אָנגעקומען ניט אַזוי שווער, נאָר יעצט, ווען מען האָט געפאָדערט העכערן אַ זיבעטע קאָפּיקע, האָבן זיך אָפּגעשטעלט אַלע לאַנקעטניקעס, זיי האָבן זיך אָרגאַניזירט ניט נאָכצוגעבן אויף קיין פאַל, און מען איז געווען געצווונגען אַרויסצורופן אַן אַלגעמיינעם שטרייק. פּאָליציי האָט זיך פון דער הויט געקערט אויסצוראַמען די בונטאָווטשיקעס און אַרעסטירט און אַרויסגעשיקט פיל. „נאַ ראָדינו" אין די געבורטסשטעטלעך, אָבער דאָס האָט ניט אונטערגעבראָכן דעם מוט פון די אַרבעטער. די שטרייקער זיינען געוואָרן מער איינגעעקשנט, און גענומען פאַרשטיין מער די גערעכטיקייט פון זייערע פאָדערונגען; צו יעדער צייט האָט מען געפונען מיטלען ווי פונאַנדערצעטיילן די שטרייק־געלט יעדער וואָך, כאָטש די פּאָליציי האָט געזוכט מיט אַלע מיטלען צו כאַפּן די טיילער און קאָנפיסקירן די געלט. די שטרייק־קאָמיטע איז פאַר דער צייט געוואָרן אַזוי פּאָפּולער ביי די אַרבעטער, אַז ווען עס פלעגט אויספעלן געלט פלעגן די אַרבעטער צוזאַמענטראָגן זייערע פינגערלעך, זייגערלעך און וואָס נאָר זיי האָבן געהאַט עפּעס פון אַ ווערטפולע זאַך, און דאָס איבערגעגעבן דעם קאָמיטעט. די חפצים פלעגט מען פאַרזעצן, פאַרמשכנען און דערנאָך צעטיילן צו צוויי רובל, צו אַ רובל מיט פופציק קאָפּיקעס און אַפילו צו פופציק קאָפּיקעס; ווי נאָר מען פלעגט באַקומען געלט פון ערגעץ, פלעגן מיר גלייך אַרויסנעמען די משכנות און צוריקקערן צו די אייגנטימער, נאָר ניט אַלע מאָל איז געווען גענוג געלט, אויסצוטיילן אַפילו קליינע סומעס, אייניקע קריסטן פלעגן זונטאָג באַקומען זייער רובל מיט 50 קאָפּיקעס און אַוועקגיין אויף אַ גאַנצער וואָך כאַפּן פיש, קלייבן שוועמלעך אין וואַלד, כדי צו פאַרקלענערן די צאָל שטרייקער אין שטאָט.

דריי יונגע בחורים, וועבערשע אַגיטאַטאָרן זיינען אַרומגעגאַנגען איבערן שול־הויף (דאָרט איז געווען די אַרבעטער־ביר־

זשע) עסן האָט זיך זיי געוואָלט, און קיין געלט איז ניטאָ „קומט, איך בין געפאַלן אויף אַ פּלאַן", האָט זיך אָפּגערופן דער על־טערער פון זיי, זיי זײַנען צוגעגאַנגען צו אײדל אַ חסיד וואָס איז געשטאַנען מיט אַ לאַנגער קאַפּאָטע, מיט אַ לאַנגן טלית־קטן און געשריען: „צוויי בייגל פאַר אַ קאָפּיקע!" צוויי אַ קאָפּיקע בייגל!"... און האָט זיך אַלע ווײַלע געווישט דעם שווייס מיט די לאַנגע פּאָלעס פון זײַן קאַפּאָטע — וויפיל ווילט איר פאַרן קאָשעק בייגל? — האָט אים דער אַגיטאַטאָר אַ פרעג געטאָן, — דרײַסיק קאָפּיקעס, — האָט זיי דער ײדל געענטפערט, — דרײַסיק קאָפּיקעס... דאָס איז אין צײַט פון אַ שטרײַק אַ שווערע הלכה, ווייסט איר גאָר וואָס, פעטער? — האָט ער זיך אָנגערופן. — מיר גיבן אײַך אַוועק אונדזער חלק לעולם הבא פאַרן קאָשיק בייגל — דער ײדל האָט זיי פאַרוווּנדערט אָנגעקוקט, ער האָט זיי געגומען אָפּריידן פון דעם מסחר, דערווײַזן זיי אַז אַ ײד טאָר דאָס ניט טאָן, נאָר ווען זיי זײַנען צו אים צוגעשטאַנען שטאַרקער, און ער האָט אײַנגעזען דאָס זײַנע רייד ווירקן אויף זיי ווייניק, האָט ער זיך אויסגערעכנט, סײַ־ווי־סײַ פאַרפאַלענע מענטשן „סטאָטשקעניקעס", אַפּיקורסים, וואָס גלויבן ניט אין גאָט און אין קיסר, האָט ער געמאַכט מיט זיי דעם מסחר, זיי האָבן צוגענומען דעם קאָשיק בייגל, אָפּגעטראָגן עטלעכע טריט, — „אַ רחמנות אויף אַ ײדל אַן אָרעמאַן — האָט זיך איינער אָפּ־גערופן, — מיר האָבן זײַן גאַנצן קאַפּיטאַל צוגענומען, לאָמיר אים אָפּגעבן צוריק" — זיי האָבן זיך אומגעקערט און אים אָפּ־געגעבן דעם קאָשיק בייגל און די עולם הבא אויך געשאָנקען, דער ײדל האָט זיך קוים אײַנגעבעטן בײַ זיי דאָס זיי זאָלן נעמען צו איינציקע בייגל כאָטש, ווײַל אַנדערש קאָן זיך דאָס ניט רע־כענען פאַר קיין קניה, זיי האָבן אים צוליב געטאָן, גענומען צו איינציקע בייגל און אַוועק לאַכנדיק.

אַן אַלטער דײַטש, אַ וועבער, איז אַרומגעגאַנגען איבערן מאַרק און האָט דערזען פרישע רעטעכלעך אויף אַ טישל, ער האָט גענומען איינעם אין האַנט, וואָס קאָסט ער?... האָט ער אַ פרעג געטאָן — דרײַ גראָשן, — האָט אים די קרעמערקע געענטפערט, ער האָט גענומען זוכן אין די קעשענעס, געגראַבלט און קוים וואָס ער האָט געפונען איין קאָפּיקע, ער האָט דעם

רעטעך געקערט אויף אַלע זײַטן, געקוקט, פילליַיכט קענט איר מיר געבן אַ שטיקל, אַ האַלבן ? איך האָב נאָר איין קאָפּיקע, האָט דער דײַטש ווײַטער געפרעגט. די קרעמערקע האָט דערזען אַז זי האָט דאָ צו טאָן מיט אַ הונגעריקן שטרײַקער, האָט זי אים געשאָנקען דעם רעטעך, ער האָט אים גלײַך געגומען גריזשען ניט אַרומגעוואַשענערהייט זיצנדיק אויפן ברעג פון אַ קאַסטן, די קרעמערקע האָט אים אַרויסגעטראָגן אַ שטיקל ברויט, און ער האָט דאָס אויפגעגעסן מיטן רעטעך, ער האָט באַדאַנקט דער פרוי, — נו, יעצט, קען איך שטרײַקן נאָך דרײַ טעג, — האָט ער זיך אָפּגערופן שטאָלץ צו דער קרעמערקע, און איז אַוועק אַ צופרידענער.

2

נסים

(געווידמעט דעם 25טן יובילײ פון „בונד", געווען געדרוקט אין „פאָרווערטס").

בײַ שלום דעם שנײַדער, וועלכער האָט געוווינט אין אַ נידעריקער הילצערנער שטיבל, אויף בלאָטנע גאַס, הינטן אויף אַ הויף, איז געשטאַנען הענעך דער אַגיטאַטאָר בײַם פענצטער און אַרויסגעקוקט אויף דעם רעגן, וועלכער האָט געקלאַפּט אויף די צעבראָכענע שויבן פון די קליינע און נידעריקע פענצטער, וואָס זײַנען געווען כמעט בײַ דער ערד. אַ טיפע בלאָטע איז געשטאַנען אויף דעם ניט ברוקירטן הויף. דער ווינט האָט אויפגעבלאָזן די קליינע לוזשקעס, און צוגעפּײַפט מיט אַ קוויטש, ווי דער געוויין פון אַ קינד.

הענעך האָט געקלערט צי זאָל ער אַרויסגיין אין גאַס, צי ניט. אין שטוב איז געווען נאַס און שמוציק. אין צווייטן צימער, וואָס איז געווען אָפּגעצאַמט מיט דינע ברעטלעך, האָט געקרעכצט אַן אַרבעטער, וועלכער איז געלעגן מיט צעבראָכענע פיס פון אַ שווערער משא, וואָס איז אויף אים געפאַלן אין טאַווערנעם וואָקזאַל (פּרײַט־סטיישאָן) ביי דער אַרבעט. אין אַזוינע וועטערן פלעגט ער שרײַען גאַנצע טעג. גיין איצט אין מיטן טאָג אין גאַס, אין דער צײַט, ווען דער סטרײַק אויף דער שוועבל־פאַבריק האָט אויפגערודערט די גאַנצע שטאָט, פּאָליצײ און שפּיאָנען כאַפּן איינפאַך מענטשן אויף די גאַסן, האָט ער ניט געוואָלט, און ווו גייט מען?... מאַניען האָט מען אַרעסטירט... בעסער בלײַבן אין הויז — האָט הענעך באַשלאָסן. —ער איז צוגעגאַנגען צום צעבראָכענעם טישל, וואָס איז געשטאַנען אַנגעשפּאַרט אָן וואַנט און האָט אַרויסגענומען פון טישקעסטל אַ פּאָר פאַרדאַרטע בייגל, וואָס שלום האָט איבערגעלאָזן פון נעכטן, און אַ ביכל, און האָט

זיך אויסגצויגן אויפן בעטל, וואָס איז געווען פאַרדעקט מיט אַ גראָבער קאָלדרע און מיט אַ פּאָר שמוציקע קישעלעך צוקאָפּנס. ער האָט געגריזשעט די בייגל און אַרײַנגעקוקט אין ביכל, וואָס איז אים אין קאָפּ ניט געקראָכן. זײַנע געדאַנקען זײַנען געווען אַנדערשוואו. ער האָט געקלערט וועגן דעם סטרײַק, וואָס ציט זיך שוין זעקס וואָכן. צוויי טויזנט רובל האָט שוין אָפּגעקאָסט און מען איז נאָך אַ בעל־חוב אויף צוויי הונדערט רובל. ווו וועט מען דאָס נעמען אָפּצוצאָלן? אויך איז מען שולדיק געווען אין גאָרקיך, ווו אַ טייל פון די סטרײַקער, די ניט־פאַמיליע לײַט, פלעגן עסן מיטאָגס פאַר צען קאָפּיקעס אַ מאָלצײַט אויפן קאָמיטעטס רעכענונג, אויסער דעם ווער נאָר פון די אַרבעטער עס האָט געהאַט אַ רינג, אַ זייגערל, איז דאָס געווען פאַרליען צום קאָמיטעט און פאַרמשכנט. און טאָמער אַרעסטירט מען מיך הײַנט, מאָרגן? וואָס וועט ווערן מיט די חובות, וואָס עס קומט די אַלע אַרבעטער? אַזוינע בלוטיקע אָרעמע געלטער?... עס קומט אויס צו ליגן פאַרוואָרפן אין די פּראָווינציעלע שטעט — טראַכט ווײַטער הענעך — עס גייען אַוועק וואָכן, וואָס מען הערט פון קיינעם ניט, ביז עס פאָרט דורך אַ „באַקאַנטער“. וואָלט כאָטש שמעון געקומען. ער איז שוין צוויי טאָג אין שטאָט און ער ווײַזט זיך ניט.

שמעון (וואָלף אַלעקסאַנדראָווסקי, אַבראַם) איז געווען אַ בערשטער־אַרבעטער און האָט זיך דערדינט דורך זײַנע פעיִקײַטן צו ווערן דער פאָרשטייער פון צענטראַל קאָמיטעט פון בערשטער־בונד. ער פלעגט זיך אָפט געפינען אַרום די גרענעץ־שטעטלעך, ווו ער איז געקומען אין אַ שטאָט, האָט מען שוין געוווסט, דאָס פון אים וועט מען זיך דערוויסן נײַעס. ער איז שוין געווען אין בערלין, און האָט זיך אויך באַשעפטיקט מיט טראַנספּאָרטירן ליטעראַטור, אויך אַריבערשמוגלען אונדזערע לײַט דעם גרענעץ. שמעון, ווי אַ שטילער פאַרזיכטיקער מענטש און אַ גוטער קאָנספּיראַטאָר, האָט שוין געהאַט אַ סך דערפאַרונג אין רעוואָלוציאָנערן לעבן. ער פלעגט אימער זאָגן, דאָס ווען ער גייט אין גאַס און קיין שפּיאָן גייט אים ניט נאָך, פילט ער ווי עפּעס וואָלט אים פעלן. ער האָט אָבער שטענדיק געפונען מיטלען ווי אַרויסצודרייען זיך פון זיי.

ווער ווייס וואָס עס האָט פּאַסירט מיט אים — האָט הע־נעך געטראַכט ליגנדיק אויפן בעטל. — דעם גאַנצן וועג פון קאָוונע ביז ווילנע זײַנען צוויי שפּיאָנען אים נאָכגעפאָרן. אין ווילנע האָט זיך אים אײַנגעגעבן אַרויסצודרייען זיך פון זיי, און ער איז געקומען אַהער מיטן שנעלצוג. מסתמא וועלן די שפּי־אָנען אויך דאָ זײַן מאָרגן. ווער ווייס וואָס עס וועט ווערן מיט דעם טראַנספּאָרט ליטעראַטור ?...

מיטאַמאָל האָט הענעך דערהערט אַ געשפּרעך פון צוויי ווײַ־בער אין צווייטן צימער: „אַ שפּאַס וואָס דאָס איז! — האָט איינע געזאָגט — מען האָט אַלץ געמיינט, אַז דאָס האָבן זיך סתם די אַרבעטער צעבונטעוועט; יעצט ווײַזט זיך אַרויס, דאָס זיי האָבן גאָר גאַנצע אַנפירער, קעפּ!". שבת זײַנען צעקלעפּט געוואָרן צעטלעך אין אַלע קלויזן און זיי האָבן דאָרט אָנגערעדט אויף זאַקסן, וואָס איר ווילט נאָר אַליין; און אין דעם אמת געזאָגט — האָט זי אָנגעהויבן מיט אַ טאָן נידעריקער — אין אַ סך זאַכן זײַנען זיי דאָך גערעכט אויך; דאַרטן אַרבעטן מיידלעך פּאַר זעכציק קאָפּיקעס אַ וואָך, בײַ אַזאַ שעדלעכער אַרבעט, הײַנט שיקט מען זיי צו טויזנטער!... — האָט זי אָנגעהויבן צוריק מיט אַ העכערן טאָן. — אָט האָט מען אַרעסטירט איינע אויפן גאַס, איז זי גאָר געגאַנגען אָפּבייטן אַ גאַנצן הונדערטער אין מאָנאָפּאָל, הײַנט אַ ריידן רוסיש האָט זי גערעדט. אַז איך זאָג אײַך דאָס זיי זײַנען אַלע פּאַר איר פּאַרציטערט געוואָרן. אַ צײַט האָט זי זיך מיט זיי אַרומגעפירט אין גאַס, און האָט ניט געזאָגט ווו זי וווינט, און די יונגוואַרג האָבן זיך אַרומגעדרייט אַרום איר הויז, און צום סוף, אַז זי האָט זיי שוין אַרײַנגעפירט צו זיך אין הויז, האָט מען גאָרנישט געפונען. עס איז שוין געווען אַלץ אויסגעליידיקט. מען זאָגט אַ סברה, אַז זי איז גאָר פון רײַכע עלטערן, ערגעץ ווו פון טיף ראָסייע, אַזש פון קרימענצוג, און אַז זי איז אויסגעגאַנגען גאַנצע פינף קלאַסן גימנאַזיע" — וועלכע איז דאָס? — האָט געפרעגט די צווייטע יידענע, — אָט די וואָס האָט געוווינט בײַם מלמד אין קאַמער? ווער וואָלט זיך דאָס געקאָנט אויף איר ריכטן? דאַכט זיך אַזאַ שטילע קינד. הײַנט גיי ווייס וועמען מען לאָזט אַרײַן אין דירה הײַנטיקע צײַטן. אָט איז בײַ מײַן שוועסטער אַרײַן אַ מיידל, מיט איניקע

וואַכן צוריק פרעגן אויף אַרבעט; פרעגט זי איר, צי זי איז ניט פון קרוזשאַק? זי איז דאָך שוין אַן אַנגעלערנטע פון זיי; מאַכט זי אַ קאַלטע מינע און ענטפערט איר: גאַר, איך בין פון בריסק. גוט, טראַכט זיך מײַן שוועסטער, אַ ניט היגע, און נעמט איר צו צו דער אַרבעט. אין פינף וואָכן שפּעטער, אין סאַמע ערב יום טוב, מאַכט זי בײַ איר אַ סטאַצקע, און זי איז גאָר די גאַנצע מאַכערקע בײַ זיי. הײַנט גיי ווייס! מען זאָגט, אַז עס איז אַנגעפאָרן אַ גאַנצע באַנדע זייערע און עס טוט זיך מעשים.

— נישקשה! זיי וועלן זיך אויסריכטן אַ שוואַרצן סוף — האָט זיך אָפּגערופן דער קראַנקער מיט די קאַליקע פיס, מיט כעס. — אָט האָט מען איינע געכאַפּט, וועט זי שוין האָבן פאַר איר כשרן גראָשן.

— יע, יע. וואָס מען זוכט, דאָס קריגט מען! — האָבן צוגעשטימט די ווײַבער.

הענעך האָט אַ ווײַלע איינגעדרימלט. מיטאַמאָל דערהערט ער אַ לײַכטן קלאַפּן אין טיר, און נאָך איידער ער איז אַראָפּ פון בעטל, איז אַרײַנגעקומען שמעון. אַ בלאַסער, מיט אַ צעשראָ־קענער מינע, האָט ער פאַרזיכטיק אַרומגעקוקט דעם צימער. עס איז קאַנטיק געווען, דאָס ער וויל זיך איבערצײַגן, צי קיין פרעמ־דע מענטשן זײַנען ניטאָ. — „קיינער ניטאָ". — האָט הענעך אַ זאָג געטאָן. — וואָס איז? וואָס האָט פּאַסירט?...

— איך מוז האָבן אַ קאַמער אויף אַ טאָג צוויי אומבאַדינגט, און וואָס צום שנעלסטן. איך האָב געדונגען אַ קאַמער בײַ איין יידענע, און איך בין אַוועק צום וואָקזאַל. ווען איך בין געקומען צוריק מיטן איזוואָשטשיק מיט אַ גרויסן קאָרב און אַ גרויסן הילצערנעם קאַסטן, און זי האָט דערזען מײַן באַגאַזש, האָט זי גענומען מאַכן קולות, דאָס איך זאָל גלײַך נעמען דעם וועג, ווען ניט, וואַרפט זי דאָס אַרויס אויפן גאַס, אָדער זי וועט רופן פּאָליציי...

הענעך האָט זיך אָנגעהויבן צו קראַצן אין קאָפּ: אין מיטן טאָג, אַלע אַרבעטן, צו וועמען וועגדט מען זיך?... נו, לאָמיר גיין!.. האָט ער געזאָגט נאָך אַ קורצן נאָכטראַכטן און זיי זײַנען אַרויס אין גאַס.

זיי זײַנען אַוועק צום ברעג שטאָט צו מענדל דעם שנײַ־דערס וווינונג. מענדל, אַן עלטערער בחור, וואָס האָט געוווינט בײַ איין אָרעמער אלמנה. זי איז געזעסן בײַם אויוון און גע־דרעמלט. איר טאָכטער, אַ קאַליקע אויף די פיס, איז געזעסן בײַם פענצטער און געאַרבעט אויף אַ זאָקן־מאַשין. —

— עס איז גוט! עס איז אויסגעצייכנט! — האָט שמעון אויסגעשריען פאַר פרייד און ער האָט שוין גענומען לויפן צום טיר.

— וואַרט אַ ווײַלע! — האָט אים הענעך געוואָלט אָפּ־האַלטן. — מען מוז דאָך אַמווייניגסטן בײַ אים פרעגן. איך וועל דערגיין ווו ער אַרבעט און אָנפרעגן בײַ מענדלען.

— איך קאָן ניט וואַרטן. — האָט שמעון געענטפערט קורץ און איז אַרויסגעלאָפן.

הענעך איז געבליבן זיצן און געוואַרט. אין האַלבע שעה שפּעטער האָט ער דערזען דורכן פענצטער, ווי שמעון פאָרט אויף אַן איזוואָשטשיק מיט אַ גרויסן הילצערנעם קאַסטן פון סחורה, מיט אַ גרויסן קאָרב. עס איז אים פינצטער געוואָרן אין די אויגן. ווי שלעפּט מען דאָס אַריין, אַז קיין זײַטיקע זאָלן דאָס ניט באַמערקן? הענעך איז אַרויסגעלאָפן אַנטקעגן און געהאָלפן אַרײַנשלעפּן די משא פון טויער. באַצאָלט דעם איזוואָשטשיק און משלח געווען. מען האָט דעם קאַסטן אַרײַנגעשלעפּט אין קאַמער, פאַרמאַכט די טיר, אַראָפּגעצויגן די פאָרהאַנגען פון פענצטער און גענומען זיך גלײַך צום אויספּאַקן.

סאָניע די אַקושערקע, וועלכע האָט זיך שוין פון אייניקע טעג געקליבן צו פאָרן און האָט אַלץ אָפּגעלייגט, איז אַרומגע־גאַנגען אויפן טראָטואַר און געזוכט, אַרײַנגעקוקט אין די פענצטער; זי האָט אַרײַנגעקוקט אין אונדזער פענצטער מיט אַ שמייכל און צופרידנהייט. הענעך האָט איר גלײַך אַרײַנגעלאָזן.

— איך בין נאָכגעגאַנגען דעם איזוואָשטשיק און איך האָב אים פאַרלאָרן פון אויג, — האָט זי געזאָגט אין דער שטיל. — עס איז גוט, וואָס איך האָב אײַך באַמערקט דורכן פענצטער.

שמעון האָט אַרויסגענומען פון קאַסטן אַ פּעקל זייער אַ שווערן לויט זײַן גרויס און האָט איר דערלאַנגט. דאָ מוז זײַן שריפט, האָט זיך הענעך געטראַכט בײַ זיך. זי האָט צופרידן

אַ כאַפּ געטאָן דעם פּעקל, האָט זיך מיט אונדז געזעגנט און איז דעם זעלבן טאָג אָפּגעפאָרן.

מיר האָבן די ליטעראַטור אײַנגעפּאַקט אין צווײ טשעמאָ־דאַנעס און אין קאָלדרע, וועלכע מען האָט אַרומגעבונדן מיט שטריק, און אַ ביסל איז נאָך געבליבן.

— דאָס וועט איר מאָרגן אָפּשיקן קיין פּעטערבורג, — האָט זיך שמעון געווענדט צו הענעכן. — דאָס וועט איר אַרײַנלייגן אין אַ קלײנעם האַנט־קערבל.

דעם קאַסטן האָט מען אָפּגעגעבן דער אלמנה צום פאַרברע־נען, און ווען מען איז מיט אַלעס פאַרטיק געוואָרן, איז שוין געווען פינצטער. שמעון האָט קיין פײַער ניט געלאָזן אָנצינדן. מענדל דער שנײַדער איז געקומען פון דער אַרבעט, האָט אָנגע־צונדן דעם לעמפּל מיט אַ צעשפּאָלטענער גלאָז; הע־נעך האָט אים געבעטן אַנטשולדיקונג, און האָט אים אין קורצן איבערגעגעבן וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. עס איז קיין אַנדער ברירה ניט געווען!

— עס מאַכט ניט אויס, אדרבא, איך בין זייער צופרידן. — האָט מענדל געענטפערט.

עס זײַנען געקומען אַ פּאָר בחורים און מיידלעך, וואָס זײַ־נען ניט לאַנג באַפרײַט געוואָרן פון טורמע, ווו זיי זײַנען געזעסן איבער אַ יאָר. מיט דעם רעוואָלוציאָנערן לעבן זײַנען זיי ווייניק געווען באַקאַנט. אויף יעדן רעוואָלוציאָנערן טוער האָבן זיי געקוקט מיט דרך־ארץ און פאַרגעטערונג. אַראָן (דעווענישקי), אַ יונגער אינטעליגענט, וועלכער איז געקומען צו באַזעצן זיך אין שטאָט און האָט געקאַנט שמעונען פון פריער, איז אויך געקומען אים זען. מען האָט זיך גענומען פאַנאַנדערפרעגן וואָס עס הערט זיך, וועמען מען האָט אַרעסטירט? ווער האָט זיך באַפרײַט, וואָס עס קומט פאָר אין אַנדערע שטעט, און דאָרטן בײַ אייך אַרום גרענעץ.

שמעון האָט אָנגעהויבן שטיל, מיר האָבן אַלע געוווסט דאָס ער האָט ניט ליב צו ריידן פיל וועגן זיך, מיר האָבן זיך אויפ־מערקזאַם צוגעהערט. די פרײַלן, וועלכע האָט זיך ניט לאַנג באַפרײַט, האָט אים געקוקט אין די אויגן ווען ער האָט גערעדט, און געשלונגען יעדער וואָרט, פון די רעוואָלוציאָנערע פּאַסירונגען.

מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק פּאָר איך פון ווילנע קיין מינסק, אין וואָקזאַל האָב איך באַמערקט ווי צוויי שפּיאָנען גייען מיר נאָך, איך האָב זיך גענומען דרייען מיט זײַטיקע געסלעך, זיי לאָזן ניט אָפּ, בין איך אַרײַן אין אַ קלויז, דער עולם אין שול דאַוונט מעריב און מען שאָקלט זיך פרום, איך מיט זיי, איך זע די שפּיאָנען שטייען בײַם טיר. נאָך מעריב האָט זיך דער גאַנצער עולם אַ שאָט געטאָן פון שול מחדש זײַן די לבנה און צווישן עולם האָב איך זיך ווי עס איז דורכגעשטופּט און פאַרשוווּנדן.

אין באָברויסק — האָט שמעון ווײַטער דערציילט — איז ענדע זומער אַרײַנגעפאַרן אַ קורצזיכטיקער אינטעליגענט מיט ליי־טעראַטור, האָט ער באַמערקט אַז מען גייט אים נאָך. ער איז אַרײַן אין אַ זײַטיקער גאַס און גראָד האָט ער באַגעגנט משהקע דעם בויער, אַ יונג מיט אַ פּאָר אײַזערנע קולאַקעס, ער האָט אים אַ ווונק געטאָן ער זאָל גיין מיט אים. זיי זײַנען אַרויס היג־טערן שטאָט, איינער האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ ווײַלע אויף אַ שטיין צווישן ביימעלעך, משהקע פון דערווײַטנס אויף אַן אַנ־דער פלאַץ און דער שפּיאָן שפּאַצירט זיך לאַנגזאַם מיטן וועג און פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס, משהקע איז צוגעגאַנגען צו אים און גאַנץ העפלעך געבעטן אַ שוועבעלע, ווען ער האָט אַרײַנ־געשטעקט די האַנט אין בוזעם־קעשענע נאָך די שוועבעלעך האָט משהקע גענומען אים האָגלען מיט קלעפּ אַז דער שפּיאָן האָט גענומען לויפן ווי אַן אונטערגעשאָסענער.

— און ווו האַלט דאָס בײַ אײַך מיטן שטרײַק? — האָט שמעון געפרעגט, — נאָכן שטרײַק וועל איך באַשרײַבן אַלע איינצלהײַטן — האָט הענעך אים געענטפערט — פון פעטערבורג איז אַרײַנגעקומען איבער טויזנט רובל. רחל די „בער־ראַזאָווקע" (אַ וויטעבסקער מיידל) האָט דאָרט געקליבן געלט בײַ פּיאָטר סטרוּוועס לעקטשורס. איך האָב צוויי טעג געשריבן בריוו נאָך בערלין, שווייץ, לאָנדאָן און צום צע־קאַ פון בונד, אַ קאָרעספּאָנדענציע, ביז די האַנט איז מיר געשוואָלן געוואָרן, האָט ער געזאָגט מיט אַן אומעטיקן שמייכל, יעצט קומט אַרײַן ווינציק געלט און די נויט איז גרויס. נעכטן אָוונט האָט מען אונדז איבערגעגעבן דאָס אַן אַרבעטער, אַ פאַמיליע מאַן, האָט גע־

קראַגן זײַן שטיצע 35 קאָפּיקעס אויף שבת. האָט ער דערפון אָפּגעגעבן צען קאָפּיקעס אַ מיידל, וועלכע האָט געוואָלט גיין צוריק צו דער אַרבעט, מאַניען האָט מען אַרעסטירט. מען וועט איר געוויס אָפּשיקן אין קרעמענטשוג. דאָרט זוכט מען איר נאָך פון דעם ערשטן פּראָצעס.

— עס איז שוין באַלד צײַט צו פאָרן, האָט זיך שמעון אָפּגערופן, שוין גענוג צו דערציילן מעשיות. די געקומענע זײַנען אַוועק האַלב־אומצופרידן וואָס די צײַט איז אַזוי גיך אַריבערגעלאָפן.

צוועלף בײַנאַכט האָבן מיר זיך גענומען קלײַבן אין וועג. שמעון האָט איבערגעציילט וויפיל געלט ער האָט בײַ זיך, ער האָט אויסגערעכנט דעם טשעמאָדאַן מיטן קאָרב צו געבן אין באַגאַזש און דעם קליינעם טשעמאָדאַן מיט דער קאָלדרע נעמען מיט זיך אין וואַגאָן, און דאַן פעלט אים נאָך צום בילעט. הענעך האָט צוזאַמענגעקראַצט פון אַלע קעשענעס דרײַסיק קאָפּיקעס, דאָס זעלבע האָט געטאָן דער שנײַדער און אַראָן און מיר זײַנען אַלע דרײַ אָפּגעפאָרן צום וואָקזאַל, אָפּגעגעבן דעם באַגאַזש, און עס האָט נאָך אויסגעפעלט פינף קאָפּיקעס צום בילעט. וואָס טוט מען ?... מיר האָבן זיך אַרומגעדרייט אין וואָקזאַל, פיללײַכט וועלן מיר אָנטרעפן וועמען אַ באַקאַנטן... עס איז ניטאָ קיינער. עס האָט שוין דערלאַנגט דער ערשטער קלונג, אַראָן האָט געכאַפּט זײַן פּאַפּיראָסל און אָנגעהויבן אַרומטראַגן איבערן וואָקזאַל פון איינעם צום צווייטן: „ווער גיט פאַר אים פינף קאָפּיקעס ?"... קיינער האָט ניט געוואָלט קויפן, ביז איינער אַ פּאַסאַזשיר האָט זיך מרחם געווען און געשאָנקען פינף קאָפּיקעס ; אַראָן איז גלײַך צוגעגאַנגען צום קאַסע און געקויפט אַ בילעט. הענעך מיט שמעונען האָבן אַרײַנגעטראָגן אין וואַגאָן דעם טשעמאָדאַן, און אים קוים אַרויפגעהויבן אויף די אויבערשטע פּאָליצע, שלעפנדיק די קאָלדרע האָט זיך די שטריק אַ ביסל פונאַנדערגעלאָזן, זיי האָבן דאָס ווי עס איז אַרונטערגעשטופּט אונטערן באַנק. עס האָט דערלאַנגט אַ צווייטער קלונג. מען האָט זיך געגעבן די הענט און שטײַף געדריקט שטילערהייט. הענעך איז אַראָפּ פון וואַגאָן, עס האָט דערלאַנגט דער דריטער קלונג דער צוג האָט געגעבן אַ פּײַף און האָט זיך

געגומען רירן און איז פאַרשווונדן אין דער פינצטערניש.

הענעך מיט אַראָנען זײַנען אַרויס פון וואָקזאַל. דער זייגער איז שוין געווען צוויי בײַנאַכט. זיי האָבן אָנגעהויבן גיין צופוס אין שטאָט אַרײַן. אַ נאַסער שניי האָט געשמיסן אין געזיכט און פאַרקלעפּט די אויגן. ווי וועט ער דאָס דערפאַרן, אָן אַ קאָפּיקע געלט? האָבן זיי גערעדט צווישן זיך. ער האָט צו פאָרן ביז מאָרגן פיר אַ זייגער בײַטאָג (פון דווינסק ביז ביאַליסטאָק) מאַלע וואָס עס מאַכט זיך אונטערוועגנס.

דרײַ בײַנאַכט איז הענעך געקומען אַהיים, אַרײַנגעוואָרפן זיך אין בעטל נאָר שלאָפן האָט ער ניט געקענט. ער האָט אַלץ געטראַכט: ווי וועט שמעון דערפאָרן אַהין?!...

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום איז הענעך געפאָרן קיין ווילנע אויף אַ פּאָר טעג. דאָרטן האָט ער געטראָפן אַ ביאַליסטאָקער „באַקאַנטן", האָט ער אָנגעהויבן אויף אים צו שרײַען: סטײַטש ווי לאָזט מען דאָס אַרויס אַזוי אַ מענטשן מיט ליטעראַטור!?...

ווי פאַרלאָזט מען זיך דאָס אויף נסים? עס איז נאָך גוט געווען וואָס מיר האָבן יענעם טאָג ניט געאַרבעט, זײַנען מיר גראָדע אין דער היים געווען, ווען ניט בלײַבט ער אין גאַס, ער האָט דאָך אַפילו ניט געהאַט מיט וואָס דעם איזוואָשטשיק צו באַצאָלן די קאָלדרע איז לויז געוואָרן און מיר האָבן עס קוים אַרײַנגעטראָגן, און אַליין איז ער געווען אַ מעת לעת ניט געגעסן, אויף אַזוינע נסים פאַרלאָזט מען זיך ניט!...

יע, יע, מען פאַרלאָזט זיך ניט אויף נסים ווען מען קען זיך העלפן, האָט אים הענעך געענטפערט, אייך איז גוט צו רעדן ווען איר האָט אין שטאָט אינטעליגענטן, מיטפילנדע, און מען קען צו יעדער צײַט קריגן אַ רובל, אַן אַדרעס, אַ פאַרבינדונג. מיר דאַרפן זײַן די פּיאָנערן, אײַננעמען אַ נײַע שטאָט, מיט פינף יאָר צוריק איז אײַער שטאָט אויך געווען אין אַזאַ לאַגע און צײַטנווײַז קומט מען אָפּ מיט פינף קאָפּיקעס אַ טאָג — הײַנט פאַרלאָז זיך ניט אויף קיין נסים.

3

ווי אַזוי דער „בונד" האָט פאַרלאָרן אַ פילאָזאָף

וואָס איז אַ נאָמען ? זאָגט ערגעץ שעקספּיר. — אַ נאָמען גיט מען אונדז בײַם געבאָרן ווערן, בעת מיר זײַנען קליין, צי ער געפעלט אונדז דערנאָך, צי ניט; מען קען איינעם רופן רב שמחה, אָדער רב יום־טוב, און ער זאָל אָפּלעבן אַ וואָכעדיקן טרויעריקן לעבן. אַ צונאָמען אָבער כאַראַקטעריזירט זייער אָפט די פּערזאָן. אַז מען רופט איינעם נחום בעל־גוזמא, אַברעמעלע מזיק, אָדער יאָשקע שאַרלאַטאַן, שטימט עס דאָס רוב מיט דער ווירקלעכקײַט.

אויך מיר, די „באַקאַנטע", האָבן געהאַט פאַרשידענע צו־נעמען אין פאַרשיידענע שטעט. אין בריסק פלעגט מען אונדז רופן „די צער בעלי חיימניקעס, אין ביאַליסטאָק, ווו די מערהײַט אַר־בעטער זײַנען געווען וועבער, פלעגט מען אונדז רופן „די ווע־בערשע פּאַטריאָטן", אין ווילנע, ווו עס איז געווען דאָס וויגעלע פון „בונד", אין די צײַטן פון „קרוזשקי" (בילדונג־קרײַזן), פלעגט מען אונדז רופן „די פילאָזאָפן".

איך האָב אַמאָל בײַגעוווינט אין אַ הויז, אין ווילנע, ווו מען האָט אָפּגעלאַכט פון די „פילאָפאָסן", דאָס זיי עסן ברויט מיט הערינג אויפן גאָפּל און מען פאַרטראַכט זיך אין בוך וועגן „סלאָבאָדע" מיט „נאַטור". דאָס האָט געמיינט, דאָס זיי ווילן האָבן פרײַהײַט, סוואָבאָדע, און דאָס זיי גלויבן, אַז אַלץ איז מיט דער נאַטור, און דאָס זיי גלויבן ניט אין גאָט ר"ל. נעמט אָט די מיידל, יענטע די פּאַפּיראָסן־מאַכערקע, האָט זיך אַ פרוי אָפּגערופן, די אַלמנהס טאָכטער, וואָס אַרבעט בײַ עדעלשטיינען אויפן פאַבריק, איר געפעלט שוין אויך ניט ניקאָלײַקע. זי וויל אויך האָבן סלאָבאָדע, און אַז זי קומט אַהיים, לאָזט זי אַרויס די הינער פון קאָטוך און זאָגט : „נאָט, האָט אויך סלאָבאָדע. זי

איז שוין אויך אַ גאַנצע „פילאָסאָפּקע". מיט איינעם פון די פי־
לאָסאָפן וועל איך אײַך איצט פּרובירן באַקאַנען:

***

מענדל דער קוימענקערער איז געווען אַ ייִד אַביסל העכער פון מיטלוואוקס, פון אַ יאָר עטלעכע און דרײַסיק. אַ געפּאַקטער ייִדל מיט אַ פּאָר גוטמוטיקע שאַרע אויגן, מיט אַ מויל געזונטע ווײַסע ציינער, ווי די קלאַווישן פון אַ פּיאַנאָ, וואָס פלעגן אַרויס־שײַנען בעת ער פלעגט שמייכלען, פון זײַן שטענדיק פאַררוי־כערטן געזיכט און קליידער, וואָס איז געווען שוואַרץ פון דער סאַזשע און רויך. ער איז אַמאָל אַרײַנגעקומען אין שנײַדערשן קאָאָפּעראַטיוו, וואָס איז באַשטאַנען פון דרײַ בחורים שנײַדער, אויף וועלכע מען האָט גערעדט אין געסל, ווו זיי האָבן געוווינט, דאָס זיי זײַנען די גאַנצע „מאַכערס" בײַ די „פּאַראייניקטע" אַר־בעטער, און איז געבליבן שטיין האַלב פאַרשעמט און געבעטן מען זאָל אים אַרײַננעמען אין קרוזשאָק. — וואָס פּאַר אַ קרו־זשאָק? ווער האָט אײַך געשיקט אַהער?... האָט מען אים גענו־מען אויספרעגן. נאָך לאַנגער חקירה ודרישה איז מען דערגאַנ־גען ווער עס האָט אים געשיקט אַהער, און ער האָט פאַרלאַנגט מען זאָל אים העלפן אָרגאַניזירן זײַן פאַך און אים אַרײַננעמען אין קרוזשאָק. מיר, דעם שרײַבער פון אָט די דערינערונגען, האָט מען איבערגעגעבן דאָס איך זאָל זײַן דער אַגיטאַטאָר פון זײַן גרופּע.

שבת בײַטאָג האָב איך זיך מיט אים געטראָפן אויף זאַוואַל־נע גאַס, די אַרבעטער בירזשע, אַ ריינעם אַן אויסגעפּוצטן. מיר זײַנען אַוועק אויף פּאָגולאַנקע. די ערשטע זאַך האָב איך געמוזט אַרײַנגיין מיט אים אין אַ שענק מאַכן אַ שנאַפּס. קיין גרויסער ליבהאָבער פון שנאַפּס בין איך ניט. אַז איך נעם ווען אַ קליין גלעזל, איז גענוג פּאַר מיר. אויף אַ שמחה, אין קאָמפּאַניע, אַז איך טרינק אַמאָל אַביסל מער, פאַרדרייט זיך מיר דער קאָפּ און איך דערפיל דאָס גלײַך אין די קני. און דאָ האָט ער מיר אָנגעגאָסן אַ האַלבע טיי־גלאָז און זאָגט צו מיר: „לחיים!". נאָר וואָס טוט מען ניט צוליב אַגיטאַציע?... צוליב דעם פּראָ־לעטאַריאַט און בפרט צוליב אַזאַ פאַרשוואַרצטן אַרבעטער ווי אַ קוימענקערער? איך האָב אויסגעטרונקען אַ העלפט און דאָס איז אויך געווען צופיל פּאַר מיר. מיר האָבן זיך פונאַנדערגע־

רעדט. די בראַנפּן האָט גענומען ווירקן און מענדל איז אַרויס־געקומען מיט פראַגעס. שבת אין שול האָט מען געלייענט אין דער הפטורה ווי דוד המלך האָט אָנגעזאָגט זײַן זון שלמהן ווי ער זאָל זיך אויפפירן אין גאָטס נאָמען. צי האָט דוד המלך גערעדט מיט גאָט ?... אויך האָט ער דערציילט, אַז דאָרטן, אין גלעזער גאַס, בײַ זײַנער אַ קרובה, וווינט אַ מיידל אין אַ קאַמער, אַלע שבת קומען צו איר עטלעכע מיידלעך און בחורים, און עס קומט אויך איינע אַ פריילין, אַ געבילדעטע, מען פאַרמאַכט זיך אין קאַמער און זי לעזט פאַר זיי פאַר. האָב איך געהערט דורך דער פאַדפערענע ווי זי האָט געזאָגט, אַז עס איז אַ סברה, אַז מענטשן שטאַמען אַרויס פון אַבעזיאַנעס. ווי איז דאָס מעגלעך ? און נאָך אַזעלכע פראַגן האָט ער בײַ מיר געפרעגט.

— האָט איר עפּעס וואָס געלייענט ? — האָב איך אים גע־פרעגט.

— ניין, — האָט ער געענטפערט — דאָ ניט לאַנג האָט מיר איין אַרבעטער געגעבן עפּעס אַ ביכל לייענען: „אַ וועלט מיט וועלטעלעך", וועלכן איך האָב דורכגעלעזן דעם ערשטן מאָל אין מײַן לעבן.

איך האָב געהאַט פאַר זיך אַ שווערע אויפגאַבע. איך האָב ניט געוווסט ווי אָנצוהויבן און וואָס אים צו ענטפערן. אַ ייִד פון עטלעכע און דרײַסיק יאָר, אַ פאַמיליע־מאַן פון אַ פרוי מיט צוויי קינדער, פאַרנומען מיט דאגות פרנסה, האָט קיינמאָל גאָר־נישט געלייענט אויסער „אַ וועלט מיט וועלטעלעך", און ווער ווייס ווי ער האָט דאָס פאַרשטאַנען, אַ מענטש, וואָס ווייס ניט די ערשטע געזעצן פון נאַטור־וויסנשאַפט, און דאָ קומט ער אַרויס מיט אַזוינע פילאָזאָפישע פראַגן, ווי וועגן גאָט, וועגן דאַרוויניזם. ווי דערקלערט מען דאָס אים ? וואָס ענטפערט מען אים ? און ענטפערן מוז איך דאָך. איך האָב אים אָנגעהויבן צו דער־קלערן די ערשטע געזעצן פון נאַטור־וויסנשאַפט, ווי אינערציע א. א. וו. ווען עס איז געקומען צו גראַוויטאַציאָנס־קראַפט, אַז איך האָב אים דערקלערט וועגן דער צוציאונגס־קראַפט פון דער ערד, און פאַרוואָס אַלץ פאַלט צו דער ערד, ווײַל די ערד איז דער גרעסטער געגענשטאַנד, פאָלגלעך האָט דאָס די גרעסטע צוציאונגס־קראַפט, דערזע איך: מענדל שמייכלט. מיין איך,

אַז בײַ אים קומט דאָס אויס לעכערלעך, ווײַל איך האָב זיך דערמאָנט, ווי קאָמיש מיר איז דאָס אויסגעקומען, ווען איך האָב געלעזן צום ערשטן מאָל, ווען איך בין געווען אַ יינגל פון צען יאָר, און אַ לשון קודש ביכל ווי סער אײַזיק ניוטאָן איז געזעסן אונטער אַן עפּלבוים און אַן עפּל איז אים געפאַלן אין קאָפּ, האָט ער זיך פאַרטראַכט פאַרוואָס פאַלט דער עפּל צו דער ערד, ווען ער רײַסט זיך אָפּ פון בוים? — ווו דען זאָל ער פאַלן? האָב איך זיך געטראַכט, אויפן הימל? און עס איז מיר אויך אויסגעקומען לעכערלעך.

— וואָס, עס קומט אײַך אויס לעכערלעך? — האָב איך געפרעגט מענדלען.

ניין, — ענטפערט ער מיר, — איך האָב זיך דערמאָנט ווי איך בין אַמאָל אַראָפּגעפאַלן פון אַ צוויי־גאָרנדיקן מויער, פון קוימען גלײַך אויפן טראָטואַר. איך בין דאָן אָפּגעלעגן צוויי טעג אין הויז. איך האָב אפילו געקענט גיין גלײַך אין גאַס, נאָר מײַן ווײַב האָט מיך ניט געלאָזן. זי האָט מורא געהאַט פאַר אַן עין הרע. איז ווען ניט די צוציאונגס־קראַפט פון דער ערד, וואָלט איך מסתמא ניט אַראָפּגעפאַלן?...

— ווען ניט די צוציאונגס־קראַפט פון דער ערד, ווער ווייס וואָס פאַר אַ פאָרמע די וועלט וואָלט געהאַט — האָב איך אים געענטפערט. מיר האָבן זיך געטראָפן נאָך אַ פּאָר מאָל, און אין קורצן האָב איך פאַרלאָזן ווילנע.

אין אַ פּאָר יאָר שפּעטער, ווען איך בין געווען אין ווילנע, האָב איך זיך דערוווּסט, דאָס מענדל דער קוימענקערער איז אַרעסטירט געוואָרן מיט אַ גאַנצער גרופּע און עס דאַרף אין קורצן זײַן זייער משפּט. עס זײַנען אַריבער נאָך אייניקע וואָכן, און זיי זײַנען אַלע פאַרמשפּט געוואָרן אויף דרײַ יאָר סיביר. פיל מאָל, ווען איך פלעג זיך דערמאָנען אַן מענדלען, בעת ער איז געזעסן אין טורמע, און שפּעטער, ווען ער איז געווען אין סיביר, פלעג איך קלערן, ווער ווייסט וואָס ער פילט. מעג־לעך דאָס ער איז איצט גאָר אין כעס אויף אַלץ און אויף אַלע־מען. אַ מענטש מיט אַזוי ווייניק וויסן. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, דאָס אויף די דאָפּראָסן האָט ער זיך געהאַלטן גוט. איך האָב אַלעמאָל באַדויערט, וואָס איך האָב ניט געהאַט די

מעגלעכקייט אין אים אַריינצופּאַמפּען אַ ביסל מער וויסן, ער זאָל קענען טיפער באַגרייפן די נייע אידייען, פאַר וועלכע ער ליידט, ער זאָל קענען געפינען אַ טרייסט אין דעם באַוווסטזיין פון זיין נייעם גלויבן. זיין פרוי איז מיטגעגאַנגען מיט אירע צוויי קינ־דער מיט אים אין סיביר.

אין יענער צייט האָט מען אין פּעטערבורג אַרעסטירט אַ סטודענט פון מעדיצינישן פאַקולטעט, דריי חדשים פאַר זיין ענדיקן דעם סטודיום. מען האָט אים באַשולדיקט אין באַלאַנגען צום סאָציאַל־דעמאָקראַטישן קאָמיטעט. קיין דירעקטע באַווייזן זיינע קעגן אים ניט געווען, חוץ וואָס מען האָט אים געוויזן אַ פאָטאָגראַפישע בילד, ווי ער איז געגאַנגען אין גאַס אין ציווילע קליידער מיט אייניקע אַרבעטער, וואָס שפּיאָנען האָבן אַרונטער־געכאַפּט, און מען האָט אים אַרויסגעשיקט אַדמיניסטראַטיוו אויף דריי יאָר קיין סיביר.

עס זיינען אַריבער דריי יאָר. אין זשענעווע, שווייץ, בין איך געזעסן אין אַ זאַל, ווו חבר פלעכאַנאָוו האָט געלייענט אַ רעפעראַט. דער זאַל איז געווען פול געפּאַקט. לעבן מיר איז געזעסן אַ יונגער מאַן. אַז מיר האָבן זיך פאַנאַנדערגערעדט, האָט זיך אַרויסגעוויזן, דאָס ער איז אויך אַ ווילנער. איך האָב גוט געקענט זיינע צוויי ברידער, לעאָן גאָלדמאַן, וועלכער איז שוין דאָן געזעסן אין קעשענאָוו, ווו ער איז אַרעסטירט געוואָרן אין אַ געהיימער דרוקעריי פון די „איסקראַ", און אַ צווייטער ברו־דער, מישע גאָלדמאַן, וואָס איז שפּעטער געוואָרן באַוווסט אַלס דער פירער פון „בונד", מיט דעם נאָמען „ליבער", און אַז ער איז דאָס דער סטודענט וועמען מען האָט דאָן אַרעסטירט אין פּעטערבורג. ער איז שוין אָפּגעוועזן זיין טערמין אין סיביר, און געקומען אין שווייצאַריע פאַרענדיקן זיין סטודיום און קריגן זיין דיפּלאָם. געוויינלעך האָבן מיר גערעדט וועגן די ווילנער פּאַסי־רונגען און פערזאָנען פון דער באַוועגונג, און איך האָב דערמאָנט דאָס דער ווילנער פּאָליציימייסטער האָט זיך אַמאָל אויסגע־שפּראָכן פאַר חבר אַמסטערדאַם, דאָס די קוימענקערער זיינען אַוועק אומשולדיק אין סיביר. ווער ווייסט וואָס דאָרט איז גע־וואָרן פון מענדל דעם קוימענקערער? — האָב איך באַדויערט.

— ער איז געווען מיינער אַ תלמיד.

— פון מענדלען קען איך אײַך זאָגן. — האָט מיר געענט־פערט דער סטודענט. — מיר זײַנען די גאַנצע דרײַ יאָר געווען אין איין און דעם זעלבן דאָרף, און מיר זײַנען אין איין צײַט געפאָרן צוריק נאָך ווילנע. מענדל איז שוין אויס פילאָזאָף. זײַן פרוי פלעגט זיך אַלץ באַרימען, ווען מיר זײַנען געפאָרן צוריק, דאָס „מײַן מענדל איז שוין מער ניט קיין פילאָזאָף". מענדל איז אויס פילאָזאָף.

אָט אַזוי האָט דער „בונד" און פילײַכט די וועלט פאַרלאָרן אַ פילאָזאָף.

ווען די ערינערונג איז געווען אָפּגעדרוקט אין דער וואַרשע־ווער בונדישער „פאָלקס צײַטונג", צום 35־יאָריקן יובילייאום, באַקום איך אַ באַגריסונג, מיט אַ פּאָר מאַנאַטן שפּעטער, פון איינעם פון די בעסטע חברים און טוער פון „בונד", פון חבר פּ. קורסקי, ער איז אויך דער פאַרוואַלטער פון בונדישן אַרכיוו, ווו ער דריקט אויס זײַן צופרידנהײַט, וואָס איך האָב אָנגעהויבן צו געבן מײַנע ערינערונגען אין דער „פאָלקס צײַטונג" און ער לאָזט מיר וויסן, דאָס מענדלס פאַמיליע נאָמען איז געווען בער־מאַן, און ער איז ניט געוואָרן אויס פילאָזאָף, נאָר ער האָט מער ניט געקענט זײַן אַקטיוו אין דער באַוועגונג, ווײַל ווען ער איז געקומען צוריק פון סיביר, איז ער געווען קראַנק אויף „סוכאָטע" (קאָמסאָמפּטיוו). אָט דאָס זײַנען געווען די בונדישע העלדן, דער „אומבאַקאַנטער סאָלדאַט" פון דער אַרמיי, וואָס וועגן זיי שרײַבט מען ווייניק און די וועלט ווייס פון זיי ווינציק.

4

מיין טשעמאָדאַן

מײַן טשעמאָדאַן, אַן אַלטער, צעריסענער, דער אויבערשטער טייל איז שוין לאַנג ניטאָ, אין דעם אַנדער טייל האַלט איך אַלטע פּאַפּירן, אָדער סתם אומנוצלעכע זאַכן. און דאָך ווי שווער מיר איז געווען מיט אים צו שיידן זיך; וויפיל אַנגענעמע דערוואַנערונגען און פּאַסירונגען ער האָט אַרויסגערופן אין מײַן זכרון, מײַן מיסעס האָט מיר הײַנט קאַטעגאָריש מודיע געווען, דאָס מער האַלט זי ניט די שמאַטע אין הויז.

און זי האָט איר וואָרט געהאַלטן.

ווען איך בין געקומען פאַרנאַכט פון דער אַרבעט, האָב איך שוין געזען פון דער ווײַטנס, ווי מײַן האַלבער טשעמאָדאַן וואַלגערט זיך אויפן גאַס, און ווי קינדער שלעפּן אים אַרום פאַר די האַלב־אָפּגעריסענע הענטלעך, אַן אָנגעלייגטער מיט זאַמד און שטיינדלעך. איך בין געבליבן שטיין לעבן הויז און זיך פאַרטראַכט. דורך מײַן מוח זײַנען דורכגעפלויגן פיל פון די פּאַסירונגען, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט, און וויפיל שרעק און פרייד ער האָט אַרויסגערופן בײַ פיל פערזאָנען, און מיט וואָס פאַר אַן אומגעדולד מען פלעגט אים דערוואַרטן; וויפיל הערצער פלעגן טאַנצן פאַר פרייד, ווען מען האָט אים מיט מסירת־נפש געבראַכט צום באַשטימטן פלאַץ.

כדי מען זאָל קריגן אַ שטיקל באַגריף וועגן דעם טשעמאָדאַן, מוז איך אײַך אין קורצן איבערגעבן זײַן ביאָגראַפיע.

אין איינער פון די שאַרלאָטענבורגער גאַסן (אַ פאָרשטאָט אין בערלין), האָט געוווינט אַן אַלטער דײַטשישער גענאָסע, אַן אײַנבינדער, וועלכער האָט געדענקט די צײַט, ווען אין דײַטשלאַנד האָט נאָך עקסיסטירט „דער סאָציאַליסטן געזעץ”. דאַן

האָבן די דײַטשישע סאָציאַליסטן געדרוקט זייער ליטעראַטור אין דער שווייץ אומלעגאַל. זיי פלעגן אַרײַנברענגען זייערע צײַטונ־גען אין די גרויסע שווייצאַרישע קעז, און ליטעראַטור אין טשע־מאָדאַנעס מיט דאָפּלטע ווענט און דורך פאַרשיידענע אַנדערע קונצן. דער אַלטער גענאָסע איז געווען גוט באַקאַנט מיט דעם קאָנספּיראַטיוון אַרט לעבן, און אים האָט מען דאָס אָנפאַרטרויט צו מאַכן טשעמאָדאַנעס פאַרן „בונד". ער פלעגט זיי מאַכן איינפאַך: דונקל־ברוינע טשעמאָדאַנעס מיט דאָפּלטע ווענט, אָבער גאַנץ גלאַט אָפּגעאַרבעט. צו אים אין הויז פלעגט מען ברענגען די ליטעראַטור און מען פלעגט אײַנפּאַקן אַ 15—20 פונט, פאַרשלאָגן די ווענטלעך און עס פלעגט אויסקומען ניט צו־שווער און ניט קאַנטיק. וויפיל מאָל די טשעמאָדאַנעס זײַ־נען אויף אַזאַ אופן מגולגל געוואָרן פון דײַטשלאַנד נאָך רוסלאַנד, און צוריק, און דורכגעגאַנגען אַלע שבעה מדורי גהינום פון דער טאַמאָזשנע מיט די זשאַנדאַרמען — דאָס איז שווער צו באַשטי־מען. אין יענער צײַט איז נאָך דער „בונד" געווען די איינציקע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט צוגעשטעלט אומלעגאַלע ליטעראַטור פאַר גאַנץ רוסלאַנד. וויפיל שרעק און האַרצקלעמעניש עס פלעגט דאַן אויסקומען דערבײַ דורכצומאַכן. ווען אַ סטודענט אָדער אַ סטודענטין פון די נאָענטע „באַקאַנטע" פלעגן פאָרן אַהיים אויף קאַניקול (וואַקיישאַן), פלעגט מען זיי מכבד זײַן אָפּצופירן אַ פּאָר טשעמאָדאַנעס נאָך רוסלאַנד. דער סטודענט פלעגט אַרײַנלייגן אַ פּאָר הויזן, אַ פּאָר קאָלנערס, — די קורסיסטקע אַ פּאָר בלוזעס מיט אַ קאָרסעט. און מאַרש נאָך רוסלאַנד. ווען עס איז געווען אין מיטן זמן (סעמעסטער) און ווען עס האָט זיך ניט געמאַכט קיין זײַטיקע מענטשן, וועלכע זאָלן פאָרן, פון די ליבעראַלע טוריסטן, סוחרים, וואָס מען פלעגט זיך אָפּט מיט זיי באַנוצן, און אין רוסלאַנד האָט מען זיך גענויטיקט אין ליטע־ראַטור, פלעגט זיך דאַן אײַנשפּאַנען דער הויכער (וואָס איז דער אונטערשייד דער נאָמען?), וועלכער איז געווען זייער אַן אײַ־בערגעגעבענער בונדיסט, אַ מיטאַרבעטער אין דײַטשין „פאָר־ווערטס", אַ שיינער מיט אַן אַריסטאָקראַטישן אויסזען, האָט גע־רעדט פּראַכטפול די פּוילישע שפּראַך. ער פלעגט דאַן קריגן אַ פּאַספּאָרט אויף אַ פּוילישן נאָמען פאַן סאָסנאָווסקי אָדער בראַ־

זאַווסקי*), און מאַרש נאָך רוסלאַנד מיט אַ פּאָר פון די טשע־מאָדאַנעס.

גענאָסע אַמסטערדאַם האָט זיך געקליבן פאָרן נאָך בערלין, און מען האָט געדאַרפט זייער נויטיק אַריבערפירן אייניקע געהיי־מע מאַנוסקריפּטן נאָך אויסלאַנד, האָט מען דאָס אַרײַנגעפּאַקט אין איינעם פון די טשעמאָדאַנעס אין די צווישן־ווענט, און מען האָט דאָס געבראַכט צו אים אין האָטעל. מיטאַמאָל איז פּלוצ־לונג אָנגעקומען פּאָליציי מיט זשאַנדאַרמען, מען האָט געמאַכט אַן אונטערזוכונג און מען האָט דאַן אַרעסטירט אַמסטערדאַמען מיט נאָך איינעם אַ גענאָסע, וואָס איז צו אים געקומען אויף אַ באַזוך. זיי זײַנען אָפּגעזעסן אַ לאַנגע צײַט אין ווילנער טורמע; די גאַנצע צײַט האָט אַמסטערדאַם געפּאָדערט פון די „זשאַנ־דאַרמסקאָיע אופּראַווליעניע" מען זאָל אים אַרויסגעבן די טשע־מאָדאַנעס: דעם פּאָלקאָווניק איוואַנאָוו איז דאָס געוואָרן פאַר־דעכטיק. וואָס ער פּאָדערט אַזוי שטאַרק די טשעמאָדאַנעס, און ער האָט געהייסן זיי אַרײַנברענגען. ער האָט גענומען זיי באַ־טראַכטן, ביז ער האָט אויסגעפונען דעם אײַנפאַל. האָט ער גע־הייסן זיי אויפשנײַדן און ער האָט אַרויסגענומען די מאַנו־סקריפּטן.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נײַער פּראָצעס. ער איז דאַן אָפּגעזעסן צוויי און אַ האַלב יאָר ביז ער איז קראַנק געוואָרן. ליזע, זיין פרוי, האָט גענומען פאַרוואַרפן מיט „פּראָשעניעס" ווו נאָר זי האָט געקאָנט, ביז מען האָט אים באַפרײַט און אַרויס־געשיקט נאָך שקלאָוו, אונטער דעם אויפזיכט פון פּאָליציי. דאָרט איז ער שפּעטער דערטרונקען געוואָרן באָדנדיק זיך אין דניעפּר, ווען אַ שיף איז פאַרבײַגעגאַנגען און ער האָט געקראָגן אַ קלאַפּ אין האַרצן פון אַ כוואַליע; זײַן פרוי, נאָכדעם ווי זי האָט אַריבערגעלעבט דעם שרעקלעכן אומגליק, האָט זיך איבער־געגעבן אינגאַנצן צו דער אַרבעטער באַוועגונג, און זי האָט יאָרן לאַנג פאַרנומען פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָסטנס אין „בונד", ווי אַרבעטן אין די געהיימע דרוקערײַען, און ענלעכע אַרבעטן.

דער צווייטער, וואָס איז אַרעסטירט געוואָרן צוזאַמען מיט אַמסטערדאַם, איז אויך אַרויסגעשיקט געוואָרן אין אַ קליין שטעטל אונטער דער אויפזיכט פון פּאָליציי. דאָרט האָט ער זיך

*) יעצט באַוואוסט אַלס חבר קורסקי.

פאַרפּלאָנטערט עפּעס אין אַ ליבעס־אינטריגע, און ביי די לעצטע פּאָר מאָנאַטן בעפאַר זיין ענדיקן דעם טערמין, האָט ער אָנגעשריבן אַ „פּראָשעניע", אַ ביטע צום קיסר זעלבסט, און געבעטן באַגנאַדיקונג. דאָס פלעגן זיי געוויינלעך גערן נאָכגעבן; דערמיט איז ער אויסגעשלאָסן געוואָרן פון די רעוואָלוציאָנערע קרייזן.

ווען די טשעמאָדאַנעס זיינען אָרויסגעקומען קרועה ובלועה פון פאָלקאָווניק איוואַנאָוו, און מען האָט זיי איבערגעגעבן ליזע אַמסטערדאַם, איז איינער פון די טשעמאָדאַנעס אָנגעקומען צו מיר. און ביי מיר האָט זיך ערשט אָנגעהויבן אַ סדרה פון גלות וואַנדערן מיט דעם טשעמאָדאַן).

— „וואָס האָט איר זיך דאָרטן פאַרקוקט אויף די יוראָפּשע שמאָטע" — האָט מיין מיסעס זיך אָפּגערופן צו מיר — „איר וועט דאָ קריגן די סחורה, ניטאָ וואָס צו זשאַלעווען, גייט עסן סאַפּער".

היינט גיי דערצייל דער מיסעס וואָס פאַר אַ גאָלדענע זכרונות ס'איז ביי מיר פאַרבונדן מיט דעם טשעמאָדאַן... און ווו זיינען איצט די פיל איטערעסאַנטע פּערזאָנען, וועלכע זיינען געווען פאַרבונדן מיט די דעראינערונגען?... וואָס איז פון זיי געוואָרן?...*)

איך האָב זיך געזעצט עסן, און איך האָב זיך דערמאָנט, ווי איך בין אַמאָל אַריינגעפאָרן אַ פרימאָרגן אין ריגע מיט מיין טשעמאָדאַן ליטעראַטור פאַר דעם ערשטן מאַי, און דעם, ווען איך האָב געדאַרפט איבערגעבן די ליטעראַטור, איז גראָד יענע נאַכט אַרעסטירט געוואָרן צוזאַמען מיט פיל אַנדערע. עס זיינען געווען אַ סך (אָביסקעס), הויזזוכונגען, און אַרעסטן; איך האָב זיך אַרומגעדרייט אין די גאַסן, און ווי אַ ייד האָב איך קיין רעכט ניט צו זיין דאָרטן אפילו. מיין טשעמאָדאַן ליגט אויפן וואָקזאַל, און דאָ הער איך זיך אָן שרעקלעכע מעשיות וועגן די איבערפאַלן, וואָס די פּאָליציי מאַכט יעדע נאַכט אין יידישן קוואַרטאַל, און מען שיקט אַרויס מיטן עטאַפּ. די ערשטע נאַכט פון מיין זיין אין ריגע בין איך געשלאָפן ביי איין אַרבעטער, און פאַרטאָג איז געוואָרן אַ טרעוואָגע: פּאָליציי! איך האָב זיך אַרויפגעכאַפּט אויפן בוידעם; איך האָב זיך געפילט בעת מעשה אַזוי מאַכטלאָז, און דער געוויסן פּלאָגט דיר נאָך דערנאָך,

ווײַל טאָמער געפינט מען דיך, דאַרף נאָך באַצאָלן אַ שטראָף ד ע ר, בײַ וועמען מען האָט דיך געפונען; אויסער דעם פּאַר־דרוס, פילט מען נאָך די שאַנדע ווי אַ מענטש... אויף מאָרגן האָט מיך דער אַרבעטער אָוועקגעפירט צו זײַנעם אַ באַקאַנטן, אַ לערער פון העברעיִש און דײַטש, „אַ מאַן, וואָס פאַרדינט 120 רובל אַ מאָנאַט!" — לויט ווי ער האָט מיר מיט התפעלות דערציילט גייענדיק צו אים — „אַ מאַן אַ שררה! איר וואָלט זען ווי ער גייט אַרויס אין גאַס! מיט אַ פּאַלערינע, און מיט אַ צילינדערהוט, מיט פענסנע און מיט אַ שוואַרצן שטאָק". לויט אונדזער אַסקעטישן לעבן דעמאָלט, האָב איך זיך געטראַכט: ווער ווייסט ווו איך וועל דאָ אַרײַנפאַלן. ווען איך האָב זיך שפּעטער מיט דעם לערער פאַנאַנדערגערעדט, האָט זיך אַרויס־געוויזן, דאָס מיר האָבן געהאַט אייניקע אַלגעמיינע באַקאַנטע, און איינער פון זײַנע נאָענטע פריינט, צעמאַכאָוויטש, וועלכן איך האָב געקאַנט, איז דאַן געווען פאַרשיקט קיין סיביר; ער פלעגט אים אָפט שיקן שטיצע. ער האָט מיך איינגעלאַדן צו זיך אויף דאַטשע אין דובעלן בײַם ים, (אַ קור־אָרט, ווו ייִדן איז דערלויבט געווען צו וווינען איבער זומער). איך האָב זײַן אײַנלאַדונג אָנגע־נומען מיט צופרידנהײַט, ווײַל איך בין געווען זייער אויסגעמאַ־טערט פונם ווינטער, ווו מיר האָבן דורכגעפירט אַ סטרײַק פון אַכט הונדערט אַרבעטער אויף אַ שוועבעלע־פאַבריק, וואָס האָט זיך גע־צויגן אַכט וואָכן. — אָבער פריער פון אַלץ מוז איך דאָך די ליטעראַטור אַראָפּנעמען פון וואָקזאַל, און מען דאַרף באַזאָרגן דאָס אָפּצוגעבן. — האָב איך זיך אָפּגערופן צו מײַן נײַעם באַ־קאַנטן:

— „עס וועט שוין ווי עס איז רעכט ווערן, — האָט ער מיר געענטפערט. איך בין צום וואָקזאַל, אָפּגענומען מײַן טשעמאָדאַן און מיר זײַנען אָוועקגעפאָרן נאָך דובעלין.

איך האָב דאָרט פאַרבראַכט אייניקע וואָכן. אין אַ פּאָר יאָר שפּעטער האָב איך זיך באַגעגנט מיט דעם העברעיִשן לע־רער אין באַזעל אויף אַ ציוניסטישן קאָנגרעס. ער איז שוין דאַן געווען אַ סטודענט אין איינעם פון די דײַטשע אוניווערזיטעטן און האָט שוין באַלאַנגט צו אַ בונדישער גרופּע. אין באַזעל איז

ער געקומען ווי אַ קאָרעספּאָנדענט פאַר דעם ניו יאָרקער „פאָר־ווערטס"*).

⁂

שמעון דער בערשטער איז געווען באַוווּסט ווי אַ גוטער קאָנספּיראַטאָר און האָט זיך אָפּט געפונען ביי די גרענעץ־שטעט־לעך. ער איז אויך געווען דער צ. ק. פון בערשטער־בונד. פאַר מיין פאַרלאָזן רוסלאַנד, טרעף איך זיך מיט אים אין קאָוונע אויף אַ קוואַרטיר. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף מיין טשעמאָדאַן און ער האָט אָנגעהויבן שמייכלען.

— איר האָט איינעם פון די טשעמאָדאַנעס. הערט וואָס מיט מיר האָט ניט לאַנג פּאַסירט, — האָט ער אָנגעהויבן צו דערציילן, איך בין געפאָרן מיט אַ פורמאַן, מיטאַמאָל זיינען צוויי סאָלדאַטן, „סטראַזשניקעס" (גרענעץ־וועכטער), אויסגע־וואַקסן ווי פון אונטער דער ערד און האָבן אַ געשריי געטאָן: „טי קודאַ? סטאָי! וואָס פירסטו?". „ביכער — האָב איך גע־ענטפערט. — „גיב נאָר אַ קוק טאָן! האָבן זיי אַ זאָג געטאָן. וואָס האָב איך געקאָנט טאָן? פאַרפאַלן, טראַכט איך זיך... איך האָב געעפנט דעם טשעמאָדאַן און זיי האָבן דערזען, אַז עס איז רוסישע ביכער. — „דאָס איז גאָרנישט, דאָס איז טאַקע רוסי־שע! קאָנסט פאָרן ווייטער!" — האָבן זיי אויסגעשריען. זיי האָבן געמיינט, ווי עס ווייזט אויס, דאָס נאָר אויסלענדישע ביכער אויף אַ פרעמדער שפּראַך קאָן זיין פאַרבאָטן, אָבער ווי־באַלד עס איז אין רוסיש, איז שוין כשר.

אַן ענלעכע פּאַסירונג איז געווען אין דווינסק, — האָב איך אים דערציילט. — חיים דער סאָלדאַט איז געשטאַנען היינטיקן שמחת תורה אויפן שולהויף און צוגעקוקט ווי צוויי צדדים האָבן זיך געשלאָגן. עס איז געקומען פּאָליציי און מען האָט זיי אַרעסטירט. איינער אַ סויסציק, (דעטעקטיוו) וואָס איז געווען אויפן שולהויף, האָט אָנגעוויזן אויף חיימען, און מ'האָט אים אויך אַרעסטירט. אין פּאָליציי־צירקל האָט מען זיי באַזוכט און צוגע־

---

*) אין „אידישן אַרבייטער" האָט ער שוין געהאַט אַן אַרטיקל אונטער דעם נאָמען „איש תקוה". איצט איז ער באַוווּסט אַלס דער זשורנאַליסט און מיטאַרבעטער אין ניו יאָרקער „פאָרווערטס" אונטער דעם נאָמען „צביון".

נומען פון זיי אַלע איבעריקע זאַכן, וואָס עס איז ניט דערלויבט צו האַלטן. חיים האָט אײַנגעבונדן אין אַ נאָזטיכל זײַן מעסערל, טאַבאַק, נאָך אייניקע קליינינקײַטן און אַ רוסישע בראָשורע מיט דעם נאָמען: „זאַדאַטשי רוסקיך סאָציאַלדעמאָקראַטאָוו" (די אויפגאַבן פון די רוסישע סאָציאַלדעמאָקראַטן), און איבערגעגעבן דעם פּאָליציי־מאַן, וואָס האָט אים באַזוכט. ער האָט אים געזאָגט, דאָס ער איז אַ סאָלדאַט, נאָר ער האָט זיך אַביסל איבערגעטאָן ציווּל ווען ער איז געגאַנגען אין שול. ער איז אָפּגעזעסן אייניקע שטונדן, ביז עס איז אָנגעקומען אַן אָרדער פון ראָטע, דאָס מען זאָל אים באַפרײַען. ווען דער פּאָליציי־מאַן האָט אים געדאַרפט אָפּגעבן זײַנע זאַכן, האָט ער דאָס גענומען איבערקוקן, און עס איז געקומען צו דער בראָשורע; דאָ האָט ער גענומען שוויצן: זאָ... דאָ... טשי... רוסקיך סאָ... צי... און דאָ איז ער געבליבן שטיין און ווײַטער ניט געקאָנט דורכקריכן אַזאַ לאַנגען וואָרט... „אָ!... אָ!..." — האָט ער אויסגעשריען — „דאָס איז גאָרניט. עפּעס אַ זאַדאַטשניק, גיי אין גאָטס באַראָט". חיים איז גלײַך געקומען און דערציילט אונדז די שמחה, און מיר האָבן געהאַט אַ פריילעכן שמחת תורה.

צום סוף האָב איך זיך דערמאָנט, אַז אין דער שווייץ האָב איך געוווינט צוזאַמען מיט אַ חבר אַ סטודענט, און ווען איך האָב געדאַרפט אָפּפאָרן, האָט דער באַלעבאָס פון הויז ניט געוואָלט אַרויסגעבן מײַן טשעמאָדאַן, ווײַל דער חבר האָט אים געקומט פינף פראַנק דירה־געלט (מײַן חבר טראָגט איצט שוין דעם טיטול דאָקטאָר, דעריבער וועל איך אים ניט אָנרופן בײַם נאָמען, אים ניט איבערצופירן זײַן רעפּוטאַציע), מיר האָבן געמוזט אַרויסגיין אין גאַס זען צו קריגן ווי עס איז די 5 פראַנק, וואָס דאָס איז אויך ניט געווען קיין לײַכטע זאַך. און אַזוי האָב איך געבראַכט מײַן טשעמאָדאַן נאָך אַמעריקע, ביז ער האָט דאָ געקראָגן זײַן סוף.

— „וואָס עסט איר עפּעס אָן אַפּעטיט, וואָס זײַט איר אַזוי פאַרקלערט?" — האָט די מיסעס ווײַטער אָנגעהויבן. — „עסט אָפּ, און איך וועל גיין זען דעם מאַרש". עס איז געווען קאַמפּיין־צײַט, און עס האָט זיך שוין געהערט דאָס גרילצן און באַראַבאַנעווען פון די פּאָליטישנס אין סטריט. אַזוי זײַנען צעשלאָגן געוואָרן מײַנע געדאַנקען און דערינערונגען.

5

ווי אַזוי מען האָט געפּייערט דעם ערשטן מאַי אין ביאַליסטאָק

אַלע גרויסע אמתן זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן אין איינפאַכע ווערטער וועלכע יעדערער קען פאַרשטיין. „האָב ליב דיין חבר ווי זיך אַליין”. האָט דער אַלטער הלל אויסגעטייטשט „וואָס דו האָסט פיינט מען זאָל דיר טאָן, טו דאָס ניט דיין חבר”. דאָס איז דער קווינט־עסענץ פון דער גאַנצער תורה. קאַרל מאַרקס׳ טעאָריע פון ווערט און מער ווערט. און פון זיין פילאָזאָפיע פון זיין היסטאָרישן מאַטעריאַליזם איז אַ ביסל אַ צו שווערער ענין פאַר דעם געוויינלעכן אַרבעטער, דער עיקר אָבער פון דער טעאָריע: אַרבעטער פון אַלע לענדער פאַראייניקט אַייך! — איז פאַרשטענדלעך פאַר אַלעמען און אַפּעלירט שטאַרק צום אַרבעטער־קלאַס.

דעם דאָזיקן איינפאַכן אמת האָט אָנגענומען אַ גרופּע יידישע אַרבעטער סאָציאַליסטן און אינטעליגענטן פון דער אונטערערדישער באַוועגונג אין ווילנע, אָנהייב די ניינציקער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, און האָבן זיך אַרויסגעלאָזן פאַרשפּרייטן דעם סאָציאַליזם צווישן די יידישע מאַסן. איין גרופּע איז אַוועקגעפאָרן קיין ביאַליסטאָק, דאָרט אין דעם פאַבריקראַיאָן מיט טויזנטער פּראָלעטאַריער מיט אַ סטיכישער אַרבעטער־באַוועגונג*) (אַרבעטער בונטן האָט מען דאָס גערופן)

*) אָנפאַנג די 90קער יאָרן ווען מען האָט איינגעפירט פאַבריקביכלעך פאַר די אַרבעטער אין רוסלאַנד האָט אויסגעבראָכן אַ שטרייק אין ביאַליסטאָקער ראַיאָן וואָס האָט אַרומגעכאַפּט אַכצן טויזנט מאַן.

האָבן זיי געפונען אַ פּרוכטבאַרן באָדן פאַר פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע, זיי זײַנען דאָרט אָפּגעווען אַ געַנויעם יאָר, און די גאַנצע גרופּע איז אַרעסטירט געוואָרן, זיי זײַנען אָפּגעזעסן אַכצן חדשים אין די טורמעס פון גראָדנע און ביאַליסטאָק *) און דערנאָך פאַרשיקט געוואָרן אויף דרײַ יאָר קיין סיביר.

מיט אַ האַלב יאָר שפּעטער בין איך געקומען אַהין אַלס אַגיטאַטאָר. מײַן גורל איז שוין געווען אַ בעסערער. איך בין דאָרט אָפּגעווען אַנדערהאַלבן יאָר. צווישן די אַרבעטער פלעגט מען באַוווּנדערן דעם אידעאַליזם פון די וואָס זיצן אין ווײַסן „מויער" מען פלעגט דערציילן אַז דער „לערער" האָט זיך געוווּנטשן דאָס מען זאָל אים געבן אַ פאַרזאַמלונג פון דרײַ הונדערט אַרבעטער פאַר וועלכע ער זאָל קענען ריידן צוויי שעה פרײַ. דערנאָך וועט אים שוין ניט אַרן אַז מען זאָל אים אַרעסטירן. במשך פון די אַנדערהאַלבן יאָר וואָס איך בין דאָרט געווען פלעגן אָפּגעהאַלטן ווערן פאַרזאַמלונגען אין וואַלד, פון דרײַ, פיר הונדערט מאַן, מען האָט דורכגעפירט סטרײַקס פון הונדערטער אַרבעטער, און דאָך בין איך אַוועקגעפאָרן פון דאָרט מיט גאַנצע ביינער.

דער ווינטער פון יאָר 1896 איז אַוועק בײַ אונדז אין צוגרייטונגס־אַרבעט, צוגרייטן אַגיטאַטאָרן, און אַרײַנברענגען וואָס מער דעם קלאַסן באַוווּסטזײַן צווישן די אַרבעטער מאַסן. איך האָב געהאַט אַ קרײַז פון עלטערע ייִדן וועבער מיט לאַנגע קאַפּאָטעס ייִדן מיט בערד וועלכע האָבן שיין געהאַט קינדער פון מײַן עלטער, איך האָב מיט זיי דורכגעלערנט „לוין אַרבעט און קאַפּיטאַל" פון מאַרקס (אַן אַמעריקאַנער אויסגאַבע) לאַסאַלס אַרבעטער־פּראָגראַם און די „בינען" פּיסאַריעוו. שמועסן וועגן פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פראַגן און וועגן נאַטורוויסנשאַפט און רעליגיע. מײַנע תּלמידים זײַנען אַלע געוואָרן קלאַסן־באַוווּסטזיניקע סאָציאַליסטן, אַקטיווע רעוואָלוציאָנערן מיט אַ גרויסן אײַנפלוס אויף די אַנדערע אַרבעטער.

פון חנוכה ביז פּורים האָבן מיר אָפּגעהאַלטן פאַרזאַמלונ־

---

*) עס זיינען דאַן אַרעסטירט געוואָרן דער „לערער" (גאָזשאַנסקי), ליובאַ אייזנשטאַדט, נחום ליפשיץ און זלמן, אַ סטאָלער אַ ביאַליסטאָקער.

גען און אָרגאַניזירט די מיידלעך פון יאַנאָווסקיס פּאַפּיראָסן פאַבריק, דאָס זיי זאָלן ניט געבן קיין שלח־מנות דעם מײַס־טער (פאָרמאַן). ביז יענער צײַט האָט זיך געפירט, אַז נאָך פּורים פלעגט דער מײַסטער אַרויסשיקן אַ דעלעגאַציע פון צוויי עלטערע פּאַפּיראָסן־מאַכערקעס, יעדער מיידל האָט זיך פאַרשריבן צוצוטראָגן אַ געוויסע סומע. די מיידלעך פלעגן אַרבעטן שטיק־אַרבעט, און יעדערע האָט זיך געוואָלט אונ־טערחנפענען צום מײַסטער, ער זאָל איר געבן בעסערע אַרבעט. די פאַרדינסטן פון אַ פּאַפּיראָסן־מאַכערקע איז געווען פון צוויי ביז דרײַ רובל אַ וואָך, און אַנדערע פלעגן אָפּגעבן כמעט אַ וואָך שכירות; אויף שלחמנות; אין יענעם ווינטער פון 1897 ווען די דעלעגאַציע איז דורכגעגאַנגען די פאַבריק האָט זיך קײַנער ניט פאַרשריבן: „עס וואָלט געווען מער ניט ווי רעכט דאָס מען זאָל אונדז אַרײַנשיקן אַ שלח־מנות״, האָבן מיר זיי געראָטן צו ענטפערן, אָבער דערויף האָט קיינער פון זיי קיין מוט ניט געהאַט. צוויי הונדערט מיידלעך האָבן זיך אַלע מיט־אַמאָל אָפּגעזאָגט פון אַן אַלטן מנהג, דער מײַסטער און דער באַלעבאָס האָבן דערפילט אַז דאָ איז פאַראַן אַ פרעמדע ווירקונג. אָבער זיי האָבן גאָרניט געקענט טאָן, אָפּזאָגן אַלעמען האָבן זיי דאָך ניט געקענט.

נאָך פּסח האָט זיך אָנגעהויבן די צוגרייטונגס־אַרבעט צו פײַערן דעם ערשטן מאַי. די פײַערונג איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין וואַלד, עס זײַנען געווען מער ווי דרײַ הונדערט אַרבעטער, ייִדן און קריסטן צוזאַמען, פאַרנאַכט איז מען געגאַנגען אַלע צוזאַמען דעמאָנסטראַטיוו ביז אין שטאָט אַרײַן, די פּוילישע וועבער האָבן באַגעגנט יעדער „קאָנקע״, וואָס פלעגט גיין ווײַט אין וואַלד אַרײַן, מיט אויסגעשרייען: עס לעבע דער ערשטער מאַי!... די פּאַסאַזשירן און צווישן זיי אויך אייניקע רוסישע אָפיצערן האָבן גערעדט צווישן זיך, אַז די אַרבעטער פײַערן דעם ערשטן מאַי, און אַן אַלגעמיינער הוראַ! איז געווען דער ענטפער.

נאָך דעם ערשטן מאַי האָבן זיך אָנגעהויבן שטרײַקס אין אַלע פאַכן און באַזונדערס בײַ די אַרבעטער פון די „לאַנקעט־ניקעס״ אויך אין די אַרומיקע שטעטלעך האָט זיך פאַר־

שפּרייט די באַוועגונג. אין קריניק האָבן יענעם זומער גע־שטרײַקט אַכט הונדערט גאַרבער און כמעט אַלע שטרײַקס זײַנען געוווּנען געוואָרן.

***

אין מיטן זומער האָט זיך גענומען טומלען אין ביאַליסטאָק. מען האָט זיך געריכט אויף דעם אָנקומען פון ניקאָלאַי דעם צווייטן, צו די קייזערלעכע מאַניאָווערס, אַרום ביאַליסטאָק. יע־דער טאָג האָט געבראַכט מער סאָלדאַטן פון ווילנער און וואַר־שעווער „אָקרוגן" (קרײַזן). עס האָבן זיך גענומען באַווײַזן פאַר־דעכטיקע פּערזאָנען, וואָס פלעגן אַרומקריכן איבעראַל פאַרפירן געשפּרעכן, שפּיאָנירן. סאָלדאַטן און קאָזאַקן אויף פערד האָבן פּאַטרולירט די גאַסן. נאָך נײַן אַזייגער אין אָוונט האָט מען שוין מורא געהאַט אין גאַס אַרויסצוגיין, אויב מען האָט ניט געוואָלט אַוועקגעפירט ווערן אין „אוטשאַסטאָק" (פּאָליציי צירקל). באַ־זונדערס מ י ר האָבן ניט געהאַט קיין חשק צו באַגעגענען זיך מיט פּאָליציי. בײַ יעדן יונגן מענטשן, וואָס מ׳האָט באַגעגנט אין אָוונט מיט אַ שטעקל אין האַנט, האָט מען דאָס צוגענומען. ווער עס איז נאָר אַרײַנגעקומען אין שטאָט, האָט במשך פון 6 שעה געמוזט אײַנמעלדן זײַן פּאַספּאָרט. בײַ אַזעלכע באַדינגונגען זײַנען מיר געווען געצוווּנגען די באַוועגונג אָפּצושטעלן „עד שיעבור זעם", ביז דער צאַר וועט אַריבער. נאָר וואָס טוט מען מיט דער ליטעראַטור? ווו באַהאַלט מען דאָס? מען האָט זיך געריכט אויף רעוויזיעס אין די הײַזער; די פּאָליציי איז אַרומגעקראָכן אויף אַלע בוידימער, אין אַלע קעלערן. דאָ האָבן זיי געהייסן פאַרקלאַפּן, און דאָ פאַרמאַכן, און דערצו איז נאָך געקומען די פּוילישע ליטעראַטור. אין ביאַליסטאָק איז געווען אַ גרופּע פּוי־לישע רעוואָלוציאָנערן, עלטערע קריסטן, וועמען די פּ. פּ. ס. פלעגט אָפּט צושיקן ליטעראַטור. איינער אַ מאַן פון אַ יאָר פער־ציק, וויטעסלאַווסקי*), אַ קלוגער ענערגישער מענטש, איז גע־ווען זייער אָנפירער. אים האָט די פּאָליציי אַרויסגעשיקט אין זיין געבורטס־פּלאַץ, ערגעץ ווו אין אַ דערפל אין לאָמזער גובערניע, און דאָ האָבן זיי באַקומען אַ טראַנספּאָרט פּוילישע ליטעראַטור, און עס איז ניט געווען ווו דאָס אַהינצוטאָן.

*) דערשאָסן געוואָרן בעת אַ דעמאָנסטראַציע.

אַן אַלטער מאַן, מיט אַ ווײַס־זילבערנער באָרד, אַ סטאָליער, איז געקומען צו אונדז און געבעטן דאָס מיר זאָלן זיי אַרויס־העלפן און צונעמען די ליטעראַטור צו באַהאַלטן; אויפן צווייטן טאָג בין איך אַוועק אין ביאַלסטאָציק (אַ דערפל לעבן ביאַלי־סטאָק), ווו דער סטאָליאַר האָט געוווינט, אין אַ דאָרפישע הויז מיט אַ גאָרטן, מיט דער גאַנצער דאָרפישער באַלעבאַטישקײַט. איך בין אַרײַן אין הויז און דאָרט געטראָפן צוויי אַלטע גויעס מיט ווײַסע קעפּ האָר ווי שניי. זיי זײַנען געזעסן אויף אַ קלאָץ אויף דער ערד באָרוועסע און געריכערט פּאַפּיראָסן. איך האָב געזוכט מיט די אויגן דעם סטאָליאַר. ער איז אין הויז ניט געווען. די פרויען האָבן זיך גענומען שושקען אין דער שטיל און איינע איז גלײַך אַרויס פון הויז. די צווייטע איז צוגעקומען צו מיר און האָט מיר אַ פרעג געטאָן: צי בין איך געקומען נאָך דער סחורה, אין פּויליש געוויינלעך. — „טאַק", האָב איך געענטפערט. זי האָט זיך גענומען גראָבן לעבן סטאָליאַרסקן וואַרשטאַט, וואָס איז געשטאַנען בײַם אויוון אַרומגעלייגט מיט סטרוזשקעס און מיט ברעטער, און האָט אַרויסגעצויגן אַ גרויסע לײַוונטענע טאָרבע, אַ פולע, און האָט מיר דערלאַנגט. איך האָב דאָס גענומען אונטערן אָרעם און אַרויס אין פאָרהויז. די אַלטע איז מיר נאָכגעגאַנגען, געעפנט אַ הינטער־טיר אין פאָרהויז און האָט מיר אָנגעוויזן צו גיין דורכן גאָרטן. זי איז געשטאַנען אין טיר, און אויפגעהויבן די הענט צום הימל און מיר געווונטשן: „ניך פּאַן בוג דאַ סצאָ־סטליוואַ דראָגע", גאָט זאָל מיר געבן אַ גליקלעכן וועג. איך האָב די טאָרבע געבראַכט אין שטאָט אַרײַן. מיר האָבן די ליטעראַטור צוזאַמענגעלייגט אין איין גרויסן קאַסטן, אַ פלאַכן, כדי מען זאָל ניט דאַרפן גראָבן טיף. איצט איז געווען די פראַגע ווו באַגראָבט מען דאָס? טראָגן זיך דערמיט אין וואַלד, איז דער קאַסטן גע־ווען צו גרויס, מען וועט דאָס באַמערקן, און ווי גראָבט מען אַזאַ גרויסע גרוב. עס וועט דאָך זײַן קאָנטיק. איז געבליבן דאָס צו באַגראָבן אויפן אַלטן בית עולם, וואָס איז אפילו געווען אין מיטן שטאָט, נאָר אַרומגעמויערט. דעם בית עולם האָט מען שוין לאַנג ניט געניצט, קיינער קומט דאָרט ניט, חוץ דעם אַלטן קברות־מאַן, וואָס האָט דאָרטן געוווינט אין אַן אַלטער הײַזל מיט צוויי זין, בחורים, אַרבעטער, וואָס האָבן געהאָט אַ שטיקל שייכות צי

דער באַוועגונג. מען האָט זיך צו זיי געווענדט מכוח אָט דעם ענין און איינמאָל אַ שבת־צו־נאַכט, שפּעט אין אָוונט, האָט מען דאָרט דעם ארון מקבר געווען. אַ קליינער רעגנדל האָט געגאָסן טרערן אויף אונדזער פאַרלוסט.

***

פינף טעג האָט דער קיסר פאַרבראַכט אין ביאַליסטאָק. יעדן טאָג, ווען ער איז געפאָרן הין און צוריק, זײַנען געשטאַנען מאַסן מענטשן און האָבן געשריען „הורא!". ווען מיר האָבן געזען ווי צוויי „אָקרוגן" סאָלדאַטן האָבן פאַרבײַמאַרשירט די סוויטע גענעראַלן און הויכע באַאַמטע. אַזאַ גרויסע אָרגאַניזירטע מאַכט און די באַגײַסטערונג פון די מאַסן... האָט אונדז אַרײַנגעבראַכט אין אַ געדריקטער שטימונג... שמואל דער געלער, אַ איבערגעגעבענער טוער, אַ גוטער סאָציאַליסט, און אַ קלוגער אַרבעטער, אַן אַגיטאַטאָר, האָט געפרעגט: צי איז אינגאַנצן ניט אומזיסט אונדזער אַרבעט? צי וועלן מיר זײַן בכוח צו ברעכן אַזאַ מאַכט?... ספקות האָבן זיך אַרײַנגעגנבעט אין יעדן פון אונדז.

אַ פּאָר מאָנאַטן פאַר דעם קייסערס קומען, איז צו מיר געקומען צו פאָרן הירשע דער סטאָליער און ישראל מיכל דער שלאָסער. מיר האָבן אַלע דרײַ באַלאַנגט צום געהיימען קאָמיטעט אין ווילנע. זיי האָבן מיר געלאָזט וויסן, דאָס זיי גייען גרינדן אַ יידישע אומלעגאַלע צײַטונג, און אַז איך זאָל זײַן דער קאָרעספּאָנדענט פון ביאַליסטאָקער ראַיאָן. די קאָרעספּאָנדענץ זאָל איך שיקן דורך דעם „באַלשאַי" (בענואַר), וואָס פלעגט פאָרן אָפט פון ווילנע נאָך ביאַליסטאָק, לאָדז אַלס סוחר פון מאַנופאַקטור און אין יענער צײַט, ווען מיר אַלע זײַנען געווען אין אַ געדריקטער שטימונג, האָט זיך באַקומען דער ערשטער נומער „אַרבײַטער שטימע". דער לייטאַרטיקל איז געווען גראַד וועגן פאַסירונגען און סטרײַקס פון ביאַליסטאָקער ראַיאָן, און אין ווײַטערדיקע נומערן איז געווען פאַסירונגען פון אַנדערע שטעט. אונדזער שטימונג האָט זיך גענומען בײַטן צום בעסערן.

ערב יום כפור אינדערפרי איז געקומען צו פאָרן צו מיר לעאָן גאָלדמאַן פון וואַרשע און האָט מיר געזאָגט, אַז מיט דעם צווייטן צוג וועלן מיר פאָרן קיין ווילנע. עס דאַרף פאָרקומען אַ

„סיעזד”, אַ צוזאַמענפאָר, פון ייִדישע סאָציאַלדעמאָקראַטן, און איך בין אויפגעפאָדערט צו קומען ווי אַ פאַרטרעטער פון מײַן ראַיאָן. איך האָב אויף שנעל צוזאַמענגערופן אַ זיצונג פון קאָמיטעט, וואָס איז באַשטאַנען פון זיבן־אַכט פערזאָנען און איבערגעגעבן, דאָס איך פאָר קיין ווילנע, און צוליב וועלכן צוועק. בײַ סימאָנען (שמעון ווײַסבערג) האָב איך אַנטליען אַן אָנצוג און האָב זיך אַביסל צוגעפוצט און מיטן צווייטן צוג זײַנען מיר שוין געפאָרן פול מיט האָפענונג און באַגײַסטערונג.

פינף טעג האָבן מיר פאַרבראַכט אין לוקישקעס, אין אַ בוידעם־שטיבל. דרײַצן מענטשן זײַנען מיר דאָרט געוועזן, און אפילו ניט אַרויסגעגאַנגען עסן, כדי ניט צו וואַרפן זיך אין די אויגן דעם „דוואָרניק”. טאַראַס (דוד כץ), פלעגט ברענגען עסן פאַר אַלעמען, און דאָרט איז פראָקלאַמירט געוואָרן די אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט פאַקטיש עקזיסטירט פון פריער, „דער בונד” און די „אַרבײַטער שטימע” איז געוואָרן דער אָפיציעלער אָרגאַן פון „בונד”. פון דאַן אָן האָט זיך אָנגעהויבן אַ נײַע עפּאָכע אין דער ייִדישער אַרבעטער באַוועגונג.

איך בין געקומען צוריק קיין ביאַליסטאָק. מיטגעבראַכט אַ נײַעם נומער „אַרבײַטער שטימע”. „אין יעדן נומער איז דאָך געווען עפעס וועגן ביאַליסטאָק!”, — האָט מיר אַמאָל אַ וויטעבסקער אַרבעטער געזאָגט מיט באַוואונדערונג. ביאַליסטאָק איז געוואָרן פּאָפּולער. עס האָבן אָנגעהויבן צוקומען אינטעליגענטן, אַגיטאַטאָרן פון ווילנע, מינסק, וויטעבסק, וועלכע האָבן זיך דאָרט באַזעצט אויף שטענדיק. עס איז שוין אויך ניט געווען אַזאַ געלט־מאַנגל ווי פריער. ווען איך האָב אַמאָל מיט עטלעכע חדשים פריער געזאָגט צו צוויי וויכטיקע טוערינס פון וואַרשע, קומט צו אונדז, עס איז דאָך דאָ אַזאַ ברייטע פעלד פאַר אַרבעט און מיר האָבן אַזוי ווינציק אינטעליגענטנע קרעפטן. — „מיר קאָנען ניט זײַן אין אַ שטאָט, וווּ עס איז ניטאָ קיין טעאַטער, קיין אינטעליגענץ א. ד. גל. — האָבן זיי מיר געענטפערט.

*
**

נאָכדעם האָב איך פאַרלאָזן ביאַליסטאָק. איך פלעג אָבער אָפט צופאָרן אַהין. מיט פיר יאָר שפעטער, פאַר מײַן אָפפאָרן

קיין אויסלאַנד, האָב איך, אויף מײַן באַזוך אין ביאַליסטאָק, שוין דאָרט געטראָפן פּעניע מיט זײַן פרוי (דר. ראָזענטהאַל), צוויי וויכטיקע טוער פון „בונד", אברהאם דער וויטעבסקער (בלאָק, דער טאַטע) און בכלל אַ גאַנץ אַנדער אַטמאָספערע. איך האָב זיך דערמאָנט, אַז ווען איך בין צום ערשטן מאָל אַרויס אויף דער פּאַראַדנער גאַס מיט פינף יאָר צוריק, און איך בין פאַרבײַ אַ בוך־געשעפט, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט באַטראַכטן די ביכער, וואָס זײַנען געווען אויסגעשטעלט אין פענצטער. איך האָב גע־וואָלט זען מיט וואָס די היגע אינטעליגענץ, די יוגנט, אינטערע־סירט זיך. אין ווילנע אין די בוך־געשעפטן פלעגט זײַן אין די פענצטער די נייעסטע ראַדיקאַלע ליטעראַטור, די מער פּראָגרע־סיווע זשורנאַלן און ביכער. און דאָ האָב איך דערזען אַ ביכל: „די היגיענע פון ליבע", „ווי צו האָדעווען, אויפּפּאַסן אויף פייגל" (אוכאַד זאַ פּטיצאַמי) און ענלעכע ביכער. באַקל „גע־שיכטע פון די ציוויליזאַציאָן אין ענגלאַנד" איז געשטאַנען אין אַ ווינקל מיט אַ דיקן שטויב באַדעקט... איך האָב זיך געטראַכט: אַט דאָ וועל איך דאָס דאַרפן פאַרברענגען מײַן צײַט.

במשך פון די פיר יאָר איז פאָרגעקומען אַ גרויסע ענדערונג אין ביאַליסטאָק.

ווען איך בין אין יאָר 1929 געווען אין בערלין, האָט מיר גענאָסע פּ. קורסקי דערציילט: אַז אַ געוויסער קאָמוניסט (ער האָט אָנגערופן זײַן נאָמען, וואָס איך געדענק איצט ניט), אַ ייִ־דישער יונגערמאַן האָט אָנגעשריבן אין רוסיש זייער אַ גוטן ביכל „וועגן דער געשיכטע פון דער ייִדישער אַרבעטער באַווע־גונג אין ביאַליסטאָק". דעם גאַנצן מאַטעריאַל, — האָט חבר קורסקי געזאָגט, — האָט ער גענומען פון אײַערע קאָרעספּאָנ־דענצן פון „די אַרבייטער שטימע", נאָר ווי אַ קאָמוניסט האָט ער ניט דערמאָנט די „אַרבעטער שטימע" און ניט דעם „בונד". קיין אַנדער ייִדישער אַרבעטער באַוועגונג איז דאָרטן ניט גע־ווען חוץ דעם „בונד":

6

אַ שטרייק אין קריניק

קרינאָק איז געווען אַ קליין שטעטל אין גראָדנער גובערניע. פון אַ 3—4 הונדערט הילצערנע הײַזער, ווו די באַפעלקערונג האָט געלעבט אָרעם און געדריקט. ייִדן האָבן געמאַכט אַ לעבן פון דאָרף און פון מאַרק, און ווען עס פלעגט אַראָפּקומען אַ פּויער מיט אַ פור, פלעגט ער באַפאַלן ווערן פון ייִדן מיט לאַנגע קאַפּאָטעס און פון ווײַבער מיט פּאַטשיילקעס אַרומגעבונדן אַרום קאָפּ און עס פלעגט ווערן אַ טומל און אַ געשריי: „דו, וואָס האָסטו צו פאַרקויפן?".

דאָרטן אַרונטער, לעבן טײַך, זײַנען געשטאַנען עטלעכע גרויסע הילצערנע געבײַדעס, ווו עס איז אַמאָל, אין די גוטע יאָרן, ווען ייִדן האָבן געמעגט האַלטן פּאַדוואָלן, שענקען — געווען ברײַזער פון שנאַפּס, ביר, און ייִדן האָבן אַרום דעם געמאַכט אַ לעבן. מיט דער אײַנפירונג פון מאָנאָפּאָל אין רוסלאַנד, האָבן זיך די אַלע שענקען און ברײַזער צוגעמאַכט און די ייִדן זײַנען געבליבן אָן פּרנסה, כאָטש די נשמה אויסצושפּײַען. אייניקע באַלעבאָטים מיט אונטערנעמונגס־גײַסט, האָבן אין די אַלטע ברײַזער געעפנעט מאַכן גאַרבאַרניעס, ווו מען האָט אויסגעאַרבעט לעדער צום פאַרקויף, און אין פאַרלויף פון אייניקע יאָר, איז דאָרט געוואָרן אַ צענטער פון דער לעדער־אינדוסטריע, בײַ וועל־כער עס זײַנען געווען באַשעפטיקט פון 800 ביז 1000 אַרבעטער. ייִדישע אַרבעטער האָבן געאַרבעט בײַ די טרוקענע לעדער און די קריסטלעכע, פון די דערפער, בײַ די נאַסע פעל.

בײַם אַרײַנפאָרן אין שטעטל, נאָך מיט אַ וויאָרסט בעפאָר, פלעגט זיך שוין פילן דער געשמאַקער ריח פון די גאַרבאַרניעס. גרויסע, אַלטע, הילצערנע, נידעריקע, האַלב־פאַרפוילטע געבײַ־דעס; די ווענט פול מיט מיאַזמען, אָן ווענטיליאַציעס; וועגן סאַניטאַרישע באַדינגונגען האָט קיין פראַגע ניט געקאָנט זײַן.

די אַרבעטער האָבן וועגן אַזעלכע זאַכן קיינמאָל ניט געהערט און ווער עס זאָל דאָס פאָדערן איז ניט געווען. דער איינציקער טשי־נאָווניק פון שטעטל איז געווען דער פּריסטאַוו, וועלכער פלעגט קריגן פון די פאַבריקאַנטן זייַן מאָנאַטלעכן געהאַלט—50 רובל אַ חודש — און אַלץ איז שוין געווען כשר.

בייַ די נאַסע פעל פלעגן דאָס רוב אַרבעטער שטאַרבן פון דער „סקאַראַבונקע" (די פעל פון אַ בהמה, וואָס איז פאַרגיפ־טעט געוואָרן פון אַ ביס פון אַ גיפטיקער פליג; צוזירנדיק זיך צו אַט דער פעל, פלעגט דער מענטש אויך פאַרגיפטעט ווערן). נאָר פויערים זייַנען געווען געניג אין די דערפער און אַלץ איז אַראָפּ שטיל און פייַן.

די עקספּלואַטאַציע אין די גאַרבאַרניעס איז געווען אַ שרעק־לעכע. מען פלעגט אָפּליגן אין די גאַרבאַרניעס פון זונטיק פרי ביז פרייַטיק פאַרנאַכט אין פייַכטקייַט, פעטס, טראָן, פאַרבן א. ד. גל. די באַלעבאַטים, אַלס פּראַקטישע מענטשן, האָבן געוווסט, אַז מען טאָר ניט לאָזן קיין אַרבעטער אָן אַן אויפזעער איבער זיי, און אָפּליגן אַ גאַנצע וואָך צוזאַמען אין שמוץ און אין עיפּוש איז דאָך אויך ניט אַזוי אָנגענעם, האָבן זיי איינגעפירט אַ סיס־טעמע פון פאַרמיטלער — „מאַסטערס". מען פלעגט אַרויס־געבן טיילן אַרבעט צו אַ „מאַסטער" און ער פלעגט שוין אָנ־שטעלן אַרבעטער פון זיך און נעמען לערניינגלעך. פון צאָלן שכירות אַלע וואָך, דערפון האָט מען ניט געוווסט; איין מאָל אין צוויי־דרייַ וואָכן פלעגט מען אַרויסרייַסן פון אַזאַ מאַסטער עטלעכע רובל און די חשבונות פלעגן זיך ציען פון איין זמן אין דעם צווייטן. בייַ אַזאַ סיסטעם האָט קיין אחדות (סאָלידאַריטעט) צווישן די אַרבעטער ניט געקאָנט זייַן. יעדער האָט געזוכט אויס־צונעמען, געפעלן ווערן דעם באַלעבאָס אום אַליין צו ווערן אַ מאַסטער.

ווען אַן אַרבעטער איז געווען עפּעס אַ ווייַטער קרוב צו אַ פאַבריקאַנטל אַזאַ און ער האָט געקאָנט האָפן מיט דער צייַט צו ווערן אַ מייַסטער, איז שוין זייַן קורס פון נדן צו אַ שידוך גע־שטיגן העכער ווייַל אָנשטאָט דעם וואָס אַן אַרבעטער פלעגט פאַרדינען 4 — 5 רובל אַ וואָך, פלעגט אַ מייַ־סטער אויסמאַכן 10—12 רובל אַ וואָך. די באַהאַנדלונגען צו

די קלענערע אַרבעטער, די יינגערע, ספּעציעל צו די לערן־ייני־לעך, איז געווען מערדעריש. אַלס אילוסטראַציע קאָן דינען דער פאָלגנדער פאַקט: אַ מײַסטער האָט אַמאָל דערלאַנגט אַ לערן־יינגל אַ קלאַפּ אין קאָפּ, ווען יענער איז געשטאַנען בײַם וואַנט. אין וואַנט איז געווען אַ טשוואָק מיט אַ גרויסן קאָפּ. איז אַרײַן דער קאָפּ פון נאָגל אין דעם יינגלס קאָפּ און ער איז געבליבן צוגעשמידט צום וואַנט. מען האָט געמוזט ברעכן אַ פּעלדשער אים אַראָפּצונעמען פון וואַנט. דער יינגל איז דערנאָך אַוועק אַ פאַרבאַנדאַזשירטער זוכן גערעכטיקײַט בײַם שטאָט־רב. דער רב האָט באַשטראָפט דעם מײַסטער מיט... דרײַ רובל אויף ליכט פאַרן בית מדרש' (דעם רבס אַן איידעם איז אויך געווען אַ פאַבריקאַנט פון לעדער). דערפאַר אָבער האָט זיך דער רב זייער שטאַרק געזאָרגט פאַר די נשמות פון די אַרבעטער; פרײַ־טיק פאַרנאַכט, ווען נאָך אַ וואָך אָפּוואַלגערן זיך אין שמוץ, פלעגן די אַרבטער אַוועקגיין אין באָד זיך אויספאַרען, אַרומוואַשן, פלעגט קומען דער רב טרײַבן פון באָד... „שבת, גוים! גייט אַהיים. עס איז שוין שפּעט!” נאָכן באָד פלעגן קומען די אַר־בעטער רויטע, צעפּאַרעטע אין שול מקבל שבת זײַן, פלעגט זיך איבערטראָגן דער ריח פון גאַרבאַרניע אין שול אַרײַן. די באַ־לעבאַטים האָבן גוט געשמעקט די פאַרדינסטן, וואָס די אַרבע־טער האָבן פאַר זיי געשאַפן, דעם ריח פון גאַרבאַרניע האָט זיי אָבער גאָרניט געשמעקט. האָט מען זיך אָפּגעטיילט און אויסגע־בויט אַן אייגענעם בית־המדרש. איז שוין געווען אַן אַרבעטער־קלויז און אַ באַלעבאַטישער קלויז, לויט נאָך דער יידישער מאַ־ראַל: „פון כל ישראל חברים”.

פיל יונגע אַרבעטער זײַנען זיך צוזאַמענגעפאָרן אַהער פון די אַרומיקע שטעטלך און פלעגן זיך דינגען אַ וווינונג און עסן בײַ די קרינקער אײַנוווינער. כמעט אין יעדער הויז זײַנען גע־ווען עטלעכע פרעמדע אַרבעטער; האָבן די באַלעבאַטים פון די הײַ־זער געמאַכט יד־אַחת און מען האָט בײַ די קוואַרטיראַנטן גע־ריסן געשוואָלענע פרײַזן.

אין יאָר 1897 זײַנען אייניקע יידישע אַרבעטער פון ביאַ־ליסטאָק געקומען אין קרינאָק. דאָס זײַנען געווען אַרבעטער, וועלכע זײַנען שוין געווען פיל ווייניק באַוווסטזיניק, געלעזן איי־

ניקע סאָציאַליסטישע בראָשורן, ווי אויך דורך דער ווירקונג פון די ביאַליסטאָקער סטרײַקס בײַ די וועבער, וואָס זיי האָבן דורכ־געפירט יענעם זומער, האָט זיך דער גײַסט פון פּראָטעסט אויך דערטראָגן אין קרינאָק און עס האָט אויסגעבראָכן אַ סטרײַק אין די גאַרבאַרניעס. אין אָנפאַנג האָבן זיך די באַלעבאַטים גענומען אָפּרעכענען מיט די אַרבעטער־אָנפירער, אויף וועמען זיי האָבן געהאַט אַ פאַרדאַכט, אויפן עכט־רוסישן שטייגער. מען פלעגט זיי אַרעסטירן און אָוועקפירן צום פּריסטאַוו אַלס בונטאָוושטשי־קעס, פאַרשליסן אין זײַן צימער און שלאָגן, דערנאָך אַרויסשיקן פון שטעטל.

ווו צו פאַרזאַמלען זיך איז ניט געווען. זײַנען די אַרבע־טער געפאַלן אויף אַ פּלאַן: אַזוי ווי עס איז געווען אַ באַלעבאַ־טישע קלויז און אַן אַרבעטער־קלויז, פלעגן די אַרבעטער צוזאַ־מענקומען זיך אין קלויז צום דאַוונען, אַוועקשטעלן אַ חזן בײַם עמוד, פּראַווען, כלומרשט, „אַ הויכע קדושה”, אָדער שבת פלעגט שטיין דער בעל־קריאה אויף דער בימה, און דאָרט האָט מען דערוויילע אַרומגערעדט דעם צושטאַנד פון סטרײַק און אויסגעאַרבעט פּלענער אויף ווײַטערדיקער אַרבעט; עס איז באַ־שלאָסן געוואָרן, אַז ווער עס האָט נאָר אַ מעגלעכקײַט, ווער עס קאָן נאָר, זאָל פאַרלאָזן די שטעטל כדי צו פאַרקלענערן די צאָל פון די סטרײַקער. מען איז אַוועק אַרבעטן אויף די פעלדער. עס איז דאָן געווען שניט־צײַט. מען איז אַוועק כאַפּן פיש און אין די גאַרבאַרניעס איז געווען שטיל ווי אויף אַ בית־עולם; די באַ־לעבאַטים האָבן זיך דערוווּסט וואָס עס קומט פאָר אין אַרבעטער־בית־מדרש, האָבן זיי געשיקט דעם פּריסטאַוו און ער האָט די קלויז מיטן קאָזיאָנעם זיגל פאַרחתמט. דאָן האָבן אַלע אַרבעטער אַריבערגעקליבן זיך, איין שבת־פרי אין דער באַלעבאַטישער קלויז און געמאַכט קולות ביז אין הימל אַרײַן, אַז די באַלעבאַ־טים זײַנען געצווונגען צום בעטן דעם פּריסטאַוו צוריק צו עפענען די קלויז, אַבי פּטור צו ווערן פון די פ ר ו מ ע דאַוונער. אין דער צײַט פון סטרײַק פלעגן אייניקע אַרבעטער אָפּט צופאָרן צו אונדז אין ביאַליסטאָק, באַראָטן זיך מיט אונד־

זער אָרגאַניזאַציע. מיר פלעגן זיי שטיצן מיט ליטעראַטור און מיט אַלץ, וואָס עס איז געווען אין אונדזערע מעגלעכקייטן.

ווען די קלויז איז דורכגעפאַלן אַלס קאָנספּיראַטיווע קוואַר־טיר, פלעגן זיך די גאַרבער פאַרקלייבן הינטערן שטאָט, ביינאַכט, אין גריבער און דאָרט אָפּהאַלטן מיטינגען. אייניקע אַרבעטער האָבן אפילו מיטגעבראַכט די תפילין, ביי וועלכע מען האָט גע־געבן אַ שבועה, אַז מען זאָל ניט אַרויסגעבן, „ניט אויסזאָגן פון חדר", אויב אפילו עס זאָל אויסקומען צו ליידן ווי „זאַמען" (זלמן איז געווען דער ערשטער אַרבעטער, וועלכער איז פאַר־שיקט געוואָרן אויף דריי יאָר סיביר). צוזאַמען מיט די ווילנער און ביאַליסטאָקער. עס האָבן זיך אויסגעפונען אייניקע באַגייסטערטע רעדנער, וואָס פלעגן זיך צעווייינען ריידנדיק און פיל פלעגן מיט זיי מיטוויינען. אַברעמלען פּאַרצי — אַ בחור אַ געזונטער מיט אַ פּאָר ברייטע פּלייצעס — האָבן די רעדנער אַזוי צענומען, אַז ער איז געלעגן אויסגעצויגן אויף דער ערד און געטרעוועט אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט. דער הימל איז געווען פאַרוואָלקנט און אַ קליין רעגנדל האָט גע־גאָסן און עס האָט אויסגעקוקט, אַז דער הימל וויינט אויך מיט זיי.

דער סטרייק איז געווונען געוואָרן און דאָס האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף דער אַרבעטער סאָלידאַריטעט און אויף דעם וויטערדיקן שיקזאַל פון דעם גאַרבער־פאַך.

נאָך דעם סטרייק האָב איך באַשלאָסן אַריינצופאָרן אין קרינאַק. פון זיכערקייט וועגן האָב איך מיטגענומען „באַסיען די געלע", אַ קרינקער פּריילין, וועלכע האָט געאַרבעט אין ביאַלי־סטאָק. אירער אַ ברודער איז געווען איינער פון די סטרייקער אין קרינאַק. מיר האָבן מיט אים אָפּגעמאַכט, אַז אויב מען וועט מיך אַרעסטירן, זאָל זי פיגורירן אַלס מיין כלה. פרייטיק ביטאָג זיינען מיר אַריינגעפאָרן אין שטעטל. מיין „כלה" איז אַוועק זוכן פאַר מיר אַ פלאַץ. אין אכסניה אַריינגיין האָב איך ניט געוואָלט. עס וועט זיך אָנפאַנגען די געוויינלעכע פראַגע: פון וואַנעט איז אַ יונגערמאַן? צו וועמען זייט איר געקומען? — אויף יעדן פרעמדן האָט מען דאָך געקוקט מיט פאַרדאַכט, ספּע־

ציעל אויף אַ יונגן מאַן. „פּילײַכט איז ער געקומען אַהער צו בונטעווען די אַרבעטער? — פּלעגט מען אים אײַנלאַדן צום פּריסטאַוו...

אין אַ 15—20 מינוט אַרום איז צו מיר געקומען מײַן „כּלהס״ ברודער, אַ יונגער בחור, און האָט מיר געגעבן אַ ווונק דאָס איך זאָל אים נאָכגיין. אין שטעטל איז פאַר מיר קיין פּלאַץ ניט געווען. ער האָט מיך אַוועקגעפירט אין דאָרף לעבן שטעטל בײַ אַ פּויער אין אַ הײַזל. דעם פּויערס אַ זון איז אויך געווען אַ סטרײַקער. דאָרט בין איך אָפּגעלעגן דעם גאַנצן שבת. אייניקע אַרבעטער, וועלכע האָבן געוווסט פון מײַן זײַן דאָרטן, האָבן מיך געוויינלעך ניט אָפּגעלאָזט. די גאַנצע צײַט, בײַנאַכט האָבן מיר אַרומגעשפּאַצירט אויף די פעלדער הינטערן שטאָט ביז פאַרטאָג. איך האָב צוזאַמענגענומען די אַלע מאַטעריאַלן, וואָס איך האָב נאָר געוווסט וועגן סטרײַק, פאַר אַ קאָרעספּאָנדענץ; אויסגעפרעגט וועגן אַלץ און וועגן דער ווײַטערדיקער אַרבעט. אייניקע האָבן געזונגען אימפּראָוויזירטע לידלעך און אַלע צוזאַמען האָבן געזונגען „די אַרבעטער פרויען״, וועלכע איז דאַן געווען זייער פּאָפּולער. אויף מיר האָט דאָס געמאַכט אַ זעלטן גוטן אײַנדרוק. יונגע ייִדישע בחורימלעך אין מיטן דער נאַכט, אויף די אָפּגעשניטענע פעלדער, קעגן דער שײַן פון דער לבנה, זינגען רעוואָלוציאָנערע לידער. עס האָבן זיך מיר פאַרגעשטעלט בילדער פון דער טשאַרטיסטן־באַוועגונג אין ענגלאַנד, פון טשי־גירינער אויפשטאַנד, וועלכער איז אַרויסגערופן געוואָרן פון לעוו דײַטש און סטעפּאַנאָוויטשן, און ענלעכע בילדער.

שבת בײַטאָג האָבן מיר אָפּגעהאַלטן אַ פאַרזאַמלונג אויף אַ פעלד, ווײַט פון שטעטל, פון אַ פּאַר צענדליק מענטשן. וואָס איך האָב זיי דאַן פאַרגעלעזן און וואָס איך האָב גערעדט, גע־דענק איך איך שוין ניט... בײַנאַכט האָט מען מיך אָפּגעפירט אין אַ צווייטע פּויערשע הײַזל. דאָרט האָט מען מיך באַקאַנט מיט איינעם אַ פּאָליאַק, אַ „פּאַזאָלאָטשיק״ פון וואַרשע, וועלכער איז געקומען אַהער צו באַגילדן דעם קופּאָל פון קלויסטער און די אַנ־דערע הייליקע בילדער. דער פּאָליאַק איז געווען אַ סאָציאַליסט, וועלכער האָט נאָך באַלאַנגט צו דער פּאַרטיי „פּראָלעטאַריאַט״

(אין דער צײַט ווען אין רוסלאַנד האָט נאָך עקזיסטירט די „נאַ־ראָדנאַיאַ וואָליאַ", האָט אין פּוילן עקזיסטירט אַ רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי מיט דעם נאָמען). ווען ער האָט דערזען, אַז דאָ איז פּאַראַן אַ פעלד פאַר אַגיטאַציע, האָט ער זיך באַקאַנט מיט די ייִדישע אַרבעטער און זיי האָבן אים אַרײַנגענומען אין אַ גאַרבאַר־ניע אַלס אַרבעטער. ער האָט זיך צוליב זיי געלערנט ייִדיש און דאַן האָט ער שוין געלייענט ניט שלעכט אַ בראָשורע „אַרבעט און קאַפּיטאַל", סווידערסקיס אין ייִדיש. מיר האָבן אַרומגע־שפּאַצירט איבערן שטעטל. ער האָט מיך אָוועקגעפירט צו אייניקע פּויערים, וועלכע ער האָט אַגיטירט און מיר האָבן זיך געזעגנט. פּאַרטאָג זונטיק פרי זײַנען געקומען צולויפן צו מיר אַ פּאָר גאַרבער און מען האָט מיר איבערגעגעבן, אַז אין שטעטל רעדט מען שוין שטאַרק, אַז מען האָט געזען נעכטן בײַנאַכט אַרומגיי־ענדיק איבער די גאַסן צוויי „קאַטאַרזשאַנצעס" מיט בלאָנדע וואָנצן און מיט בלישטשעדיקע קאַזירקעס. בײַ אַזאַ צושטאַנד לוינט זיך שוין דאָ ניט מער צו פאַרבלײַבן אַלס „קאַטאַרזשאַנ־צעס". איך האָב גענומען „מײַן כלה" און אָפּגעפאָרן צום וואָק־זאַל מיט אַ פּויערשער פורל.

אין אייניקע וואָכן אַרום האָט מען דעם פּאָליאַק אַרעס־טירט. ער איז אָפּגעזעסן אַ צײַט לאַנג אין גראָדנער טורמע. זײַן נאָמען איז געווען פּערדינאַנד זאַלעסקי. צווישן די קרינקער אַר־בעטער פלעגט מען זײַן נאָמען דערמאָנען מיט ליבע און מען האָט אים זאָגאַר פאַרהייליקט און דערציילט לעגענדעס וועגן אים.

אין אַ האַלב יאָר שפּעטער האָבן שוין די קרינקער באַלעבאַ־טים אַרויסגעצוווּנגען אַ סטרײַק אויף די אַרבעטער. דאַן זײַנען זיי אַוועקגעפאָרן נאָך בערדיטשעוו און פון דאָרט אַראָפּגעבראַכט אַרבעטער. קיין סטרײַק־ברעכער האָט מען זיי ניט געקאָנט רופן, ווײַל זיי האָבן אייגפאַך ניט געוווּסט וואָס דאָס איז אַזוינס. אייניקע קרינקער אַרבעטער האָבן דאַן געמוזט פאַרלאָזן דאָס שטעטל און זיי זײַנען מגולגל געוואָרן אין בערדיטשעוו.

די בערדיטשעווער גאַרבער, וויפיל די באַלעבאַטים פון קרי־נאַק האָבן ניט געטרײַט צו האַלטן זיי איזאָלירט, האָבן דאָך ביס־לעכווײַז גענומען פילן דעם גײַסט פון פּראָטעסט און זיי האָבן זיך קירצלעך צוריק אומגעקערט אַהיים. און דער זעלבער גײַסט

פון אַרבעטער סאָלידאַריטעט און קאַמף האָט זיך אָנגעהויבן צווישן די גאַרבער אין בערדיטשעווער פאַבריקן אויך. נאָר דאָס איז שוין ניט אין דעם געביט פון מײַנע דערינערונגען.

דעם ערשטן מאָל איז די קאָרעספּאָנדענץ געווען געדרוקט אין בונדיסטישן זשורנאַל „דער אידישער אַרבייטער״ אין בערלין, וועלכער איז רעדאַקטירט געוואָרן פון איינעם אַ קריסטלעכן גע־נאָסע, בוכהאָלץ. ער איז געווען אַ רוסישער דײַטש. דער נומער איז געווען אַזוי שלעכט רעדאַקטירט — פול מיט גרײַזן — און טעכניש אַזוי שלעכט אַרויסגעקומען, דאָס גענאָסע גלעב האָט מיר, מיט יאָרן שפּעטער געזאָגט, שוין זײַענדיק אין אויסלאַנד, דאָס ער האָט זיך דאַן געשעמט אָפּצושיקן צו אונדז דעם נומער אין ביאַליסטאָק. איך האָב דאַן געקלערט, אויב איך וועל אַמאָל דערלעבן בעסערע צײַטן, בײַ פרײַערע געלעגנהײַטן, וועל איך דאָס פּרובירן איבערדרוקן.

7

ווי מען האָט געפייערט דעם ערשטן נומער פון אַן אייגענער צייטונג

די זון האָט אָנגעהויבן צו וואַרעמען די ערד און אַראָפּ־שיקן מיליאָנען שטראַלן. אויף די פעלדער האָט זיך נאָך ערטער־ווײַז געזען שוואַרצע ערטער שניי און אײַז, און עס האָט אויס־געזען דאָס זיי איז זיך שווער צו שיידן מיט דער ערד, וועלכע זיי האָבן אײַנגעדעקט דעם גאַנצן ווינטער. אויף די בערגלעך האָבן שוין גענומען אַרויסשפּראָצן גרינע גרעזעלעך און די בוי־מער האָבן אָנגעהויבן אויפצולעבן.

אין דער שטאָט ד. איז שוין געווען טרוקן און פריילעך אין די גאַסן. די זומערפייגעלעך האָבן זיך שוין גענומען באַווײַזן אין די גאַסן און מען האָט באַמערקט ווי אַלץ לעבט אויף.

די אַרבעטער־באַוועגונג אין שטאָט האָט אויך גענומען אויפלעבן. מען האָט אָנגעהויבן אַרויסקריכן פון די ענגע, שמו־ציקע באַהאַלטענע דירות. מען האָט אָנגעהויבן באַזוכן דעם וואַלד. מען האָט שוין געהאַט באַשטימט אַ קאָמיטע, וועלכע זאָל גיין שבת אין וואַלד אויסזען אַן אָרט ווו צו פײַערן דעם ערשטן מאַי, וואָס עס האָט געדאַרפט זײַן אין דרײַ וואָכן שפּע־טער.

הענעך דער אַגיטאַטאָר איז געגאַנגען מיט זײַטיקע געסלעך און אָפט אַרומגעקוקט זיך פון הינטן, צי מען גייט אים ניט נאָך, איז ער אַרויף צו שמעונען אויפן קוואַרטיר וואָס איז געווען אויפן צווייטן עטאַזש, אין אַ זײַטיקער געסל, און האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר. שמעון האָט אויפגעעפנט. ווי ער איז אַריין, איז צוגעלאָפן צו אים ישראל דער שוסטער, אַ יונגער סופטילער בחור, אַ ביסל העכער פון מיטעלן וווקס מיט אַ בלאַסע ענערגישע געזיכט: „עס איז שוין דאָ אַ נומער! עס איז שוין דאָ אַ נומער! טויזנ־טער עקזעמפּליאַרן! אי, וועלן מיר דאָס געבן אַ שפּרייט אי־

בערן שטאָט !" — האָט ער אַרויסגערעדט מיט שמחה אַלעס מיטאַמאָל, אַזוי ווי ער וואָלט מורא געהאַט דאָס אַן אַנדער זאָל ניט אַרויסכאַפּן פריער פון אים, און אָנזאָגן די בשורה.

— אַ גוטער נומער — האָט זיך אָפּגערופן שמעון קאַלט־בלוטיק, אַראָפּנעמענדיק אַ פּראָקלאַמאַציע פון העקטאָגראַף און דערלאַנגענדיק ליובאַ די שנײַדערקע, וואָס איז געשטאַנען לעבן אים.

— מיר האָבן פריער ניט געקענט איבערקאָכן דעם העקטאָ־גראַף — האָט שמעון ווײַטער אָנגעהויבן, — עס האָט געפעלט אַ קאָפּיקע אויף שוועבעלעך, און גיין אַנטלײַען בײַ די שכנים, האָט זיך ניט געוואָלט, עס טויג ניט, צופיל אַרומצודרייען זיך; זיי הויבן אָן צו פרעגן קשיות: „וואָס איז די מעשה וואָס איר זיצט אין שטוב? צי עס איז ניטאָ קיין אַרבעט?" הײַנט גיי זוך פאַר זיי תירוצים. איצט גייט ברענגט וואָס צו עסן און שוועבעלעך.

הענעך איז אַרויס אין גאַס, געקראָגן אַנטלײַען אַ רובל, און געבראַכט ברויט, הערינג, פּוטער, צוקער און אַ פּושקע שוועבע־לעך. ליובאַ האָט אויפגעקאָכט טיי און זיי האָבן זיך גלײַך גע־זעצט עסן.

— וואָס הערט זיך אין שטאָט? — האָט ליובאַ געפרעגט הענעכן.

— אין שטאָט טוט זיך נאָך אַלץ אָפּ מעשים, — האָט ער געענטפערט — ווו מען גייט, הערט מען נאָר ריידנדיק וועגן די אַרבעטער, וועגן די סטרײַקס, נאָך די צוויי סטרײַקס, וואָס מיר האָבן אָרגאַניזירט, גלײַך נאָך פּסח, בײַ די מולי־אַרעס און בײַ די סטאָליאַרעס און זיי האָבן געוווּנען אַלע זייערע פאָדע־רונגען, האָט זיך אָנגעהויבן אַ רייע סטרײַקס בײַ אַלע בוי־אַרבע־טער, בײַ די מאָליער, שלאָסערס און אפילו בײַ די טאָג־אַרבע־טער. עס איז ניט געבליבן קיין איין פאַך, ווו מען רײַסט זיך ניט צום סטרײַקן.

— מיר דאַכט, — האָט הענעך ווײַטער גערעדט, אַרומגיי־ענדיק איבערן שטוב, — אַז צוזאַמען מיט די נומערן פון אונד־זער צײַטונג, האָט מען אונדז אויך געבראַכט אַ פּאָר „אורחים". עס איז אומנאַטירלעך, מען קען פּראָסט אַ גאַס ניט דורכגיין.

— געוויס, — האָט זיך ליובאַ אָפּגערופן מיט איר קליינ־געגנדיקער שטימע און מיט איר שטענדיקן שמייכל, — איך האָב שוין דאָס אויך באַמערקט. וואָלטן מיר כאָטש דעם ערשטן מאַי אַראָפּפּטרן; דערנאָך זאָל שוין זײַן וואָס עס וועט זיך ניט מאַכן; נאָר טאָמער פאַרנעמט מען אונדז פריער, איז אַ שאָד אונדזער גאַנצע אַרבעט.

— ניין, הונדערט פּראָקלאַמאַציעס זײַנען שוין פאַרטיק. אפשר איז דאָס גאָר גענוג? — האָט שמעון אַ פרעג געטאָן.

— יע, יע, עס קען שוין באַלד קלעקן. נאָך הונדערט דאַרף מען מאַכן פאַרטיק, — האָט העניך געענטפערט. ער איז צוגע־גאַנגען צום טשעמאָדאַן, האָט אַרויסגעשלעפּט אַ פּאַק נומערן און אָוועקגעלייגט לעבן ישראלן. — יעצט וועלן מיר זיך נעמען צום שטעמפּלען.

ישראל איז געשטאַנען אין אַ שוואַרצער העמדל מיט פאַר־קאַשערטע אַרבל, אָן אַ היטל, און האָט מיטן קאָמיטעטסקן זיגל געמאַכט פון אַ קאַלך־שטיינדל געהאַלטן אין שטעמפּלען די פּראָ־קלאַמאַציעס. העניך האָט באַטראַכט אַ פּאָר נומערן. „דער ד. פלוג־בלאַט נומער 1", האָט ער דורכגעלייענט הויך מיט אַ צופרידענעם טאָן, דעם נאָמען פון דער אייגענער צײַטונג פון ד—ער בונדיסטן און ער האָט איבערגעמישט אַ פּאָר בלעטער. „זעט!" האָט ער אַ זאָג געטאָן האַלב אין כעס. „עס איז דאָך ניט אָפּגעטיילט דער פעליעטאָן פון דעם אויבערשטן אַרטיקל. די, וואָס וועלן אים גע־פינען, וועלן לייענען כסדר אַראָפּ און עס וועט אַרויסקומען אַ פּלאָנטער.

אַלע זײַנען צוגעלאָפן באַטראַכטן דעם נומער.

— עס איז קיין בייז ניט — האָט זיך אָפּגערופן שמעון — אַ קליינער אָפּשטעל איז יע פאַראַן. דאָ פעלט נאָר דורכצופירן אַ שטרײַך מיט טינט, אויב מען וויל שטאַרק. אויף וויפיל זײַט־לעך פאַרנעמט דער פעליעטאָן?...

— אויף פיר — האָט העניך געענטפערט, איבערציילנדיק אייניקע בלעטער, — מען דאַרף זיך נעמען צו דער אַרבעט, — האָט ער געזאָגט שטײַף און אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם רעקל מיט דער הוט און האָט זיך גענומען פאַרריכטן דעם דרוק־פעלער.

צווי אַזייגער בײַנאַכט. די אַרבעט האָלט שוין בײַם סוף. ליובאַ האָט זיך צוגעלייגט אויפן זאָפקע. שמעון האָט געדרעמלט בײַם טיש זיצנדיק אָנגעשפּאַרט אויפן האַנט. אויסער ישראל און הענעך: זיי האָבן נאָך געאַרבעט פלײַסיק. מיטאָמאָל האָבן זיך דערהערט צווי קליינע קלעפּ אין טיר. אַלע האָבן גלײַך דער־קענט נאָך די קלעפּ, אַז דאָס איז אַן אייגענער מענטש. נאָר וואָס עפּעס אַזוי שפּעט בײַנאַכט, האָט אַלעמען באַאומרויִקט. ליובאַ איז אַראָפּגעשפּרונגען צעשראָקן פון זאָפקע, שמעון האָט לאַנג־זאַם אויפגעהויבן דעם קאָפּ און איז פאַמעלעך אַרויס עפענען די טיר. עס איז אַרײַנגעקומען אַן אַרבעטער.

דער אַרײַנגעקומענער איז געווען צעשראָקן און פאַרסאָפּעט, דאָס ער האָט קוים דעם אָטעם געקענט אָפּכאַפּן.

— אין שטאָט איז יעצט אַן אַבלאַווע. מען האָט שוין גע־מאַכט אַביסקן אין אייניקע קוואַרטאַלן... מעגלעך, אַז מען זאָל קומען אַהער אויך, — האָט ער קוים אַרויסגערעדט אָפּציענדיק דעם אָטעם.

— וואָס זאָל מען איצט טאָן? — האָט זיך בײַ יעדערן געשטעלט די פראַגע. שמעון האָט פאָרגעשלאָגן, דאָס מען זאָל אַלעס אויסבינדן אין פּעקלעך און יעדער זאָל נעמען אַ פּעקל און אַוועקגיין ווו נאָר ער קען. הענעך האָט פאָרגעלייגט, דאָס מען זאָל אַלעס אײַנפּאַקן אין צווי טשעמאָדאַנעס און צווי זאָלן אַוועקפאָרן צום וואָקזאַל, און אַזוי ווי יעצט איז פאָר אַ צוג, זאָל מען דאָס אָפּגעבן „נאַ כראַנעניע" (אין סטאָראַדזש רום). דער אָנגעקומענער אַרבעטער האָט פאָרגעלייגט, דאָס מען זאָל גלײַך אַרויסגיין פון דירה, און מאָרגן פרי וועט מען זען וואָס מ'האָט צו טאָן. דערווײַל זײַנען אַלע געשטאַנען און גאָר־נישט געטאָן.

— ניין, — האָט זיך אָפּגערופן ישראל דער שוסטער — מיר מוזן דאָ פאַרבלײַבן, וואָס עס זאָל ניט זײַן; ס'איז איצט ניטאָ וווהין צו גיין, און ווו צו פאָרן אין מיטן דער נאַכט, מאַכן אַ טומל און אויפוועקן די שכנים. די קוואַרטיר איז אַ זיכערע, אויפן גאַס קענען מיר זיך נאָך אָנטרעפן אויף דער פּאָליציי.

ישראלס עצה איז אָנגענומען געוואָרן און אַלע זײַנען גע־בליבן וואַרטן ביז טאָג. ישראל האָט זיך געפּרוווט זעצן אַר־

בעטן און ער האָט געגומען אין האַנט אַ פּעדער מיט דער „ווי־רע", דורכגעפירט אַ פּאָר שטריכן אויף צוויי בלעטער און האָט אַ שמיץ געטאָן די „ווירע" אָן טיש מיט כעס, דאָן האָט ער גענומען צוויי נומערן פלוגבלעטער און אַרײַנגעלייגט אין בוזים־קעשענע און האָט גענומען פון טיש אַ מעסער און האָט אָנגע־הויבן אַרומצוגיין איבערן צימער הין און צוריק, דאָס געזיכט איז אים געוואָרן נאָך בלאַסער, די אויגן האָבן אים אָנגעהויבן צו פינקלען. ער האָט די גאַנצע צײַט אַ וואָרט ניט אַרויסגערעדט. זײַן אויפרעקונג האָט געווירקט אויף אַלעמען און אַלע זײַנען גע־זעסן צעשראָקן, קוקנדיק אויף אים. צום סוף האָט ער אַרויסגע־רעדט:

— קאָנטשעט איר די אַרבעט, קינדער, איך קען ניט. נאָר ווען עס זאָל קומען די פּאָליציי, דאָן איז אָט מיט דעם אין האַנט, מוז איך זען אַרויסרײַסן זיך. — ער האָט אַ הויב געטאָן די האַנט אין דערהויך, דער מעסער האָט אַ בלאַנק געטאָן אין דער לופטן — און אַרויסראַטעווען כאָטש די צוויי נומערן. זאָלן אין שטאָט די אַרבעטער וויסן, אַז עס איז געווען אַ ד—ער פלוג־בלאַט, און די פּאָליציי האָט אים פאַרנומען. — און ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט בײַם טיר מיטן מעסער אין האַנט און ער איז אַזוי אָפּגעשטאַנען ביז אינדערפרי.

שבת בײַטאָג איז געווען אַ פאַרזאַמלונג אין וואַלד פון אַ 20—25 מאַן אַגיטאַטאָרן און אַגיטאַטאָרינס. הענעך האָט זיי געבראַכט עטלעכע נומערן פון דער אייגענער צײַטונג. אַלע האָבן זיך געפרייט, אַרויסגעזאָגט זייערע מיינונגען. איינער האָט גענו־מען דורכלעזן די רעכענונגען פון קאָמיטעט: פון אַ מזל טוב 50 קאָפּיקעס, פון אַ תנאים 50 קאָפּיקעס, פון אַ חתונה 1.50 קאָפּ., פון אַ דראָטווע־ציער 35 קאָפּיקעס. דאָ האָט ישראל דער שוסטער אָנגעהויבן צו שמייכלען, און אויף אים קוקנדיק, האָבן זיך צע־לאַכט אַלע. איינער האָט פאַרגעשלאָגן, דאָס מען זאָל אויסקלײַבן אַ פאַרזיצנדן. „הענעך!", „הענעך!", האָבן אַלע גענומען שרײַען, און מען האָט זיך אַלע אויסגעזעצט אויפן גראָז אין אַ ראָד. הענעך האָט איבערגעגעבן, דאָס עס איז שוין פאַרטיק 12 הונדערט פּראָ־קלאַמאַציעס, און דאָס עס איז דאָ טויזנט נומערן פון דער צײַ־טונג, אַלזאָ רעכנט דער קאָמיטעט צו לאָזן 100 פאַר זיך און די

איבעריקע צעשפרייטן. מען דאַרף נאָר אויסאַרבעטן אַ פּלאַן ווי צו פֿאַרשפּרייטן, און אין וועלכן טאָג. מען דיסקוטירט, געקריגט זיך. יעדער האָט פֿאַרגעלייגט פּלענער, ביז מען האָט אָפּגעמאַכט, דאָס מען זאָל גיין פּאָרווײַז, אַ בחור מיט אַ מיידל, און יעדע פּאָר האָט אויף זיך גענומען צוויי קוואַרטאַלן.

הענעך האָט פֿאַרגעלייגט, דאָס צוריקגייענדיק נאָכן פֿאַרשפּרייטן די ליטעראַטור, זאָל איינער פֿון אַ קוואַרטאַל דורכגיין די אָפּיצערסקע גאַס און מאַכן אַ צייכן מיט אַ שטיקל קרײַד אויפֿן פּאָסט־קעסטל, דאַן וועט דער קאָמיטעט קענען וויסן גלײַך אינדערפֿרי צי מען האָט וועמען אַרעסטירט צי ניט. אויך האָט ער פֿאַרגעלייגט, דאָס אַלע די, וואָס וועלן צעוואַרפֿן די ליטעראַטור, זאָלן זיך ניט הײַלן אַרויסצוגיין אין גאַס ביז 8—9 אין אָוונט.

ווען אַלץ איז שוין געווען אָפּגעמאַכט, האָט יאָסל אַרויסגענומען פֿון צווישן די קוסטעס אַ פּלעשל שנאַפּס, און אַ לעבל ברויט, ווורשט און קעז, עס האָבן זיך אָפּגעזוכט עטלעכע פּלעשלעך ביר, מען האָט גענומען צובײַסן און האַלטן קורצע רעדעס, אייניקע האָבן גענומען זינגען רעוואָלוציאָנערע לידער.

די זון האָט זיך גענומען אַראָפּלאָזן און באַלויכטן די שפּיצן פֿון די ביימער. הענעך האָט זיך אויסגעצויגן אויפֿן גראָז און געקוקט הויך, הוין אויפֿן הימל, ווו עס האָבן זיך געטראָגן ווײַסע שטיקלעך וואָלקנס מיט באַגילטע ברעגעס. דער הימל אין מערב־זײַט איז געווען רויט ווי פֿײַער, די שפּיצן פֿון די ביימער האָבן זיך לאַנגזאַם באַוועגט. ער איז געלעגן און געטראַכט: ווער וויס ווו מיר וועלן זײַן איבעראַכטאָג אין דער צײַט? עס האָט אָנגעהויבן צו בלאָזן אַ ווינט. מען האָט זיך גענומען קלײַבן אַהיים, מען האָט אָנגעהויבן געזעגענען זיך, און צו קושן זיך. אַלעמען איז געוואָרן אומעטיק אויפֿן האַרצן. די מענער האָבן אַראָפּגעלאָזן די קעפּ, בײַ די פֿרײַלינס האָבן זיך געוויזן טרערן אין די אויגן. „באַבעס!", האָט אַ זאָג געטאָן ישראל דער שוסטער מיט איראָניע. ער האָט אַלעמען פֿרײַנטלעך געדריקט די הענט און צוגעוווּנטשן צו זען זיך ווידער איבעראַכטאָג שבת. מען איז זיך צעגאַנגען פּאָרווײַז און יעדער האָט געטראָגן מיט

זיך איין געפיל, אַ געפיל פון פרייד מיט דעם ערשטן נומער פון אַן אייגענער צײַטונג.

מיטוואָך אַכט אַזייגער אינדערפרי איז הענעך אַרויס אויף דער אָפיצערסקי גאַס אַרײַנוואַרפן אַ בריוו אין פּאָסט־קעסטל און ער האָט איבערגעציילט נײַן פּאַסיקלעך פון קרײַד אויפן קעסטל. איינער פעלט, האָט אים אַ צופּ געטאָן בײַם האַרצן, און ער איז גלײַך בלייך געוואָרן. די הענט האָבן זיך בײַ אים געגנר־מן טרייסלען, ער איז אַרויפגעלאָפן אין שטוב, און האָט זיך אויף גיך אָנגעטאָן און אַרויסגעלאָפן אין גאַס. איבעראַל האָט מען גערעדט וועגן די „צעטלעך", די "פּאַסקווילן". איינער אַ ייִד מיט אַ גרויסער באָרד, אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע, גייענדיק פון דאַוונען מיטן טלית און תפילין אונטערן אָרעם, פרעגט דעם צווייטן:

— איר האָט אַביסל געזען וואָס די יונגאַטשעס האָבן אָפּ־געטאָן? אין אַלע בתי־מדרשים אפילו האָבן זיי אַנגעוואָרפן זייערע טריפענע פּאַפּירלעך. מען דאַרף זיי עוקר מן השורש זיין!

פּאָליציי און שפּיאָנען זײַנען אַרומגעלאָפן ווי די פאַרסמטע מײַז.

אַרום צען אַ זייגער האָט זיך הענעך דערוווסט: דאָס ישראל מיט ליובען זײַנען אַרעסטירט. ער איז געקומען אַהיים, נאָך אַמאָל איבערגעקוקט זײַנע ביכלעך, פילײַכט האָט זיך נאָך וואָס פאַרוואַלגערט. ער האָט פאַרברענט די ניט־וויכטיקע פּאַפּירן, און האָט אַזוי פאַרבראַכט אַן אומרויִקן טאָג. צום אָוונט, ווי נאָר ער האָט זיך געלייגט אויפן בעטל, זײַנען אָנגעלאָפן פּאָליציי און זשאַנדאַרמען און מען האָט אים אויך צוגענומען.

***

נאָך די הייסע און לאַנגע זומערדיקע טעג, אָדער שבת, ווען אַרבעטער פלעגן אַרומשפּאַצירן אויפן „דאַמבע בײַ די קילע ברעג־געס פון דער טײַך, ווען די נאַטור רופט צו זיך און יעדע באַ־שעפעניש לעבט און האָט פאַרגעניגן, דאַן פלעגן שטיין דרײַ גע־פאַנגענע בײַ די אײַזערנע גראַטעס פון די קליינע אָפענע פענצ־טער פון דעם פינפעטאַזשיקן רויטן מויער, וואָס איז געשטאַנען

בײַם דאַמבע און אַרויסקוקן פון זייערע ענגע קעמערלעך אויפן ברייטן וועג; דאָן האָבן פיל אַרבעטער געפילט אויף זיך דעם חוב פאַרבײַצוגיין און באַגריסן זיי, און קוקן אויף זיי מיט ליב־שאַפט און מיט רחמנות, און דאָס איז געווען זייער דאַנק און באַלוינונג פאַר דעם אייגענעם ערשטן נומער.

אַ טעות

דער קאָנספּיראַטיווער לעבן פון אַ בונדישן אַגיטאַטאָר איז אימער געווען אַ לעבן פון נויט, שרעק און פאַרפאָלגונגען, סיי פון די רעגירונגס־שפּיאָנען, פּאָליציי און זשאַנדאַרמען, ווי אויך פון דער געזעלשאַפט. אַ געניטער אַגיטאַטאָר אָבער איז אימער געווען פאָרזיכטיק און אַלע זײַנע מעשים און באַוועגונגען. דער אַרט לעבן האָט אָבער געפאָדערט זייער פיל אָנשטרענגונג פון די נערוון, שטענדיק זײַן אויף דער וואַך. דאָך פלעגן טרעפן זייער אָפט קאָמישע פּאַסירונגען פון צו־פיל פאָרזיכטיקײַט.

בערל דער גאַרבער איז חול המועד פסח געפאָרן פון ווי־טעבסק אויפן גאַרבער־צוזאַמענפאָר. ער איז געקומען אין ווילנע, געזען זיך מיט וועמען ער האָט געדאַרפט; פילע באַקאַנטע האָבן געוווּסט צוליב וואָס ער איז געקומען און ווו ער פאָרט. נאָר די, וואָס זײַנען ניט געווען דירעקט פאַראינטערעסירט, האָבן לויט נאָך די רעגעלן פון קאָנספּיראַציע געשוויגן. ער איז אויף מאָרגן אָפּגעפאָרן נאָך קאָוונע. אויפן וואָקזאַל האָט ער געזוכט די פּערזאָן, וועלכע האָט אים געדאַרפט באַגעגענען דורך אַ געוויסן צייכן. ניטאָ. ער איז אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן, ער באַ־געגנט קיינעם ניט... אַן אַדרעס האָט ער יאָ געהאַט פון אַ פּערזאָן אויף פּאָטשטאָווע גאַס, אָבער ער האָט אים ניט גע־קאָנט געפינען. טראַכט ער זיך: ער וועט פּרובירן אָנשרײַבן אַ בריוו אויף דעם אַדרעס, אום זיי זאָלן אים קומען זוכן, און ער האָט עקסטראַ גענומען צוליב דעם אַ האָטעל. צוויי מעת־לעת (מיסלעס) האָט ער זיך אַרומגעדרייט איבער די קאָוונער גאַסן ביז ער איז פאַרקראָכן אין סלאָבאָדקע (אַ פאָרשטאָט). אַז ער האָט דערזען אַ בריוו־טרעגער, איז ער צוגעגאַנגען צו אים און האָט אים געפרעגט, פילײַכט ווייס ער פון אַזאַ אַדרעס?... — שטעל זיך פאָר — זאָגט ער צו אים — שוין צוויי טעג, אַז איך

טראָג זיך אַרום מיט אַ בריוו אויף דעם זעלבן אַדרעס, און איך קען אויך ניט געפינען דעם פּערזאָן, און ער צייגט בערלען דעם בריוו, וואָס ער אַליין האָט געשריבן.

ווען בערל איז צוריקגעקומען נאָך ווילנע, האָט ער זיך דערוווּסט, דאָס ער האָט גאָר געדאַרפט פאָרן נאָך גראָדנע.

— סטייטש, ווי מאַכט איר דאָס אַזאַ טעות ?!... — האָט ער זיך געווענדט צו ליזע אַמסטערדאַם מיט אויפרעקונג און פאַר־דראָס. — צוליב אייך בין איך ביים צוזאַמענפאָר ניט געווען. מיט וואָס וועל איך יעצט קומען אַהיים ? וואָס זאָל איך זאָגן די גאַרבער ?...

ליזע האָט זיך געפילט שולדיק און האָט פאַרצווייפלט גע־שמייכלט, און איך, דער שרייבער פון די דערינערונגען, האָב זיי געטרייסט, דאָס אין דעם קאָנספּיראַטיוון לעבן פון רעוואָלוציאָ־נערן קאָנען פּאַסירן אַזוינע זאַכן, וואָס אין אַלטעגלעכן נאָרמאַלן לעבן קאָן מען זיך גאָר ניט פאָרשטעלן. אַט האָט אַמאָל אַ „נאָ־ראָדאָוועץ", וואָס האָט געוווינט אין פּעטערבורג, געמוזט צו־פאָרן קיין קיעוו, אויסצוגעפינען דעם אַדרעס פון זיין אַ חבר, וועלכער האָט אויך געוווינט אין פּעטערבורג.

9

ווי אַן אַגיטאַטאָר האָט זיך אַליין ניט דערקענט

הענעך דער אַגיטאַטאָר איז שוין געווען צען יאָר אין דער באַוועגונג. די ערשטע פֿינף יאָר האָט ער נאָך געאַרבעט פֿאַר אַ קליין געהאַלט אין אַ לאַזיריק פֿאַבריקל צוועלף שטונדן אַ טאָג, און נאָך דער אַרבעט האָט זיך ערשט אָנגעהויבן זײַן ווירקלעכער לעבן, ער פֿלעגט לויפֿן וויאָרסטן ווײַט הינטערן שטאָט, אויף די דאַטשעס, געהיימע קוואַרטירן, הערן אַ פֿאָרלעזונג וועגן נאַטורוויסנשאַפט, פּאָליטישע עקאָנאָמיע, מען פֿלעגט זיך צוזאַמענקלײַבן אין די ענגע צימערלעך צען פופצן מענטשן, יונגע בחורים מיידלעך און דיסקוטירן פֿראַגן ביז איינס, צוויי בײַנאַכט און אַמאָל ביז פֿאַרטאָג, דערנאָך האָט מען געדאַרפֿט גיין אַהיים אין צווייטן ברעג שטאָט מיט אַ קאָפּווייטיק פֿון דער פֿאַרשטיקטער לופֿט און פֿון ניט דערשלאָפֿן, אַזוי איז געווען כמעט יעדער טאָג אין וואָך, דאָך האָט ער פֿאַרדינט כאָטש אויף לעבנסמיטל, דאָס הייסט אויף ניט צו הונגערן.

די לעצטע פֿינף יאָר זינט הענעך איז געוואָרן אַ רײַזנדער אַגיטאַטאָר פֿלעגט אים אויסקומען ניט צו דערעסן אויך, און נאָך מוזן קריגן געלט פֿאַר דאָס נייטיקסטע, פֿאַר דער באַוועגונג. ווי אַן אַגיטאַטאָר פּראָפּאַגאַנדיסט, האָט ער שטענדיק באַדאַרפֿט לייענען ביכער וועגן די נײַסטע פּראָבלעמען, דער דאָזיקער אַרט לעבן האָט אַזוי געווירקט אויף זײַן געזונט דאָס ער האָט אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן פֿאָרן אין אויסלאַנד ווו מען קען שלאָפֿן אַ נאַכט רויק. פֿאַרבעסערן דעם געזונט, און פֿאַרשטאַרקן די נערוון, טראַכט ער וועגן אויסלאַנד שוין עטלעכע מאָנאַטן, דער ווייל פֿאָרט מען אַרום איבער שטעט און שטעטלעך, ווו דער לעבן איז פֿול מיט פּאַסירונגען טראַגישע און קאָמישע און מען האָט קיין צײַט ניט צו טראַכטן וועגן זיך. אָט איז אים אויסגעקומען צו שלאָפֿן אַ נאַכט אין ריגע בײַ אַ דאָקטאָר אין אָפּיס

ווי מען האָט אים פאַרגעשטעלט מיט אַ נאָמען פון דער הפטורה, פאַר דער גאַנצער אַריסטאָקראַטישער געזעלשאַפט ווי יעדער האָט געהאַלטן פאַר אַן ערע אַרויסצוזײַן זײַן ראַדיקאַליזם אין פּאָלי־טיק און ליטעראַטור. איינעם אַן אַפּטייקערס אַ פּרוי, פון וועלכן הענעך האָט געקראָגן 15 רובל פאַרן רויטן קרייץ האָט אַרויסגע־זאָגט מיט שטאָלץ: מײַן ברודער איז אויך געווען אַ פּאָליטישער! אויף דער צווייטער נאַכט איז שוין הענעך געשלאָפן אין דווינסק זאַלבעפערט בײַ אַן אַרבעטער אויפן פּלאָר ווו די מײַז האָבן אַרומגעטאַנצט אויפן געזיכט.

אייניקע טעג פאַרן ערשטן מאַי, איז מען מכבד הענעכן אַוועקצופירן פּראָקלאַמאַציעס אין וויטעבסק. 10 אינדערפרי שפּאַ־צירט זיך הענעך אַרום אין גובערנאַטאָרס גאָרטן און וואַרט זיך צו טרעפן מיט מאָטע דעם רבס, באַוואָקסן איז ער געווען מיט לאַנגע האָר, אַ בלאָסער, ניט קיין ראַזירטער שוין פון אַ מאָנאַט, מיט אַ לאַנגן שוואַרצן אויבערמאַנטל און ברילן. אַנטקעגן אים גייט פון דער ווײַטנס אַ יונגער רוסישער „פּאָפּ" מיט לאַנגע האָר מיט אַ פּאָלערינע און ברילן און נייגט זיך פאַר אים, און ציט אַרונטער די הוט. הענעך ענטפערט ניט. ווי קומט ער צום גלח?... ער האָט זיך אַרומגעקוקט, ניטאָ קיינער חוץ אים אין סאָד, דער גלח קומט צו נעענטער, און האַלט זיך אין איין נייגן און ציען די הוט, מילא, טראַכט זיך הענעך, מען דאַרף אים ענטפערן. ער האָט אויך אַרונטערגענומען די הוט און פאַרנייגט זיך פאַרן גלח, — מען קען דאָך ניט זײַן אַזוי גראָב און ניט ענטפערן ווען יענער באַגריסט דיך. ווען דער גלח איז צוגעקומען גאָר נאָענט האָט ער שוין איינגעזען זײַן טעות און איז פאַר־בײַגעגאַנגען, און הענעך וואַרט אויף מאָטען — ניטאָ מאָטע.

פאַרנאַכט איז ער אַוועק צו באַריס צייטלין, דאָרט איז שוין געווען אַברעמציק דער שנײַדער, מאָטע דעם רבס און נאָך איי־ניקע, אַברעמציק האָט דערציילט ווי ער האָט אָנגעגעגנט הענעכן אינדערפרי גייענדיק פון וואָקזאַל מיט די פּראָקלאַמאַציעס אונ־טערן אָרים איינגעוויקלט אין אַ ציכל, האָט דאָס אויסגעזען ווי אַ יונגערמאַן גייט פון שול מיטן טלית זאַק פון דאַוונען. מאָטע האָט דערציילט דאָס ער איז אַריין אין גובערנאַטאָרס סאָד און ער האָט געזען ווי אַ יונגער גלח באַגריסט אים אַזוי פרײַנדלעך האָט ער אים אויך אָנגענומען פאַר אַ גלח און איז אַוועק אַהיים.

עס זײַנען אַריבער נאָך אייניקע מאָנאַטן. שפּיאָנען יאָגן זיך נאָך. אין מאָסקווע בײַ די אַרעסטירטע פרעגט מען זיך נאָך ווער איז דער הענעך, מיט צרות מיט מאַטערניש האָט ער ווי עס איז געקראָגן עטלעכע רובל און ער פאָרט שוין אין אויסלאַנד, אָט האָט ער זיך שוין ווי עס איז דורכגעשוואַרצט די וואָקזאַלן פון קאָוונע, ווערזשבעלאָווע אָט איז ער שוין בײַם גרענעץ. אַ גראָבן פול מיט שניי. אויפן צווייטן זײַט זעען זיך רויטע פײַער־לעך, דאָרטן איז שוין פּרײַסן. זאָגט צו אים דער וואָס האָט אים געפירט: דו לויף אַריבער און דאָרטן וועט מען שוין וואַרטן אויף דיר. מיטאַמאָל רוקט זיך אַרויס אַ סאָל־דאַט פון הינטער אַ שטאָל און שרײַט אויס: „טי קודאַ! סטאָי!" — פּיף, פּאַף, ער האָט צוויי מאָל אויסגעשאָסן, אויב דו וועסט אַנטלויפן וועל איך שיסן, זאָגט ער צו הענעכן, און ער גייט שוין מיט מזל צוריק אַהיים, זעקס וואָכן האָט געדויערט דער עטאַפּ, באַזוכט אַ צענדליק טורמעס, ווו מען איז געווען פאַרנומען מיטן קלײַבן פון זיך די דריטע מכה פון מצרים, אַ פרײַטאָג פרי האָט מען אים אַרײַנגעפירט אין שטעטל, די שטעטל איז אָרעם, חושך און בלאָטיק, די מוטער זײַנע איז אַלט און קראַנק דער ברודער איז אָרעם און שוואַך מיט קליינע קינ־דערלעך, דער דלות איז גרויס און הענעך איז בלוט־אָרעם, נערוועז אָן געלט און אָן אַ פּאַספּאָרט. אַלץ האָט מען בײַ אים צוגענומען בײַם גרענעץ, הענעך האָט זיך אָפּגעפּלאָגט נאָך אַ האַלב יאָר ביז עס האָט זיך אים אײַנגעגעבן צו אַנטלויפן פון רוסלאַנד.

אייניקע וואָכן האָט הענעך פאַרבראַכט אין בערלין, און דאָרט איז נאָך די פּאָליצייאישע באַדינגונגען געווען ערגער ווי אין רוסלאַנד. יעדער נאַכט איבערנעכטיקן פלעגט אַנקומען מיט צרות, מען איז קיינמאָל ניט זיכער געווען דאָס אַ „שוץ־מאַן" זאָל ניט אַרײַנקומען באַזוכן, ביז ער האָט זיך ווי עס איז דערשלאָגן צו דער פרײַער שווייצערלאַנד און בערן. דאָ האָט ער זיך גענו־מען אַביסל דערהאָלן, דאָ האָט ער ערשט דערפילט ווי דאָס לעבן האָט אים געהאַט צעבראָכן. ער האָט זיך געדאַרפט קורירן די אויגן, די אויערן, די ציין און דעם גאַנצן הענעך.

די רוסישע קאָלאָניע און ספּעציעל די בונדישע גרופּע צו

וועלכער ער האָט שוין באַלאַנגט, האָט זיך גענומען גרייטן צו אַ באַל. הענעך האָט געוואָרט מיט אומגעדולד צו זען, ווי רעד־וואָלוציאָנערן פאַרברענגען אין אַ פרייער לאַנד.

ליזע קאַנצעל*) אַן אינטעליגענטע דאַמע, אַ געגאַסינע, אַליין אַ צעבראָכענע, אַ קראַנקע פון די קלעפּ וואָס זי האָט גע־קראָגן פון די קאָזאַקישע נאַגייקעס אויף אַ דעמאָנסטראַציע אין פּעטערבורג. זי איז זיך געקומען קורירן אין אויסלאַנד, זי האָט גענומען הענעכן אונטער איר שוץ, זי האָט פאַר אים געקראָגן אַ שוואַרצן סטאַן־סורדוט, הענעך איז אַוועק צום פאַבריקמאַכער, זיך אָפּגעשאָרן און זיך אָפּגעגאָלט, דער ראַזירער האָט אים אַנגעסטראָ־יעט די וואָנצעס, הענעך האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די רוסישע רובאַשקע און אָנגעטאָן אַן אייבערהעמד מיט אַ ווייסן קאָלנער, מיט אַ רויטן שניפּס, אָפּגעפּוצט די שיך און מאַרש צום באַל. דער זאַל איז גרויס, פאַרלעך טאַנצן, טישלעך אַרום די ווענט, עס זיצן גרופּעס אַרום די טישן, די ווענט זיינען פון שפּיגל־גלאָז און די עלעקטרישע באַלייכטונג מיט די מענטשן שפּיגלען זיך אָפּ אין זיי. אַ גרופּע רעוואָלוציאָנערן האָבן אים צוגערופן צו אַ טישל און אָנגעגאָסן אַ גלאָז שאַמפּאַניער (דעם ערשטן מאָל אויף זיין לעבן וואָס ער האָט פאַרזוכט שאַמפּאַניער). הענעך איז גע־שטאַנען פאַרגאַפט און באַקוקט דעם עולם, דעם זאַל, פון אַלע זייטן, ער האָט זיך צוגעזעצט ביי אַ טישל, מיטאַמאָל דערזעט ער פון דערווייטנס עפּעס אַ יונגערמאַן, אַ בלאָנדער זיצט ביי אַ טישל, וואָס קומט אים פאַר באַקאַנט, ווו האָב איך אים געזען ?... וויל ער זיך דערמאָנען. שאַ, ער קוקט אויף מיר, מסתמא דער־קענט ער מיר אויך. — מען דאַרף צוגיין נעענטער, פּיללייכט וועל איך אים דערקענען. אין דעם זעלביקן מאָמענט ווען הענעך האָט גענומען גיין צו אים, האָט יענער יונגערמאַן גענומען גיין צו הענעכן, דענקט ווידער הענעך, וויבאַלד ער גייט שוין צו מיר. לאָמיר זיך אָפּשטעלן און וואַרטן, ער זאָל קומען צו מיר. אָבער אין דעם זעלבן מאָמענט ווי הענעך האָט זיך אָפּגעשטעלט, — האָט זיך יענער אויך אָפּגעשטעלט. מאָדנע, ווי ער דענקט מסתמא דאָס זעלביקע ווי איך, איז דורכגעלאָפן אַ געדאַנק ביי הענעכן. ער האָט אָפּגעקערט די קאָפּ אַ קוק געטאָן אין דער אַנדער זייט, דער זעלבער יונגערמאַן קוקט

*) מאַרטאָווס אַ שוועסטער.

אויף אים פון אַלע זײַטן, הענעך האָט אָנגעהויבן צו לאַכן, ווי ער האָט זיך אַליין ניט דערקענט אין די שפּיגלען.

ליזע איז צוגעקומען און אים אַ פּאַטש געטאָן איבערן פּלייצע, נו, ווי געפעלט אײַך? וואָס לאַכט איר? — זאָגט מיר, איך בעט אײַך, — האָט זיך הענעך געווענדעט צו איר — ווער איז דער יונגערמאַן דאָרטן? און צײַגט מיטן פינגער אויף זיך אַליין אין שפּיגל, איך האָב אַ צײַט געקוקט אויף אים ביז איך האָב אים דערקענט.

עס איז צוגעקומען מעדעם און נאָך אייניקע בונדיסטן און מען האָט געשפּאַסט אויפן חשבון פון הענעך, וואָס האָט זיך אַליין ניט דערקענט.

10

אַ שטרייק צוליב הערינג

מײַן פאָטער משה קאַראַבעלניק, אַ גוטמוטיקער קליינשטעטלשער ייִד האָט נאָך מײַן בר מצווה ווען ער האָט אָפּגעזאָגט די ברכה „ברוך שפטרני", מיך אויף מאָרגן צוגערופן און געזאָגט: מיין קינד! איצט מוז מען שוין אָנהויבן טראַכטן וועגן אַ תכלית פון וואָס וועסטו מאַכן אַ לעבן ביז הונדערט מיט צוואַנציק יאָר, און מען האָט מיך אָפּגעגעבן צו אַ שנײַדער אויף אַ טערמין פון דרײַ יאָר. דאַרף איך איין יאָר עסן בײַם טאַטן און פאַר די לעצטע צוויי דאַרף איך קריגן אויסער עסן 50 רובל. אויסער די שנײַדערײַ פלעג איך דאַרפן ברענגען יעדער פאַרנאַכט אַ נאַסצע וואַסער, גיין אַ שליחות פאַרן באַלעבאָס, באַלעבאָסטע און פאַר די עלטערע אַרבעטער, און אַמאָל צו־וויגן דאָס קינד. אַז איך האָב דערפילט, אַז איך קאָן שוין אַביסל די שנײַדערײַ, בין איך אַוועק, נאָך אָנדערהאַלבן יאָר אַרבעטן, אין אַ צווייטער שטעטל, פאָדברעזע, פיר מײַל ווײַט פון מײַן שטעטל מאלאט, און איך בין דאָרט אָנגעקומען צום „ווילנער שנײַדער". דאָרט האָט מען מיך, מיט נאָך אַן אַרבעטער, אַ לערן־ייִנגל, אויך מכבד געווען יעדן טאָג אַרויסצוטראָגן דעם גרויסן צעבער וואַסער פון אויבן באַשאָטן מיט קלײַען, צום טרונק פאַר דער קו, וועלכע איז געשטאַנען אין גרויסן פאָרהויז. איך האָב זיך שוין געפילט ווי אַ חצי בעל־מלאכה; איך האָב שוין געקענט מאַכן אַ פּאָר הויזן מיט אַ קאַמיזעלקע; איך האָב געפילט, אַז דאָס איז שוין אַ באַליידיקונג פאַר מיר. האָב איך אָפּגערעדט מיט מײַן חבר, דאָס איין פאַרנאַכט זאָלן מיר דערלאַנגען אַ קלאַפּ דעם צעבער אָן אַ קלאָץ, און דער דעק זאָל אַרויס; און אַזוי האָבן מיר טאַקע געטאָן. די באַלעבאָסטע האָט געמאַכט קולות, נאָר דער באַלעבאָס האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז געווען אַן אָפּגעטאָנענע זאַך „אומישנע".

— דו זאָלסט זיי מער ניט שיקן אַרויסטראָגן דעם צעבער, דו הערסט ? — האָט ער אָנגעזאָגט דער ווײַב.

בײַ אַ צווייטער געלעגנהײַט אַמאָל, אין אַ גוטמוטיקן גע־שפרעך, האָט ער אונדז דערציילט פון די „שטיקלעך", וואָס ער פלעגט אָפּטאָן אין זײַנע לערן־יאָרן. קיין באַשטימטע צײַט אויף צו אַרבעטן איז ניט געווען. זומער, אין די גרויסע טעג, פלעגט מען אַרבעטן פון זון־אויפגאַנג ביז „סאַראַגאָדזינע"; ווינטער פאַרן לאָמפּ, פלעגט מען אַרבעטן ביז 10—12 בײַנאַכט און אַמאָל נאָך שפּעטער. דער באַלעבאָס פלעגט אָפט גיין שלאָפן פריער, און אינדערפרי, פאַרטאָג, פלעגט ער אונדז שוין נעמען וועקן אויפצושטיין. זײַנע אַ שוועגערין, אַ מיידל אין מײַנע יאָרן, פלעגט אַמאָל זיך אײַנשטעלן פאַר מיר: ער האָט זיך דאָך ניט לאַנג געלייגט שלאָפן, לאָז זיך אים אָפּרוען. — פלעגט זי זאָגן. — וואָס ביסטו אַ גוטע בעטערין פאַר אים ? — פלעגט דער באַלעבאָס נעמען שרײַען אויף איר — וואָס איר שפּילט אַ ליבע ? — און ער פלעגט מיך אַראָפּשלעפּן פון געלעגער. מען פלעגט אָפּאַרבעטן 2—3 שעה ביזן דאַוונען, און דערנאָך ווײַ־טער אַרבעטן ביז אָנבײַסן. דער אָנבײַסן איז כמעט אַלע מאָל באַ־שטאַנען פון בולבעס מיט „זויערס", מיט באַטווענע, אַמאָל בול־בעס מיט „פּעלצן" און אַמאָל געשאָבענע בולבעס, אויסער שבת. שבת פלעגט זײַן אַ טשאָלנט מיט אַ „קוואַשענע", אַמאָל מיט אַ „האָלבע קאָפּ" און אַ גרויסן וואַמפּ קוגל, געמאַכט אויף טוקענע שמאַלץ.

סע איז געקומען פאַר יום טובים, דער באַלעבאָס איז גע־וואָרן פאַרוואָרפן מיט אַרבעט, איז ער געפאָרן קיין ווילנע און אַראָפּגעבראַכט צוויי יונגע יונגלעך, שנײַדער, פאַר אַרויסהעל־פער. עס איז אַוועק אַ פאַר וואָכן. זיי האָבן ניט געגליכן אַלע טאָג די בולבעס מיט די באַטווענע, און האָבן גענומען ריידן מיט אונדז, דאָס מיר זאָלן זיך אָנטזאָגן פון צו עסן אַלע טאָג דעם זעלביקן מאכל. מיך האָט מען אָפּגערופן אין דער שטיל און אָנ־געזאָגט מיטן הארבן וואָרט, אַז איך זאָל ניט אָפּשטיין פון קאָמ־פּאַניע, אַניט וועל איך קריגן קלעפּ. איינמאָל, אַ מאָנטיק, הונ־געריק זײַנען מיר געווען, עס איז שוין געווען אַ שעה נאָכן דאַוו־נען, קוים וואָס מען האָט דערזען דעם אָנבײַסן, די באַלעבאָסטע

האָט אַרויפגעשטעלט די שיסל מיט די באַטווענע, און — קיי־ נער רירט זיך ניט פון אָרט.

— וואָס גייט איר ניט עסן ? — שרײַט דער באַלעבאָס.

איינער, דער עלטערער פון די ווילנער, האָט זיך אָפּגערופן :

— מיר זײַנען ניט קיין ציגן, וואָס איר קאָרמעט אונדז אַלע טאָג מיט גראָז.

דער באַלעבאָס האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס שמעקט שוין מיט אַ בונט, און אַז מען עסט ניט, וועט מען דאָך ניט אַרבעטן אויך, און דאָ איז נויטיק אַרויסצופטרן די אַרבעט.

— וואָס דען ווילט איר מאַרצעפּאַנעס ? — האָט דער באַ־ לעבאָס געפרעגט.

— מיר ווילן הערינג, — האָט זיך איינער אָפּגערופן.

— שרה, דו הערסט ? — האָט דער באַלעבאָס אויסגעשריען צו זײַן ווײַב, — די חברה עסן דאָך ניט. עס האָט זיך זיי גאָר פאַרוועלט הערינג, זומער הערינג ! — האָט ער זיך געוווּנדערט — גיי ברענג אַרײַן הערינג.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט די באַלעבאָסטע געבראַכט צוויי הערינג צעשניטן אויף קליינע שטיקלעך מיט גרינע ציבעלקעס אַרומגעלייגט, און מיר האָבן זיך גלײַך גענומען צו דער אכילה מיט אַפּעטיט, און צופרידן מיט אונדזער זיג. ביז דאַן פלעגן מיך די אַרבעטער רופן „וועלפּקע״, נאָכן סטרײַק, אַז איך בין געווען אַ גוטער יאַט, און ניט אויסגעזאָגט פון חדר, בין איך שוין געוואָרן גלײַך מיט זיי, און מען האָט מיך שוין גערופן וועלוול.

(דערציילט פון אַ מעמבער פון קלאָוקמכאַערס יוניאָן אַקטיוו אין די ניו ענגלאַנד סטייטס ; אויפגעכאַפּט און פאַרצייכנט פון ה. ב.).

דריטער טייל

אין אַ מאָמענט פון פּעסימיזם

(געשריבן אין יאָר 1900 ביים פּאַרלאָזן רוסלאַנד)

איינזאַם און עלנט איז געשטאַנען אַ שווימער ביים ברעג פון גרויסן וועלט־ים און געקלערט: — וואָס איז געוואָרן פון מיין לאַנגן שווימען און קעמפן מיט די אינדן פון ים?... ווו איז אַהינגעקומען די גאָלדענע צייט פון ענטוזיאַזם און באַגייס־טערונג, ווען אַלע חברים פון דער זעלבער גרופּע זיינען געווען איבערגעגעבן איינער צום צווייטן ווי די מיטגלידער פון איין פאַמיליע, און יעדער איז געווען גרייט צו אָפּפערן מיט זיך, מיט פאַרגעניגן, אויב דאָס האָט נאָר געקענט ברענגען עפּעס נוצן פאַר ד אָ ס, וואָס מען האָט גערופן „פליכט”. ער האָט געקלערט פון דער צייט, ווען מען האָט נאָך ניט געוווסט פון די קליינע ווערימלעך וואָס צופּן ביים האַרצן און נאָגן דעם מוח, וועלכע רופן זיך פּעסימיזם, צווייפלונג, און וועלכע זיינען געוואָרן אָפטע געסט פאַר דער לעצטער צייט.

יעצט איז געקומען די צייט וואָס מען קוקט שוין מיט אַ מער קריטישן בליק אויף אַלץ און אויף אַלעמען, פיל פון די חברים וואָס זיינען ניט אומגעקומען קעמפנדיק מיט די אינדן פון ים, אָדער פון די גרויסע פישן וואָס האָבן זיי איינגעשלונגען, זיינען זיך ווי עס איז צוגעשווומען צו אַ ברעג און קוקן יעצט מיט אַן איראָנישן שמייכל אויף די יונגע פאַנטאַזיעס און קערן זיך אָפּ, אַפילו מיט פאַראַכטונג פון זייערע פריערדיקע חברים וועלכע האַלטן נאָך אין שווימען; צוליב וואָס ריזיקירן און וואַרפן זיך אין ים?... אַז מען קאָן אַזוי אויך לעבן רויִק און צופרידן.

אייניקע, וועלכע האָבן זיך ניט געקענט באַנוגענען מיט דעם שטילן רויִקן לעבן פון זייערע נייע חברים, ווייל וואַסער איז דאָך פאָרט אַ טייל פון לעבן, האָבן אָנגעהויבן צו שווימען אין אַ שמאָלע סאַזשלקע, ווו עס איז ניט אַזוי טיף און מען איז אויסער געפאַר, כאָטש די וואַסער איז דאָרט ניט אַזוי ריין, קלאָר, עס שפּיגלט זיך ניט אָפּ דאָרט די זון, די לבנה, די

שטערן און אַלץ וואָס לעבט און באַוועגט זיך איבערן וואַסער, דערפאַר האָבן זיי זיך פאַרלאָזן אויף אַזוינע רודערער ווי „די וועלט" און „דער יוד"; *) כאָטש די וועלט איז אַ פינצטערע, פול מיט שטעכעניש און דערנער און פאַר דער גרעסטער טייל פון דער מענטשהייט, מער אַ שטיף־מוטער ווי אַ מוטער, און דער „יוד" איז גאָר אַן אַלטע יידענע מיט אַ צעקראַצט געזיכט, אַן וואָרעמקייט, און אַן לעבן, וואָס האָפט אויף אַ ביסל ארץ ישראל ערד, אַבי עס קאָכט אָפּ אַ מאָלצייט און עס שטערט ניט מקיים צו זיין די ערשטע מצווה פון דער תורה... און אונדזער שווימער האָט אַרומגענומען אַ בענקענדע מעלאַנכאָליע; די פראַכטפולע דערשיינונגען פון די גראַנדיעזע אַלפּן־בערג, מיט זייער אייביק־באַדעקטן שניי, אַנטציקט ווערנדיק פון דעם זון־אונטערגאַנג דאָרט ווייט ביים ברעג הימל אין מיטן ים, באַוווּנדערנדיק די קונסט־בילדער און סטאַטוען און די באַרימטע מוזעען לוקסענבורג, לוווּר און פיל אַנדערע. שעפּנדיק דעם גרויסן עסטעטישן גענוס, לעזנדיק די מייסטער ווערק פון פושקין, שילער און בייראָן אַלץ האָט אַרויסגערופן ביי אים אַ שטילן טרויער, פילנדיק ווי דאָס אַלץ איז ווייט פאַר פיל פון זיינע נאָענטע, צוליב וועלכע ער איז געשווומען און געקעמפט, אַזוי ווייט, דאָס זיי האָבן אַפילו קיין שום באַגריף וועגן דעם ניט, און זיי ווייסן ניט אַז דאָס פעלט זיי.

אונדזער שווימער האָט זיך אַריבערגעטראָגן אין גריכנלאַנד אויף דעם באַרג פּאַרנאַס צו זוכן אַ טרייסט אין די מייסטער־ווערק וואָס זיי האָבן געשאַפן... נאָר אַהאַ!... וואָס האָט ער דערזען... די געטינס זיינען אָראָפּגעקראָכן פון זייער הויך, און זיינען געוואָרן געטשקעס, אַלע אונטער דער אָנפירונג פון דעם גאָט „מאַמאָן" אַזוי ווי זיי וואָלטן אַלע פון איין פאַבריק אויסגעגאָסן געוואָרן; די געטין „מוזע" שרייבט פאָעזיע פאַר עטלעכע סענטן, פאַר גראָבע ביכער, און פאַר די, וואָס זיי האָבן מורא... און די געטין פון ליבע, די הימלשע „ווענוס" וואָס מאַכט מילדער יעדע ווילדע באַשעפעניש, און וואָס פאַר־אייניקט די איינזאַמסטע נאַטורן, די קראַפט וואָס רופט אַרויס

*) צוויי ציוניסטישע צייטונגען די ראַדיקאַלע פראַקציע און די פועלי־ציון האָבן נאָך דאַן ניט עקזיסטירט.

די שענסטע קאָלירן און קלאַנגען אין דער נאַטור; די ליבע, פאַרקויפט זיך אין די גאַסן אין די שמוציקסטע און אומנאַ־טירלעכסטע פאָרמען.

די געטין פון ליבע האָט זיך אויף אַ ווײַלע באַוויזן צום שווימער, אַ שעמעוודיקע מיט אַ בלאַסן געזיכט, איינפאַך מיט אַ פּאָר בענקענדע שוואַרצע אויגן — זוך מיר ניט דאָרט ווו אַלץ גייט אונטער דער קאָמאַנדע פון גאָט מאַמאָן, מיר זײַנען פאַרבליבן ריין און זויבער ווי זײַנענדיק דאָרט אין די הויכע אַטמאָספערן פון פּאַרנאַס, נאָר די געטשקעס, זיי האָבן זיך פאַרקליידט אין אונדזערע קאָסטיומען, און עס איז אונדז דערי־בער שווער צו געפינען — האָט זי אַרויסגעזאָגט מיט אַ פרײַנד־לעכער שטימע — אונדזער שווימער האָט אויסגעשטרעקט זײַ־נע הענט, און געוואָלט איר צוטוליען צו זיך, אום זי זאָל מיט דער וואַרעמקײַט פון איר קערפּער און נשמה, אים ניט דערלאָזן פאַרקילט ווערן פון די וואַסערן, אום זי זאָל מיט גוטע און פרײַנדלעכע רייד אים ניט דערלאָזן פאַרהאַרטעוועט ווערן פון די מינעראַלן, וואָס די וואַסער האָט אויף אים אָפּגעזעצט אין דער צײַט פון זײַן שווימען, און אום די האַרץ זאָל זײַן פעיק זיך אָפּצורופן אויף אַלץ וואָס לײַדט און לעבט און שטרעבט, און אום צו געפינען דעם אַאַזיס פון לעבן און ליבע און האַרמאָניע אין די אומאָרעמונג פון אַ ליבנדער פּאָר, וועלכע זאָל געבן ווײַטער מוט און קרעפטן צו לעבן און שטרעבן; נאָר דער גאָט מאַמאָן איז געקומען מיט זײַן גרויסן אומגעלומפּערטן קערפּער און האָט זיך אַוועקגעשטעלט צווישן זיי ביידן, און אַ זאָג געטאָן: דאָ, בין איך באַלעבאָס!... אָן מיר טוט זיך קיין זאַך ניט אויף דער וועלט, פּרובירט נאָר קעמפן מיט מיר!... און ער האָט זיי צעשיידט, און זיי זײַנען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען מיט פאַראומערטע געזיכטער און באַטריבטע הערצער.

דער שווימער האָט זיך צוריק אַרײַנגעוואָרפן אין וועלט־ים און אָנגעהויבן צו שווימען ווײַטער; מעגלעך אַז ער וועט אומקומען שווימענדיק דורך די סצילעס און כאַריבדעס*) פון די וואַסערן, אָדער צעקלאַפּט ווערן פון די שטיינער פון אונ־טערן וואַסער, אָדער אײַנגעשלונגען ווערן פון די הײַפיש (שאַרקס) אָדער פון אַלע אַנדערע שטערענישן אין דעם וועלט־ים, אָבער

*) קעסלגריבער, געפערלעכע פּלעצער.

ניט צו שווימען אין קיין זומפיקע סאַזשלקעס, און ניט אַנצו־
בעמען קיין געטשקעס פאַר געטינס.

און די געטינס פון פרײַהײַט און ליבע שטייען פון ווײַטנס
און ווינקען צו אים — אָן אונדז איז קיין אַפּפּערוויליקײַט,
קיין שטרעבונגען און קיין גליק.

פאַרזעצונג געשריבן מיט 40 יאָר שפּעטער.

שוין באַלד אַ האַלב יאָרהונדערט ווי דער שווימער ראַנגלט
זיך מיט די כוואַליעס פון ים, ער איז שוין דורכגעשווומען
דרײַ טיילן וועלט, אַזיע, איירראַפּע, און אין דער „נײַער וועלט״.
לענדער און שטעט, פילווייניק געלערנט צו פאַרשטיין דעם לעבן,
דורך די ליטעראַטורן, באַאָבאַכטונגען און הויפּטזאַכלעך פון
פּראַקטיק. פון קומען אין בארירונג מיט מענטשן, טאַטן און
פּאַסירונגען, און עס האָבן זיך אָנגעקליבן אַנטוישונגען, וואָס
האָבן זיך אָפּגעזעצט אין די טיפענישן פון זײַן נשמה, אַזוי
ווי קאַלך אויפן דעק פון אַ קעסל אין וועלכן עס קאָכט זיך
וואַסער אַ לאַנגע צײַט, ווען ער האָט צוגעזען די גלײַכגילטי־
קײַט פון מענטשן צום צווייטנס לײַדן, די ניט חברשע באַהאַנד־
לונג פון איינעם צום צווייטן, ווו אַנשטענדיקײַט, יושר ווערט
געטראָטן מיט די פיס, ווו „ניטאָ קיין יושר״ איז געוואָרן אַ
דעוויז, און אומטאָלעראַנץ, דיקטאַטור הערשט אויף דער וועלט
בכלל, און זאָגאַר צווישן ד י, וואָס קעמפן, אָדער געוועזענע
קעמפער פאַר אַן אידעאַל, דאַן דערמאָנט ער זיך אָפט אָן די
ווערטער פון דעם גרויסן רוסישן קריטיקער פון די פערציקער
יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט וו. בעלינסקי ווו ער
דריקט זיך אויס „וואָס מער איך דערקען מענטשן, אַלץ מער
האָב איך דרך ארץ פאַר הינט״... דאָך איז דער שווימער פאַר־
בליבן מיט אַ פילנדער האַרץ, וואָס רופט זיך אָפּ אויף אַלץ
וואָס לײַדט, סײַ קערפּערלעך, סײַ גײַסטיק, מיט אַ שטרעבונג
צו געפינען אַן ענטפער אויף די אַנגעווייטיקטע פראַגן פון
לעבן, און אַ ליבהאָבער פון אַלץ וואָס איז שיין און דערהויבן.

פיל פראַגן זײַנען אים פאַרשטענדלעך געוואָרן, נײַע פראָב־

לעמען זײַנען אַרויפגעשווומען אויף דער אויבערפלאַך, און וועגן אייניקע טעאָרעטישע און סאָציאַלע פראַגן האָט זיך זײַן מיינונג געביטן, נאָר די הויפּט־אַנגעווייטיקטע פראַגע: „מפני מה צדיק ורע לו, ורשע וטוב לו" פאַרוואָס דער אָרנטלעכער מענטש לײַדט, און דעם שלעכטן איז גוט, וואָס דאָס איז דער ערשטער אימפּולס, וואָס גיט דעם ערשטן שטויס יעדן אָרנט־לעכן און פילנדן מענטשן, צו פילן דעם וועלט־אומגליק און דעם יידן עלנט, די פראַגע גיט אים קיין רו ניט.

יעצט, ווען די וועלט האָט שוין אַ סך פּראָגרעסירט, טעכ־ניש און סאָציאַל, זאַכן, וואָס מיט אַ האַלב יאָרהונדערט צוריק איז דאָס געווען אַ ווײַט לויפנדער אידעאַל, איז שוין דאָס יעצט אַ ווירקלעכקײַט, אין אייניקע איז אָ ב ע ר געוואָרן ערגער, עס קומט אויס צו זען ווי דער וואַל־פיש*) קלאַפּט מיטן עק און קערט איבער שיפן, און די שאַרקס**) שלינגען אײַן מענטשן און פעלקער; נאָר דאָס איז דער פּראָצעס פון קאַמף, אַמאָל שטאַרקט זיך איין צד, אַמאָל דער צווייטער, עס איז אָבער דאָ אַ האָפענונג און אַ היסטאָרישע פּערספּעקטיווע, דאָס דער פּראָגרעס זאָל געווינען. דער יידן־ווייטיק אָבער איז נאָך פיל שאַרפער ווי פריער, און נאָך פאַרצווייפלטער איז די לאַגע, וואָס עס זעט זיך ניט קיין אויסוועג, קיין האָפענונג אויף אַ ראַדיקאַלער קאָנסטרוקטיווער אויסבעסערונג... און די קליינע ווערימלעך, וואָס רופט זיך אַנטטוישונג, פּעסימיזם, וואָס צופּט דאָס האַרץ און נאָגט דעם מוח גנבענען זיך אַרײַן ביסלעכווײַז אַלץ מער און מער...

און די זיבן שוועסטער פון באַרג פּאַרנאַס גייען אָנגעטאָן אין טרויער קליידער מיט שוואַרצע וואַלן אויף זייערע באַטריב־טע פּנימער, צוזעענדיק דעם חורבן וואָס די געטער „מאַמאָן" און „מאַרס" האָבן געבראַכט מיט זייער הערשאַפט, ווי זיי האָבן פאַרניכטעט אַלץ וואָס איז עסטעטיש און עטיש, און זיי האָבן אומגעקערט די צײַט צום פינצטערן באַרבאַרישן מיטל־אַלטער... ווו דער טרויער און די אומזיכערקײַט ליגט אויף אַלע־מעס פּנימער. „שק ועפר יוצע לרבים".

*) ענגלאַנד.

**) מוסאָליני, היטלער, סטאַלין.

און די געטינס פון פרײַהײַט און ליבע, וואָס דער שווימער האָט אַזוי ווינציק געגאָסן פון זייער פראַכט, קעמפנדיק שטענדיק קעגן דעם שטראָם, קעגן די כוואַליעס פון געזעלשאַפטלעכער מיינונג, ווי אויך קעגן די שאַרקס און ים־חיהלעך וואָס מאַכן אַ לעבן מיטן צופּאַסן זיך צו אַלץ, די געטינס ווינקען צו אים פון דערווייטנס: אָן אונדז איז ניטאָ קיין שטרעבונגען! קיין אָפּפערווילליקײַט! און קיין גליק!...

װאָלאַדעק און ליעסין

אַ רעדע געהאַלטן בײַם מעמאָריאַל־מיטינג אין קליװלאַנד

„ארזי הלבנון אדרי התורה״, צװײ גרױסע טענענבױמער זײַנען אױסגעריסן געװאָרן פֿון אונדזער פּרדס־גאָרטן. יעדער אײנער איז געװען גרױס אין זײַן געביט; װעגן דעם צו־פֿרי פֿאַרשטאָרבענעם װאָלאַדעק (ברוך טשאַרני), איז שװער צו זאָגן אױף װאָס פֿאַר אַ געביט ער איז געװען גרעסער. ער איז געװען אַ טאַלאַנטפֿולער לירישער פּאָעט, אַ פֿעיִקער זשורנאַליסט, אַ גלענצנדער רעדנער, און דעריבער האָט מען אים שױן אין זײַנע גאָר יונגע יאָרן גערופֿן „דער יונגער לאַסאַל״, אַן אומדערמידלעכער כלל־טוער אױף פֿיל געביטן פֿון געזעלשאַפֿטלעכן לעבן, אַ קלוגער און אַ טאַקטישער פּאָליטיקער מיט אַ גרױסן אײַנפֿלוס אױף מענטשן פֿון אַלע קלאַסן, אָנהױבנדיק פֿון די אונװיסנדע אָרעמע אַרבעטער: שוסטער, שנײַדער, פֿון מינסק, װילנע און װאַרשע, און אין די טורמעס, װוּ ער האָט זיך מיט זײ געטראָפֿן, ביז די רײַכע אַמעריקאַנער ייִדן פֿילאַנטראָפּן, כלל־טוער, פּאָליטיקער, און געלערנטע, און אױף די װאָס שטײען אין דער שפּיץ פֿון אונדזערע רעגירונגען, װי גאָװערנאָר לעהמאַן, מעיאָר לאַגװאַרדיאַ, פּראָפֿ. דיװאי, אײַנשטײן א. ז. װ. אױף יעדן האָט ער געמאַכט אַ זעלטענעם אײַנדרוק מיט זײַן פֿרײַנדלעכן און לײַכטן הומאָר, מיט זײַן קלוגן און פּראַקטישן פֿאַרשטאַנד. זײַן לעבן איז יעדן פֿון אונדז באַקאַנט; עס איז שױן פֿיל געזאָגט געװאָרן, און נאָך מער װעט מען שרײַבן פֿון זײַן לעבן און אױפֿטו אין דער צוקונפֿט.

דער צװײטער טענענבױם, װאָס איז אױסגעריסן געװאָרן, איז דער פֿאַרשטאָרבענער אברהם װאַלט ליעסין. מען װעט אױך נאָך פֿיל שרײַבן אָפּהאַנדלונגען װעגן זײַן גרױסן טאַלאַנט אַלס פּאָעט, פּובליציסט און אַלס רעדאַקטאָר פֿון דעם „אײנציקן ייִדישן װיסנשאַפֿטלעכן און ליטעראַרישן זשורנאַל אױף דער װעלט״! אַזױ האָט זיך אױסגעדריקט פֿאַר מיר אַ ייִדישער יונגערמאַן, װאָס איך האָב באַגעגנט אין װילקאָמיר —

ליטע, אין יאָר 1929 ; ער איז געווען דער (לײַברעריען) פאַרוואַל־טער פון דער יידישער ביבליאָטעק און לעזע־צימער ; מען ווייס אויך פיל שרײַבן וועגן אברהם וואָלט אַלס ייד, וואָס האָט פיל גע־ליטען פון די יידישע צרות און פון אונדזער טרויעריקער לאַגע „צווישן די פעלקער", און געזוכט צו מילדערן אונדזער ווייטאָג און אַרײַנברענגען אַ טרייסט און האָפענונג, און צוגעבן מוט מיט זײַנע היסטאָרישע פּאָעמען, שירים, וואָס ער האָט פאַרמאָגט אַן אונ־ערשעפּלעכן קוואַל. און אפילו זײַנע פּובליציסטישע אַרטיקלען, עדיטאָריעלס, האָבן אויך געשײַנט מיט יידישע היסטאָרישע פּאַסירונגען און לעגענדעס, וועלכע ער האָט געשעפּט פון אונדזער מאַרטירער־היסטאָריע, וואָס ער איז געווען קלאָר און האָט אָפּ־געהיט, ווי אין אַ „בור סוד שאני מאבד טיפה", ווי אין אַ קאַלך־גרוב, וואָס פאַרלירט ניט אַ טראָפּן, אין זײַן געניאַלן זכרון.

איך וועל זיך באַנוגענען נאָר מיט אייניקע פּערזענלעכע ערינערונגען ; וועגן זײַן טאַלאַנט און אויפטו, דאָס וועלן טאָן קאָמפּעטענטערע מענטשן פון מיר, ליטעראַטור־קריטיקער, גע־לערנטע א. ד. גל.

***

מײַנע ערשטע באַגעגעניש מיטן פאַרשטאָרבענעם ליעסין איז געווען אין מײַן פריעסטער יוגנט. ווען איך בין געווען אַ יינגל פון פערצן יאָר און געלערנט אין ווילקאָמיר אין גרויסן בית־מדרש בײַ רב וועלוולען אין דער ישיבה, דאָרט פלעגט אויך קומען „דער מינסקער", אַ יונגל אין די זעלבע יאָרן, וועלכער האָט געלערנט בײַ זײַנעם אַ פעטער (אָנקל) ; פון דעם מינסקער האָט מען שוין דאַן דערציילט ווונדערלעכע מעשיות, דאָס ער קען זאָגן גאַנצע פּאָעמעס, שירים און מליצה אויף אויסווייניק פון די לשון־קודשדיקע ביכער, וואָס ער האָט געלעזן, און אַז ער האָט זייער גוטע פעיִקײַטן צום לערנען, אַן עילוי, און דאָס ער איז אַ געפערלעכער שטיפער ; איז צוליב זײַנע קונדסרײַען, האָט מען אים אַוועקגעשיקט אין דער פרעמד אַביסל זיך אויסמענטשלען. אַלע חודש דאַרף ער האָבן אַ נײַע פּאָר פּאַדנאָשקעס אויף די שטיוועל־ווערלעך, אַזוי ברענט ער אַ וועלט. אויפן דריטן טאָג פון זײַן קומען אין ווילקאָמיר, האָט ער זיך געזעצט אויף אַ ציג און אַרויפגעריטן אויפן „הייפישן באַרג", ווען ער איז דערנאָך געקומען אויף מאָרגן צו זײַנער אַ טאַנטע „עסן דעם טאָג", האָט זי אים גע־

פרעגט: אברהמעלע, די ציג נעמסטו אויך מיט אין בית־מדרש?...
— „ניין" — האָט ער איר געענטפערט — „ציגן גייען נאָר אין ווייבערשן בית־מדרש".

מיט אַ 3—4 יאָר שפּעטער האָב איך אים שוין געטראָפן אין ווילנע ביי דוד אליטער אין הויז. דוד איז געווען אַ ייִד אַ למדן, זיין פרוי אַ קלוגע און פעיִקע „רב יחיאל חריפס אַ טאָכ־טער. זי איז געווען ליעסינס אַ קרובה, און זי האָט געפירט די גאַנצע באַלעבאַטישקייט פון דער אכסניה, וואָס זיי האָבן גע־האַלטן. זיי האָבן געהאָט אַ זון, בן ציון, אַ בוכהאַלטער אין אַ געשעפט, אַ משכיל און אייניקע טעכטער. זיי אַלע זיינען גע־ווען חובבי ציון, העברעער און גרויסע ייִדישע נאַציאָנאַליסטן און מען פלעגט זיך אָפט אַרומריידן, דיסקוטירן פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע פראַגן, זיי צ. ב. ש. האָבן געזאָגט: דאָס וועט מען לעזן שעלגונאָווס „די אַרבעטער פּראָלעטאַריער אין ענגלאַנד און אין פראַנקרייך" ווערט טאַקע פאַרגליווערט דאָס בלוט אין די אָדערן, נאָר פון דעם דאַרף מען ניט אָפּשוואַכן די רעליגיעזע געפילן ביי די ברייטע פאָלקס־מאַסן, ווייל דאָס איז דער איינציקער טרייסט, וואָס זיי געפינען אין אַ עת צרה. און זיי האָבן אַ האָפענונג אויף אַ צוקונפט. ליעסין האָט אין יענער צייט געשריבן: „אל עלים יבושים אני ישבתי". אויף פאַרטריקנטע בלעטער בין איך געזעסן. דאָס האָט ער געמיינט דעם תלמוד, אויף וועלכן ער האָט פאַרבראַכט אייניקע יאָר. ווען ער פלעגט גיין אין גאַס שטענדיק מיט אַ בוך אָדער אַ העפט אונטערן אָרעם, מיט אַ שטאַלצן טראַציקן גאַנג, פלעג איך אים נאָכקוקן מיט קנאה. עס איז שוין דאַן געווען באַוווּסט אין אונדזערע קרייזן, אַז ער האָט געלערנט אין וואָלאָזשינער ישיבה, און מען האָט אים איינמאָל אַרויסגעשיקט פון דאָרט צוליב זיינע צו־פרייע געדאַנקען, וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט, האָט ער אָנגעשריבן אַ בריוו צום גבאי פון דער ישיבה און האָט אַזוי אויסגענומען מיט זיין מליצה און מען האָט אים צוריק אַריינגענומען; אַ צווייטן מאָל האָט מען אים געכאַפּט רויכערנדיק אַ פּאַפּיראָס אום שבת און מען האָט אים משלח געווען. שפּעטער, אַז ער האָט זיך פאַר־אינטערעסירט מיט דער רוסישער שפּראַך און ליטעראַטור, אויף צו לערנען זיך סיסטעמאַטיש האָט ער קיין געדולד ניט געהאַט; ער איז געווען צו באַוועגלעך, שטיפעריש, האָט ער איינפאַך

דורכגעלעזן שטיינבערגס העברעיִש־רוסישן ווערטערבוך און קיר־פּיטשניקאָווס גראַמאַטיקע און גלײַך גענומען זיך פֿאַר די רו־סישע קלאַסיקער און דער ראַדיקאַלער וויסנשאַפֿטלעכער ליטע־ראַטור. דײַטש וועל איך קענען אַזוי ווי געטהע, פֿלעגט ער זאָגן באַרימעריש, אויף אַזוי פֿיל איז ער געווען זיכער אין זײַנע פֿעי־קײַטן. אויף וויפֿיל דאָס איז פֿאַרווירקלעכט געוואָרן? — ווייס איך ניט.

עס זײַנען אַוועק נאָך אייניקע יאָר. איך בין אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין די סאָציאַליסטישע קרײַזן און מען האָט דערציילט, אַז אין מינסק איז פֿאַראַן אַ גרופּע „וואַלטאָווצעס״ און אַז וואַלט פֿירט אָן אַ פּראָפּאַגאַנדע, עפּעס פֿון אַ מאָדנעם סאָרט יִדישן סאָציאַליזם, געבויט אויף דער מאָראַל פֿון די נביאים, און אַז ער וויל פֿאַרהיטן די אוצרות פֿון דער יִדישער ליטעראַטור און בכלל די עקזיסטענץ פֿון דעם יִדן אַלס אַזעלכן, און אַז די „סטאַטשקעס״ בײַ די יִדישע שנײַדער און שוסטער, איז אַ קאַמף פֿון קבצן קעגן דלפֿון. די יונגע יִדישע סטודענטן, גימנאַ־זיסטן, די האַלב־אַסימילירטע אינטעליגענץ (אַלע די, וואָס האָבן געשריבן און גערעדט פּליסיק רוסיש האָבן זיך ביי אונדז, ליט־ווישע אַרבעטער, גערעכנט פֿאַר אינטעליגענטן, און אויטאָרי־טעטן אין אַלע פֿראַגן) און אַז זיי האָבן באַשטימט, אַז וואַלט איז אַ קליינבירגערלעכער סאָציאַליסט״, איז שוין געווען פֿאַר־ענטפֿערט אַלץ. ווי זאָגט דאָרט מעפיסטאָפעל צום שילער: ווו עס פֿעלט לאָגיק, געדאַנקען, ברויכט מען ווערטער!״ ווער־טער!...

ווען איך בין אַמאָל אַרײַן צו איינעם אַ „באַקאַנטן״ חבר פּייקעס אין ווילנע, האָב איך אָנגעטראָפֿן אַ יונגן בחור אַרויס־גייענדיק. איך האָב אים ניט דערקענט. איך האָב זיך דערוווּסט, אַז דאָס איז געווען וואַלט, דער מינסקער, און די ראַדיקאַלע יוגנט איז געווען אַביסל צערודערט. אַ מענטש, וואָס זאָגט, אַז ער איז אַ מאַרקסיסט, און גייט זיך מיט אַן אייגענעם וועג, און וואָגט צו קריטיקירן די אָנגענומענע מיינונג, און שטרײַכט אונ־טער אָפּט ד י י ִ ד י ש ק ײַ ט, זייער אַ פֿעיִקער דיסקו־טאַנט און רעדנער, אַזוי האָט מען גערעדט וועגן אים (ווו איז אַהינגעקומען זײַן רעדנער־טאַלאַנט? !...) און ניט יעדער איינער האָט זיך אונטערגענומען צו גיין מיט אים דיסקוטירן.

מיט יאָרן שפּעטער, ווען דער „בונד" האָט זיך געגרינדעט און איז געוואָרן אַ מאַסן־באַוועגונג, איז די ייִדן־פראַגע געוואָרן מער אַקטועל און פיל מער דערנעענטערט זיך צו ליעסינס מיי־נונגען.

אין יאָר 1897 בין איך מגולגל געוואָרן צוליב פּאַרטיי ענינים, אין אַ קליין שטעטל קריניק, גראָדנער ראַיאָן. שבת בײַ־נאַכט, ווײַט פון שטעטל, אויף די פעלדער, קעגן דער שײַן פון דער לבנה, זײַנען געזעסן אַרבעטער — בחורים און מיידלעך — און אַזוי האַרציק געזונגען: „פּעראָוואָסקאַיאַ, העלפמאַן, גינזבורג און נאָך"... אָדער „דאָרטן, ווו עס קײַקלט זיך די לענאַ מיט אירע וואַסערן די קאַלטע" און נאָך אייניקע פון ליעסינס ליי־דער.

אין יאָר 1904, ווען איך בין געקומען קיין ניו יאָרק, פלעג איך זיך אָפט טרעפן מיט ליעסינען בײַ אַלעקסאַנדר קרעמער, וועלכער איז דאַן געווען אַ גאַסט אין אַמעריקע. אין יענער צײַט איז געשטאָרבן דר. טעאָדאָר הערצל. ליעסין האָט דאַן אָנגעשריבן אַן עדיטאָריעל פאַר „פאָרווערטס" וועגן זײַן טויט, און ער האָט פאַר אונדז פאָרגעלעזן. עס איז געווען שטאַרק, שיין; מיר איז דאָס געווען בעסער געפעלן ווי אַלעקסאַנדערן — „איך גלויב ניט, אַז נאָך דעם אַרטיקל וועט דער ציוניזם ווײַטער עקזיסטירן" — האָט ליעסין געזאָגט. אונדז איז דאָס אויסגעקומען אַביסל לע־כערלעך. איך האָב אָבער אין דעם געזען דעם אַמאָליקן יונגן ייִנגל מיט זײַן זיכערן און פעסטן גלויבן אין זיך און זײַנע פעקײַטן און אײַנפלוס.

ליעסינען האָט זיך פאַרוועלט ווערן אַ טשיקן־פאַרמער. ווען ער איז געקומען צוריק פון פאַרם, נאָך אייניקע מאָנאַטן, האָב איך אים געטראָפן אין אָפיס פון דער „צוקונפט" מיט ליטווינען. ליעסין האָט זיך אַלץ נאָכגעפרעגט בײַ ליטווינען: „וואָס הערט זיך בײַ די פּועלי ציון?" און ליטווין האָט געוואָלט וויסן וואָס הערט זיך מיט די טשיקענס?...

— די טשיקענס זײַנען אויסגעשטאָרבן — האָט ער אים געענטפערט קורץ, — זאָג מיר נאָר וואָס הערט זיך בײַ די פּועלי ציון?

דעם פאַרגאַנגענעם זומער, ווען איך האָב זיך מיט אים גע־

זען בײַ דעם „ציקאָ" קאָנווענשאָן, האָט ער מיך אײַנגעלאַדן צו קומען צו אים. איך האָב בײַ אים פאַרבראַכט אַ האַלבן טאָג און אַרומגערעדט וועגן פיל שותפותע זכרונות, וועגן די באַקאַנטע פון די קינדערשע יאָרן, ווי אויך פון די שפּעטערדיקע יאָרן פון „בונד", פון ווילקאָמיר; פלעגט ער אָפט דערמאָנען זײַן פעטער ברוך מיט התפעלות:

— אַי, איז ער געווען אַ למדן!... ער האָט געקענט אַ סך לערנען!...

ליעסין האָט געשטאַמט פון אַ גרויסער פאַמיליע רײַכע באַלעבאַטים. לומדים, רבנים, וועלכע זײַנען געווען פאַרצווײַגט אין פיל שטעט און שטעטלעך פון אונדזער ראַיאָן. ער האָט מיר אויך דערציילט: דאָס אין קורלאַנד אין אַ שטעטל וואלטון, האָט אַמאָל געוווינט אַ רײַכער ייִדישער באַלעבאָס, און ער האָט געהאָט זעקס טעכטער; יעדע טאָכטער האָט חתונה געהאַט פאַר אַן עלוי, וואָס ער פלעגט אויסקלײַבן אין די ישיבות, און דאָס ער, ליעסין, איז אַן אָפּשטאַמונג פון איינע פון די טעכטער, און דאָס זײַן נאָמען וואַלט איז נאָך יענער שטעטל. צווישן די פאַרשידענע ערינערונגען האָט ער אויך דערמאָנט דאָס ווען ער האָט געזאָגט דאָס די סטרײַקס, וואָס עס זײַנען פאָרגעקומען דאָן אין ווילנע און אין מינסק, איז געווען אַ קאַמף פון קבצן קעגן דלפון, איז ניט ווײַל איך בין געווען קעגן סטרײַקס אין אַלגע־מיין, מיר האָט נאָר פאַרדראָסן וואָס דאָס איז פאָרגעקומען מערסטנס נאָר בײַ די ייִדישע באַלעבאַטים, ווו דער אינספּעק־טאָר און די פּאָליציי פלעגן אַרויפלייגן געלט־שטראָפן און שלעפן כאַבאַר. די קריסטלעכע באַלעבאַטים האָט דאָס כמעט ניט אָנ־גערירט; אויסער דעם, די אינטעליגענטן אונטער דעם אײַנפלוס פון דער דײַטשישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער ליטעראַטור, האָבן דאַן אין אַלץ געוואָלט נאָכמאַכן דײַטשלאַנד ניט נעמענדיק אין אָנבאַטראַכט די מעגלעכקײַטן און די אומשטענדן פון די ייִדישע אַרבעטער.

וועגן דער „ציקאָ" קאָנווענשאָן. איך האָב אים אויפמערקזאַם געמאַכט, דאָס די רעדעס פון מנחם באָריישאָ און פון ש. ניגער בײַם קאָנווענשאָן זײַנען געווען אײַנ־האַלטסרײַך און שיין, נאָר איך האָב בעת מעשה געטראַכט, דאָס

די גאַנצע זאַפטיקײַט פון דער שפּראַך, דער גאַנצער חן און לאָגיק, איז באַשטאַנען אין דעם ווען זיי האָבן געבראַכט אַ מאמר חז״ל, אַ בײַשפּיל פון דער ייִדישער געשיכטע ווי די מעשה פון „תּן לי יבנה וחכמה״ אָדער אַ פּסוק פון תּנ״ך. צי וואָלטן זיי אָדער אַנדערע באַוווּסטע שרײַבער, געקענט זײַן דאָס וואָס זיי זײַנען? פאַרנעמען אַזאַ פּלאַץ אין דער ידישער ליטעראַטור? ווען זיי וואָלטן ניט געווען באַקאַנט מיט די ייִדישע למודים, תּנך, גמרא, מדרשים און ייִדישע היסטאָריע א. ד. גל. און אַנשטאָט דעם, וואָס די קינדער פון די אַרבעטער רינג שולן, שלום עליכם שולן, גייען דרײַ־פיר יאָר אין שול און דערנאָך קענען זיי קיין ייִדיש ניט, ווען מ׳וואָלט פאַר דער צײַט מיט זיי בעסער דורכגעלערנט תּנ״ך, וואָלטן זיי איצט געקענט ייִדיש, און וואָלטן געזאָגט חלה אַנשטאָט „האַלע״ און בעסער פאַרשטאַנען שלום עליכם מיט זײַנע קאַפּויערדיקע „טײַטשווערטער״, וואָס אין דערין ליגט אַ גרויסער טייל פון זײַן הומאָר. ליעסינען איז מײַן געדאַנק זייער געפעלן געוואָרן — „אָט דאָס זאָג איך שטענדיק״ — האָט ער מיר געענטפערט צופרידן. — „ווי קען מען פאַרשטיין גוט ייִדיש ניט קענענדיק כאָטש אַביסל העברעיִש. אין די רוסישע גימנאַזיעס האָט מען געלערנט סלאַוויאַניש אום צו קענען גוט רוסיש. מיר טוט איצט באַנג, וואָס איך האָב אויפגעהערט צו שרײַבן אין העברעיש״.

בײַ מײַן פאַרלאָזן זײַן הויז האָט ער בײַ מיר גענומען אַ פּאָר פון מײַנע זכרונות, וועלכע עס האָבן אים פאַראינטערעסירט און איך האָב פון אים גענומען אָפּשיד. אין סטריט האָב איך זיך איצט דערמאָנט וועגן אַ בריוו, וואָס איך האָב דערהאַלטן פון אים, אַלס אַן ענטפער וועגן אַן ערינערונג, וואָס איך האָב געהאַט צוגעשיקט פאַר דער „צוקונפט״ בעת עס איז געווען דר. זשיטלאָווסקיס 70־יאָריקער יובילייאום. דער בריוו איז אינטערעסאַנט, פאַר מיר אַלנפאַלס, און זײַן אָפּשאַצונג וועגן דר. זשיטלאָווסקין, וואָס איז געווען אין מערסטנטייל אײַנשטימיק מיט מײַן מיינונג, און ער גיט אָן די אורזאַכע פאַרוואָס ער האָט דאָס ניט געדרוקט און וועגן אַ פריערדיקן בריוו, וואָס איך האָב אים געשריבן, און ער האָט זיך בײַ מיר אָנגעפרעגט צי ער קען דאָס אויסנוצן אַלס מאַטעריאַל. איך האָב אים דאַן געוויינלעך געגעבן די פולע רעכט, ווי אויך וועגן איינעם אַ מר. ט., וואָס איך דער־

מאַן אין מײַן ערינערונג. דער מר. ט. איז וואַלטס אַ לאַנדסמאַן, און איך האָב געוווינט מיט אים צוזאַמען אין איין צימער אין בערן, שווייץ. איצט איז ער סעקרעטאַר בײַם פינאַנס־מיניסטער פון דער ווײַס־רוסישער רעפובליק אין סאָוועטן־רוסלאַנד. און ליעסין כאַראַקטעריזירט אים זייער אומסימפּאַטיש, און וועגן נאָך אייניקע פראַגן, וואָס מיר האָבן באַרירט אין אונדזער געשפּרעך און ניט פאַרענדיקט, און עס האָט מיר שטאַרק פאַרדראָסן. בײַ אַ צווייטער געלעגנהײַט, האָב איך געטראַכט, ווען איך וועל זיך נאָכאַמאָל מיט אים טרעפן, דאַרף מען זען, דאָס ניט צו פאַר־געסן. און איצט קומט אויס צו זאָגן: „חבל אל דאבדין דלא משתכחין"", ווי איז אויף דעם פאַרלוסט, וואָס קען ניט פאַר־געסן ווערן. און נאָך גרעסער איז דער ווייטאָג, וואָס מיר האָבן נאָך דערווײַל ניט ווער עס זאָל פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון אַ וואָלאַדעק און אַ ליעסין.

צום זיבעציק יאָריקן יובילייאום פון
דר. זשיטלאָווסקי

(ניט קיין געהאַלטענע רעדע)

בײַ אַ קאָנפערענץ פון דר. זשיטלאָווסקיס יובילייאום האָט מען אים געזונגען שבחים און מען האָט אים אַזוי פיל טובל געװען אין ייִדישקײַט, אַז עס האָט זיך כמעט אינגאַנצן ניט אַרויסגעזען דאָס, וואָס ער איז פריער פאַר אַלץ דר. זשיטלאָווסקי דער סאָציאַליסט.

איך, אַלס אַלטער סאָציאַליסט און אַ פאַרערער פון יובילאַר פאַר זײַנע פאַרדינסטן צום סאָציאַליזם אין אַלגעמיין און צום „בונד" בפרט, וואָס איך קאָן אים פערזענלעך פאַר די לעצטע 35 יאָר, האָב זיך געפילט פאַרפליכטעט אָנצושרײַבן די דערקלערונג, וועלכע איז נאָך מײַן מיינונג אַ מער ריכטיקע אָפּשאַצונג, אָן איבערטריבענע לויב־געזאַנגען. דר. זשיטלאָווסקי אַלס געלערנטער, אַלס לעקטשורער און אַלס סאָציאַליסט.

אויפן ערשטן צוזאַמענפאָר פון „בונד" איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן צווישן פיל אַרבעטער־פאָדערונגען, אויך די פאָדערונג גלײַכע בירגערלעכע רעכט פאַר אונדז ייִדן אין רוסלאַנד. דאָס איז געווען פאַר אונדז זעלבסטפאַרשטענדלעך: מיר זײַנען בירגער פון אַ לאַנד, ווו מיר צאָלן שטייערן, מען נעמט אונדז פאַר סאָלדאַטן, און מען באַרויבט אונדז פון די עלעמענטאַרע רעכט אַלס בירגער. קיין גרויסע טעאָרעטיקער איז צווישן די דרײַצן אָנוועזנדע ניט געווען. אייניקע יונגע אינטעליגענטן סאָציאַליסטן, וואָס זײַנען געווען פאַרנומען מיט רעוואָלוציאָנערער אַרבעט: אַגיטאַציע, פּראָפּאַגאַנדע, שאַפן און פאַרשפּרייטן ליטעראַטור, פירן פאַרבינדונגען מיט אַנדערע שטעט און מיט אויסלאַנד א. ד. גל. און אויך עטלעכע אַרבעטער אַגיטאַ־

טאָרן פון אייניקע שטעט, וגם אני בתוכם. איך האָב דאָן פאַר־טראָטן ביאַליסטאָקער יאַיאָן.

אויפן דריטן צוזאַמענפאָר פון „בונד", ווו איך האָב נאָכאַ־מאָל געהאַט די ערע צו זײַן אָנוועזנד (אַלס פאָרטרעטער פון דווינסק), האָט זיך אָנגעהויבן אַ הייסע דיסקוסיע איבער אַן אַרטיקל, וואָס איז געווען געדרוקט אין „אידישן אַרבייטער" (וואָס עס פלעגט אַרויסגעבן דער אויסלענדישער קאָמיטעט פון „בונד"). דאָרטן האָט זיך שוין געפאָדערט נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ר ע כ ט פאַר די יידן אין רוסלאַנד. דער אַרטיקל און אַ שיר איז געווען אונטערגעשריבן פון איינעם „בן אהוד". די פאָדערונג איז פאַר אונדז געווען נײַ. דער אויסלענדישער דעלעגאַט (דזשאָן מיל) האָט פאַרטיידיקט דעם קאָמיטעט, און איינער פון זײַנע אַרגומענטן איז געווען: ווייסט איר ווער דער „בן אהוב" איז? איינער פון די גאָר גרויסע געלערנטע סאָציאַליסטן, וואָס איז אַ ספּעציאַליסט אין דער פראַגע". ער איז דאָן די פאָדערונג שטאַרק באַקעמפט געוואָרן אַלס נ אַ צ י אָ נ אַ ל י ס ט י ש ע און מען האָט זיך דאָס דערקלערט דערמיט, אַזוי ווי דער גאַנצער קאָ־מיטעט פון „בונד" איז דאָן געזעסן אין מאָסקווער „בוטירקע" (טורמע), און מיר זײַנען דאָן געווען כמעט אָן אינטעליגענטע קרעפטן, האָט געקאָנט פּאַסירן, דאָס מען זאָל דורכלאָזן אַזאַ אַפּיקורסישן געדאַנק ר"ל.

מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער, ווען איך בין געקומען נאָך בערן, שווייץ, איז געווען געמאָלדן, אַז אויף אַ באַשטימטן אָוונט וועט לעקטשורן איבער „סאָציאַליזם און זײַנע קעגנער" דר. זשיטלאָווסקי. איך האָב זיך אויך דערוווּסט, אַז דאָס איז דער „בן אהוד". איך האָב שוין די לעקטשור ניט דורכגעלאָזן, און איך האָב דעם ערשטן מאָל געהערט אַ פרײַע פּאָפּולערע אָפּהאַנד־לונג איבער סאָציאַליזם , ווו עס זײַנען געווען בײַ אַ הונדערט יונגע סטודענטן און סטודענטקעס, אויף אַ פרײַער פּלאַטפאָרמע, אָן דער מורא פאַר פּאָליציי, אין זייער אַ שיינער שפּראַך. אויף מיר האָט דאָס געמאַכט אַ גוטן אײַנדרוק און איך בין געווען באַ־גײַסטערט. נאָכן לעקטשור בין איך צוגעגאַנגען צו אים און אויס־געדריקט מײַן צופרידנהײַט. נאָך אַ קורצן געשפּרעך האָט ער מיך אײַנגעלאַדן אויף אַן אָוונט צו זיך אין וווינונג. צום באַשטימטן

אָוונט בין איך געקומען צו אים, ער האָט מיך אויפגענומען אין זײַן לעזע־צימער. אַ גרויסער, הויכער צימער, אַרום אַלע פיר ווענט פּאָליצעס מיט ביכער, זשורנאַלן פון אויבן ביז אַרונטער, אויפן שרײַב־טיש זײַנען געלעגן אייניקע נומערן: „די דײַטשישע סאָציאַליסטישע מאָנאַטס העפטן", אַ בערענשטייניאַנער זשורנאַל, פון וועלכן דר. זשיטלאָווסקי איז געווען איינער פון די רעדאַקטאָרן. ווען איך האָב איבערגעקוקט דעם אינהאַלט פון אַ נומער, האָט ער מיר געגעבן אַלס מתנה אַ דײַטשישע בראָשורע.

„ווען איר וועט זיך אַביסל מער צולערנען די שפּראַך, וועט איר זײַן אימשטאַנד דאָס צו לעזן" — האָט ער מיר געזאָגט. „די בראָשורע האָב איך אָנגעשריבן; דאָס איז אַן אָפּהאַנדלונג איבער די נאַציאָנאַלע פראַגע; די עסטרײַכישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט דאָס אַרויסגעגעבן און פאַרשפּרייט אין די טויזנטער עקזעמפּליאַרן אין די צײַט פון וואַלן". עסטרייך איז דאַן געווען אַ לאַנד פון אַ סך נאַציאָנאַליטעטן, און עס איז אָנגעגאַנגען אַ שטענדיקער קאַמף צווישן די נאַציאָנען. שפּעטער איז אויך דערשינען די בראָשורע אין רוסיש. פיל יידישע נאַציאָנאַל־געשטימטע יונגעלײַט זײַנען געוואָרן מיר סאָציאַליסטיש געזאָגען, ווען זיי האָבן זיך איבערצײַגט, דאָס סאָציאַליזם מיינט ניט, אַז מען דאַרף פאַרלייקענען זיך זעלבסט אַלס נאַציאָן, און אַז דאָס פירט ניט דווקא צו אַסימיליאַציאָן. אויך פיל סאָציאַליסטן האָבן זיך גענומען מער אינטערעסירן און שטודירן די נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען.

דורך דער ווירקונג פון דר. זשיטלאָווסקי און דורך זײַן באַקאַנטשאַפט מיט פיל בונדיסטן, האָט דער „בונד" געביטן טיילווײַז די פּראָגראַם, אין וועלכער עס האָט זיך שפּעטער אויסגעקריסטאַליזירט. און אין אַלגעמיין איז ער געווען אַ פּאַטריאָט פון „בונד" און געזונגען שבחים דעם „בונד" ביי פיל געלעגנהײַטן, און אַרויסגעהאָלפן טעכניש און פיל אַרבעטן פון „בונד".

אין בערן האָב איך געוווינט צוזאַמען מיט אַ מינסקער סטודענט פון כימיע ט. ער מיט אַ צווייטן סטודענט פון זעלבן קורס, אויך מײַנער אַ נאָענטער חבר, ש. פײַנבערג, פון וויטעבסק. זייביידע האָבן געאַרבעט אויף דער איבערזעצונג פון קאַוטסקיס „ערפורטער פּראָגראַם" און איך פלעג ביסלעכווײַז אַרויסהעלפן. ווען דאָס איז פאַרטיק געוואָרן, האָט דער פאַרטרעטער פון „בונד", גענ.

גלעב (אברהם מוטניק) נאָך מורא געהאַט צו פאַרלאָזן זיך אויף זיי־ער קאָמפּעטענץ און האָט דאָס געגעבן רעדאַקטירן דר. זשיטלאָוו־סקין. אויך דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט" איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון „בונד" אין ייִדיש אונטער זײַן רעדאַקציע. וועגן דר. זשיטלאָווסקיס ייִדישיזם, האָט מיר דערציילט מײַן פרײַנט פײַנ־בערג, דאָס זיי האָבן אַמאָל שפּאַצירט, אַ גרופּע סטודענטן מיט דר. זשיטלאָווסקין און דיסקוטירט וועגן ייִדיש. זיי זײַנען פאַרבײַ אַ טישל, ווו אַ שווייצאַר האָט פאַרקויפט ווײַנטרויבן, איז צוגעגאַנגען צו אים דר' זשיטלאָווסקי און האָט אים אָפּ־געגעבן אַ ברייטן „גוטמאָרגן!" און געבעטן אַ פונט ווײַנטרויבן אין אַן איינפאַכן ליטווישן ייִדיש. ער האָט אים באַצאָלט און צו־געקומען צו דער גרופּע און געזאָגט אין שפּאַס טריאומפירנדיק: „איר זעט ווי ייִדיש איז אַן אינטערנאַציאָנאַלע שפּראַך און מען קען אויסקומען מיט ייִדיש איבעראַל?"

ווען זשיטלאָווסקי איז געקומען אין ניו יאָרק אַלס פאַרטרע־טער פון די סאָציאַליסטן רעוואָלוציאָנערן אין 1904 אָדער 1905 און געהאַלטן אַ סעריע לעקציעס, זײַנען די ערשטע פּאָר לעקציעס געווען איבער מאַרקסיזם. איך האָב געהאַט גוטע לערער אין מאַרקסיזם, איך האָב באַלאַנגט אין אַ קרײַז פון ליובע אַקסעלראָד, אין אַ מאַרקסיסטישן קרײַז ווו פּלעכאַנאָוו איז געווען דער אָנפי־רער, אויסער דעם האָב איך געהערט לעקטשורן און דעבאַטן איבער פאַרשיידענע מאַרקסיסטישע פּראָגן, לענינען און מאַרטאָוון. מיט דעם לעצטן בין איך אַ צײַט געקומען אין אָפּטער באַרירונג. מאַרטינאָוו און וויקטאָר טשערנאָוו, פּראָפ. רײַכעסבערג פון בער־נער אוניווערזיטעט איבער סאָציאָלאָגיע און פילע אַנדערע, און פון קיינעם האָב איך ניט געהערט אַזוי גרינטלעך אַלזײַטיק און פּאָפּולער דערקלערט דעם מאַרקסיזם ווי דר. זשיטלאָווסקי. דער־נאָך אין זײַנע ווײַטערדיקע לעקציעס — די קריטיק פון מאַרק־סיזם און די פּראָגראַם פון די ס.אַ. רעוואָלוציאָנערן — זײַנען מיר ס.־ד. מיט אים ניט געווען אײַנשטימיק, נאָר דאָס באַלאַנגט ניט צו דער איצטיקער טעמע. איך בין קיינמאָל ניט געווען קיין אָנהייגער פון זײַנע אידעען, אָבער איך האָב אַלעמאָל הויך געשעצט זײַן ערנסטקײַט און פעיִקײַט אַלס רעדנער, לעקטאָר און אַלס פּאָפּולאַריזאַטאָר. קיין נײַעס האָט ער ניט באַשאַפן. די פּראָגראַם און די טאַקטיק פון די ס.־ר., וועלכע ער האָט געהאָלפן

שאַפן, איז געווען געלערנטע פאַר אים, ווי אַ פּיאָטר לאַווראָוו, מיכאַילאָווסקי און אַ גאַנצע פּלעיאַדע פון פּובליציסטן, פּאָעטן, שרײַבער, פון די „נאַראָדניקעס", ביז די „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", פון וועלכע די סאָציאַליסטן רעוואָלוציאָנערן האָבן מיט רעכט זיך געהאַלטן פאַר זייערע יורשים.

איצט מוז מען צוגעבן, דאָס אין דער הינזיכט פון „אַרי־בערשפּרינגען אַ פּעריאָד אין דער היסטאָריע", וואָס די נאַראָד־ניקעס, די ס.־ד. האָבן געשטרעבט, און האָבען געטענהט „דאָס ניט אַלעס מוז זיך אויסקאָכן אין דעם קאַפּיטאַליסטישן קעסל". די ס.־ד. פּלעגן ריידן און שרײַבן וועגן דעם מיט אַ איראָניע, און וואָס איז דער רעזולטאַט? — רוסלאַנד האָט געמאַכט דעם שפּרונג פון צאַריזם צום באָלשעוויזם; אָבוואָל מיט דעם אַזיאַ־טישן באַרבאַריזם, ווי דאָס איז דורכגעפירט געוואָרן, מיט פיל קרבנות און אומשולדיקע ליידן, וואָס דאָס האָט געבראַכט, דאָך גלויב איך ניט, אויב עס געפינט זיך איצט איין סאָציאַליסט, וואָס וואָלט געוואָלט זען דאָס עס זאָל אײַנגעפירט ווערן צוריק פּריוואַט־אייגנטום אויף די הויפּט־מיטלען פון פּראָדוקציאָן א. אַזוי ווײַטער.

אויך אין דעם י י ד י ש ן זעלבסטבאַוווסטזײַן אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע, וווּ ער האָט פיל מיטגעהאָלפן, איז אויך געווען פאַרלויפער פאַר אים, ווי אַ מאָזעס העס, דר. פּינסקער. ער, זשיטלאָווסקי אָבער, האָט אַרײַנגעבראַכט זײַן אָריגינאַליטעט און צוגעפּאַסט די טעאָריע צו דער רוסישער און יידישערווירקלעכ־קײַט און דאָס איז אויך אַ גרויסער פאַרדינסט. מען ברויכט צו דעם פאַרשטיין די פּסיכאָלאָגיע פון די מאַסן, צו וועמען די ווירקלעכקײַט דאַרף צוגעפּאַסט ווערן. „די רוסישע ס.־ד. האָבן אַי־בערגענומען דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטיזם פון דײַטשלאַנד אין דעם בוכשטעבלעכן זין"... דערפאַר האָבן טאַקע די סאָצ. רעוואָלו־ציאָנערן געהאַט דעם גרעסטן דערפאָלג צווישן די פּויערים (וואָס זיי זײַנען געווען זייערע אַדעאָלאָגן) און אין דער „דומע". אויף דר. זשיטלאָווסקין קאָן מען פולקאָם זאָגן דעם זאַץ פון דעם פּוי־לישן פּאָעט מיצקעוויטש: „איך ווייס ניט פון קיין העכערן סאָרט נאַציאָנאַליזם ווי נעמען די נײַעסטע און די פּאָרגעשריטענע אידעען און אַרײַנברענגען אין מײַן פאָלק" און דאָס איז וואָס דער

יובילאַר האָט געטאָן דעם גאַנצן לעבן מיט מער טאַלאַנט און מער פעיִקייט ווי פיל אַנדערע האָבן דאָס געטאָן.

צום ענדע וועל איך נאָכאַמאָל דערמאָנען דעם יובילאַר אַלס פּאָפּולאַריזאַטאָר. איך בין אימער געווען אַ פלײַסיקער לעזער פון דער שיינער ליטעראַטור, און ליב געהאַט צו גריבלען זיך אין די מער ערנסטע ווערק פון פילאָזאָפיע און וויסנשאַפט, ווי אין דער פּאַרטיי־ליטעראַטור, נאָר דעם גרעסטן גײַסטיקן פאַר־געניגן האָב איך געהאַט פון צוויי בראָשורן, פאַר וועלכע איך דערמאָנען שטענדיק מיט דאַנק און רעספּעקט די פּאַרפאַסער. די ערשטע איז וולאַדימיר קאָראָלענקאָס („סאָקראַטוס און זיין צייט), דאָרט גיט ער איבער די פּאָלעמיק, וואָס דער באַרוועסער פילאָ־זאָף פלעגט דיסקוטירן מיט די סאָפיסטן, און די צווייטע בראָ־שורע איז פון דר. זשיטלאָווסקי: „קאַרל מאַרקס, טאָלסטאָי און ניטשע, די דרײַ גרויסע דענקער פון 19טן יאָרהונדערט״. ער דערקלערט זייערע שיטות, מיט וואָס זיי אונטערשיידן זיך פון אַנ־דערע, און ווו זיי קומען זיך צוזאַמען. פון דער לעצטער בראָשור האָב איך געהאַט אַ פיל גרעסערע הנאה ווי פון דער שענסטער מו־זיקאַלישער אָפּערע. אין מוזיק בין איך, פאַר קיין ייִדן געדאַכט, אַ גרויסער עם הארץ, איך ווייס ניט דעם אונטערשייד פון איין טאָן ביזן צווייטן, און פון „האַרמאָניע״ האָב איך קיין שום ידיעה ניט, אויב עס געפעלט מיר, איז דאָס נאָר אַ געפיל־זאַך. אין די צוויי בראָשורן האָב איך באַוווּנדערט די שטאַרקע לאָגיק, די שיינ־קייט פון דער שפּראַך און הויפּטזעכלעך די שטרעבונג אַרויסצו־באַקומען דעם אמת.

און אויף דעם געביט ווינטש איך אים נאָך פיל יאָרן פרוכט־באַרע און ניצלעכע אַרבעט. און איך בין זיכער, דאָס מײַן ברכה וועט מקוים ווערן, ווײַל איך בין אַ כהן, וואָס פלעג אַמאָל בענטשן דעם כלל ישראל בײַם דוכענען מיט יברכך א. ז. וו.

א י נ ה אַ ל ט

זײַט

אבסיל זכרונות וועגן ח' הלכם זכרונות — פון ב. צביון — 7

פאָררעדע פון מחבר — — — — — — — — — — 11

ערשטער טייל

זכרונות פון אַ בונדיסט — — — — — — — — — — 21

צווייטער טייל

אַ קורצע פאָררעדע צום צווייטן טייל — — — — — — — 103

הונגער און קאַמף — — — — — — — — — — — — 105

נסים — — — — — — — — — — — — — — — 111

ווי אַזוי דער „בונד" האָט פאַרלאָרן אַ פילאָזאָף — — — 120

מײַן טשעמאָדאַן — — — — — — — — — — — — 126

ווי מען האָט געפײַערט דעם ערשטן מאַי אין ביאַליסטאָק 133

אַ שטרײַק אין קריניק — — — — — — — — — — 141

ווי מען האָט געפײַערט דעם ערשטן נומער פון אַן אייגענער צײַטונג — — — — — — — — — — — — — 149

אַ תעות — — — — — — — — — — — — — — 157

ווי אַן אגיטאַטאָר האָט זיך אַליין ניט דערקענט — — — 159

אַ שטרײַק צוליב הערינג — — — — — — — — — 164

דריטער טייל

אין אַ מאָמענט פון פעסימיזם — — — — — — — — 169
(געשריבן ביים פאַרלאָזן רוסלאַנד אין יאָר 1900).

וולאַדעק און ליעסין — — — — — — — — — — — 175

צום זיבעציק יאָריקן יובילייאום פון דר. זשיטלאָווסקי — 183